STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00343

GEZAMLTE LIDER

Michel Licht

Permanent preservation of this book was made possible by Joanne Prives in loving memory of her parents, Julius & Esther Prives and her brother Abraham Prives

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ̇יכל ליכט / געזאַמלטע לידער

ביכער פון מיכל ליכט

עגאָעמען און אַנדערע לידער, ניו־יאָרק, פאַרלאַג „לאָגלען" תרפ"ב.

וואַזאָן פאַרלאַג „אידיש לעבן", ניו־יאָרק, 1928.

פּראָצעסיעס און אַנדערע לידער. פאַרלאַג געליע, ניו־יאָרק, 1932.

לעצטע לידער, בוענאָס איירעס, 1954.

ניט צו דערציילן (דערציילונגען), פאַרלאַג געליע, בוענאָס־איירעס, 1955.

וועלוול גאָטה (פּאָעמעמואַר), פאַרלאַג געליע, בוענאָס־איירעס, 1955.

אויף די ראַנדן (וועגן ליטעראַטור) פאַרלאַג געליע, בוענאָס־איירעס, 1956.

געזאַמלטע לידער, פאַרלאַג געליע, בוענאָס־איירעס, 1957.

איבערזעצונגען

יורגען פון דזשיימס ברענטש קעיבל. פאַרלאַג „גראַהאַר און כּמאַדאַלסקי", 1929, ניו־יאָרק.

מאָדערנע אַמעריקאַנער פּאָעזיע, פאַרלאַג געליע, בוענאָס־איירעס, 1954.

מ י כ ל ל י כ ט

בעזאמלטע לידער

★

פ אַ ר ל אַ ג ג ע ל י ע
בוענאָס־איירעס
1957

פֿאָדערבלאַט געצייכנט פֿון עוועלין מאַרקאָן—ליכט

Copyright 1957 by Evelyn Licht, New York

MICHEL LICHT

POESIAS COMPLETAS



מיכל ליכט

אינהאַלט:

זייט

הקדמה פון נ. ב. מינקאָוו — 9

עגאָעמען — 1922

I

רעגונג און שטילקייט — 17
גראָטעסקן — 18
סענטימענט — 20
דעצעמבער — 20
פון ערגעץ — 21
פּאַרפום־בלעטער — 22
נומער פינף און נײַנציק — 23
שטערן: געלע און רויטע — 23
שטאָט־פּאַסטעלן — 24
וועגן לידער: צו אַ ליבהאָבער פון שיינקייט — 25
אורסולאַ פּאַפּטאַן — 28

II

נאָקטורן — 34
קעטסקיל־בערג: אימפּרעסיעס — 35
קבורה — 35
„בלייכע ליבעס געווערן"... — 37
ווערא פּאַקינאַ — 38
מישעל פּאַקין — 38
Orientale — 38
קוואַרטעט — 39
לעגענדע — 41
פּערספּעקטיוו — 43
אין שליסל פון ווייס — 45
צירק — 47
זונטיק: פינפטע עוועניו — 47
צו די גרינע צווייגן — 48
Moment clasique — 48

III

פענטאַד — 49
סאָפּיסטן־גאַלעריע — 50
Baedecker — 50
ליד פון די צוויי שיך — 51
קעגן שטראָם — 52
קונסט אין גאָרקיך — 53
פּראַגמענטן פון דעם וואָס איז איך — 54
מאָטיוו — 55
פּסיכאָאַנאַליז — 55
בלאָנדזשענדיק — 56
ליד פון געטלעכער פאַרנונפט — 57
אַ שנור מיט קניפּן — 59
טראַדיציע — 59
רעפלעקסיע איבער דעם צוזאַמענשפּיל פון מאַן און פרוי — 60

IV

פּראָצעסיע I — 63
פּראָצעסיע II — 73

באַוועגונג פון אַ סימפּאַניע — — 76

וואַזאַן — 1928

אייערנעכטן און איבערמאָרגן — 81
בוקעט — — — — — — — — — 82
געשמאַק — — — — — — — 83
„גראַם שטראַם מאַך מיר אַ לעטניק" — — — — — — — 84
„דיזי שינה נייאַי תפילה" — — 85
צום פּעטער ישעיהן מיט דער מומע פּעסיע — — — — — 86
האַדסן, דער גרייזער — — — 87
העויה — — — — — — — — — 88
ווידמונג — — — — — — — — 89
חדשות ביי אַ פּאַרוויל — — — 89
T. S. E. — — — — — — — — 91
טרוים... טרוים... — — — — — — — 92
י. ג. — — — — — — — — — 93
כשוף־כנופיה פּאַרלירט אַ מיטגליד 95
ליד מיט גרוס צו אַרטאַלאַן — — 97
„מה מלילז?" — — — — — — — 98
מוזיק — — — — — — — — 99
נ. ב. מ. — — — — — — — 100
נאַכטליד — — — — — — — 101
נאַרדישע מיפּאַלאַגיע — — — 104
E. P. — — — — — — — — — 106
פּאַנדאַראַ צעעפנט אויס צייטפאַר־טרייב איר שאַכטל — — — 107
„פּאָרטרעט פון קינסטלער אַלס יונגערמאַן" — — — 108
פּראַלעט (סטראַפּטשע) קולט — 109
פון הייליקע אַבסורדן און וויכ־טיקע לעבערלעכקייטן — — 110
פּוראַר: ששי. — — — — — — 111
פּראַגמענטן פון דעם וואָס איז איך 113
צווייגעשטאַלטיקייט: דואַליזם — 114
1921 — 1321 — 1265 — — — 115
Cul-de-Sac — — — — — — — 115
רבי ישראל און פּרימיטיווקייט — 116
רוים און ירושלים — — — — — — — 117
ריז און מילב: דואַליזם — — — 118
שאַלעמויזן און שאר ירקות: ד"ר קאַראַלניק — — — — 119
*** — — — — — — — — — 120
תיקו — — — — — — — — — 121

פּראַצעסיעס — 1932

I

פּראַצעסיע דריי. פּרעליוד — — 125
א. [פּינדאַר פּינדאַר] — — — 126
ב. [וווהין גייט ייד] — — — — — 127
ג. [קום, קום, נשר שוואַכער, קום] 128
אינטערליוד — — — — — — — 129
א. [ראַב פון דער גרויער נאַכט] 131
ב. [שניידט אַ דאמפּער] — — — 132
ג. [היינטיקע נאַכט] — — — — 133
פּאַסטליוד [ערשטע ווערסיע] — 135
[צווייטע ווערסיע] — 138
פּראַצעסיע פיר. יעדער בייער דיכטער: פּאַרליד — — — 141
אדם קדמון: 1—11 — — — — 145
פּראַצעסיע פינף: Ab Ovo —— 153
I. אַ מעשה מיט אַ מויז — — — 154
דאָס זעלבע: מער תכליתדיק — — 155
די טייבלעך ווילן זיך נישט שיידן מיטן בוזעם — — — — — — 156
שיר לה' ולמשיחו — — — — — — 157
די קורטיזאַנע פון סאַבאַטאַזש און האַרעפּאַשנעם שטאַנדפּונקט 158
אַ ברעקל אויסקונפט כלאחר יד 158
Tragedietta — — — — — 159
II. א. [וויפיל פרילינגס באַזונגען שוין זייבען...] — — — — 160
פּרילינג, אוי! — — — — — — 160
ב. [זומער־לעבן!] — — — — — 161
אַ זומער־מאָטיוו פון פּאַרצייטן, פונדעסטוועגן — — — — 162

זייט

ג. [האַרבסט איז האַרבסט] — — 162
דרויסן רעגנט ליריש — — — — 162
ד. [„אַ שנייַ איז געגאַנגען”...] — 164
בענעדיק XV ש”ע: אַ ווינטער פון
אונדזער געשיכטע — — — 164

III. גאָלד אין זאַמדיקן
קאַליידאָסקאָפּ — — — — 165

נענטער צו דער אייגענער הויט — 166
„אָבער די שטערן, די ליכטיקע
שטערן”.. — — — — — — 167

פראָצעסיע זעקס. Sirvente 1924 168
ליד פון האַרמאָנישקייט — — — 169
מיטן וועג צו דערלייזונגען — — 169
ליד פון מיטאָג — — — — — — — 170
אַרגומענט — — — — — — — — 171
ליד פון יאוש — — — — — — — 172
יולי־באָטיצן, א—ה — — — — — 172
ליד פון געמאָסטענער און
געוויגענער האָפענונג — — 174

אַקראָפּערזן — — — — — — — 175
באַמערק צו אַ פאַרווייל — — — 176
אייַנקויפנדיק זאַכן פאַרן הויז — 176
ליד — — — — — — — — — — 177
ליד פון טרייסט — — — — — — 177
אין וויפל יאָרן אַרום... — — — 178

פראָצעסיע זיבן.
א. [המה — לאָמיר זאָגן:...] 179
רעציטאַציע — — — — — — — 180
קטורת — — — — — — — — — 181
ד. [מיין ליד וועל איך אין קאָן
נישט שטעלן...] — — — 182
ה. [אין אַ דערפל, אין קליין
רוסלאַנד...] — — — — — — 183
שורות צו ב. ש. 1—3 — — — — 184
ז. [כ׳וואָלט זיך וועלן אַנטקליידן] 186
ח. [לאָמיר אַרויסכישופן...] — — 187
ביט „חוה און דער שלאַנג”...
ניט „אדם און חוה”... — — — 187

זייט

צו ח. — — — — — — — — — — 190
ביימאָדיש שורהגרוסל — — — — 191
יב. [מיין באָבע האָט געוווסט
מוזיי־מיך־ווערטן] — — — — 191
סע פלעגט זיך טאָן אויף טיש און
אויף בענק — — — — — — — 192

פראָצעסיע אַכט. ערשטער לאַמענט 193
סעסטינע — — — — — — — — 195
פלאַנך — — — — — — — — — 196
באַלאַדע — — — — — — — — — 197
צווייטער לאַמענט — — — — — 200
פראָצעסיע ניין. די נאַטור איז
נאַטירלעך — — — — — — — 202
אויף דער טעמע: „קיך־קנאים און
לאָוועלאַס־לאָר” — — — — 203

ליד — — — — — — — — — — — 204
אינצידענט — — — — — — — — 205
פאָרוואָרט צו אַ שטימונג — — 206
בדחן — — — — — — — — — — 206
דער הונט — — — — — — — — 207
„ווי דורך אַ קעפל פון אַ נאָדל” 208
מאַסקירטע שטימונג — — — — — 209
ליבעדערקלער — — — — — — — 209
פליג, פערד און שטאָרך — — — 210
קאַוואַלעריאַ אורבאַנאַ — — — — 211
די צווייטע רעליגיאָזיטעט — — — 211

II

באַטראַכטונגען — — — — — — — 213
דאָס ליד פון מיין שוואַרצן ברודער 219
עקס — — — — — — — — — — 222
פאַר אַ בלאַסער פאַווע — — — — 226
פרילינג־אָדע: אַ פאַרזוך — — — — 231
קליינע אַנטאָלאָגיע — — — — — 236
דער ווינט — — — — — — — — 240
אַ באַגעגעניש — אין אומגעגנט
פון אַרקאַדיע — — — — — — 258
[יעקבס פרייד] — — — — — — 272
מיין אַפּאָלאָג — — — — — — — 274

זייט

וועלוול גאָטה — 1934—1935

וואָרנונג צו די אוראַלטע מוזעס:
פראַגמענט — — — — — — — 279
ממו"ס — — — — — — — — 282
פרעליוד — — — — — — — — 284

וועלוול גאָטה — 1929

וועלוול גאָטה — — — — — — 287
פון וועלוול גאָטהס מאַנוסקריפּט 334
הערגישע קופּלעטן — — — — — 337
אין דער פרעמד — — — — — 337
אינדערהיים — — — — — — — 338
באַנעם — — — — — — — — 339
צאָרן און שיינקייט — — — — 339
וואַריאַציעס אויף אַ טעמע — — — 342

לעצטע לידער — 1954

"זיידע נח" — — — — — — — 349
אַן קאַליזיעס — — — — — — — 351
פון פּאַליאַטיוון — — — — — — 354
פּאַסטאָראַל פּאַר אַטאָמישן דור — 356
אַ בלעטל פון אַ פּנקס — — — — 356
גליוּוערשיין — — — — — — — 358
נאָך מאַרינאַ צוועטאַיעוואַס אַ
מאָטיוו — — — — — — — — 359

זייט

ארצינו — הארצעניו — — — — — 361
ביצה שנולדה ביום־טוב — — — 362
שאָדנווינקלדיק — — — — — — — 364
בוקעטל מיט סטענגעלעך מילד
מעלאַנכאָלישע — — — — — — 366
אויפגעריסענער זיגל — — — — — 367
דער אָבעליסק — — — — — — — 370
סאָנעט — — — — — — — — — — 372
דער דעמער — — — — — — — — 372
סאָנעט — — — — — — — — — — 374
דער טויט איז אַן אויסוועג — — — 375
אויף שטענדיק אַנשלאָפן — — — 376
"יתגדל ויתקדש האדם העברי" — 378
אשרי... — — — — — — — — — 378
קוניע כוואָסקל — — — — — — — 379
די הענט פון זשאַן־מאַרי — — — 380
ראָבערט פרוטץ: די פּאָמפּע וואָס
האָט מער קיין פּיפּס ניט
געטאָן — — — — — — — — 383
מערכה — — — — — — — — — 388
צו איר — — — — — — — — — 389
י"ז תמוז — — — — — — — — 390
אַז גאָט וויל ניט... — — — — 391
צו חוהן — — — — — — — — 392
לעצטע רגעס — — — — — — — 393
כ'באַגער צו לעבן... — — — — — 393
אַש און שטויב — — — — — — — 394
דערשיטער מיך, מיין הארץ — — 395

מיכל ליכטס ערשטע צוויי לידער זענען דערשינען אין 1917, אין ניו־יאָרקער זשורנאַל „דער אָנהויב", וואָס ז. וויינפּער האָט בשעתו רעדאַקטירט. מ'האָט די לידער גלייך באַמערקט. דער סטיל איז געווען אַן אימפּרעסיאָניסטישער. דאָך האָבן זיי זיך אונטערשיידט פון די דעמאָל־טיקע אימפּרעסיאָניסטישע לידער. זיי זענען טאַקע געווען העכסט סוב־יעקטיוו. די בילדער, אָבער, זענען געווען אָריגינעלע, און די פאָרם — אָ פריי־פערזיקע. די מוזיק אין זיינע לידער האָט דערמאָנט קלאָד דע־ביוסיס מוזיקאַלישע מאָלערייען. די צוויי לידער זענען געווען: „בלאָנ־דזשענדיק" און „פראַגמענטן פון דעם וואָס איז איך".

זיין ליד „דערשיטער מיך, מיין האַרץ" האָט ער שוין נישט באַוויזן אַליין צו שרייבן. ער האָט דאָס ליד דיקטירט. ער איז דעמאָלט געלעגן אין אַ טראַנס. דאָס איז געווען אין 1951, אין מאַונט־סאַינאַי־שפּיטאָל, ווען מ'האָט דעם האַרץ־קראַנקן פּאָעט קוים געבראַכט צו זיך נאָך אַ שווערער האַרץ־אַטאַקע. באַלד ווי מ'האָט פון אים אַראָפּגענומען דעם זויער־שטאָף־טאַנק, האָט ער געבעטן, מ'זאָל די שורות פאַרצייכענען.

אַלע לידער, וואָס ער האָט געשריבן צווישן די יאָרן 1917—1951 געפינען זיך אין איצטיקן בוך „געזאַמלטע לידער".

דאָס בוך „געזאַמלטע לידער" באַשטייט פון פינף טיילן. אין פיר טיילן דרוקן מיר זיינע פיר לידער־ביכער: „עגאָעמען און אַנדערע לי־דער" (1922), „וואַזאָן" (1928), „פראַצעסיעס און אַנדערע לידער" (1932) און „לעצטע לידער" (1954). דאָס לעצטע בוך איז שוין אַרויס נאָך זיין טויט. אין פינפטן טייל פון איצטיקן בוך געפינען זיך לידער און פּאָעמעס פון זיין מעמואַרן־בוך „וועלוול גאָטה".

די פינף טיילן אין בוך זענען באמת פינף פּאָעטישע שטאַפּלען אין ליכטס דיכטעריש לעבן. אין זיין ערשט בוך „עגאָעמען" זענען די לידער

פול מיט אימפּרעסיאָניסטישער בילדלעכקייט. אַלץ איז קלאָר געמאָלן. די שפּראַך איז ליכטיק און זויבער. דאָך באַמערקט מען אין זיי צוויי איינגנשאַפטן. איינס — די ליניעס אין די בילדער זענען ווייך, אָפּט אומ־באַשטימט און אַביסל נעפּלדיק. צוויי — די טאָנאַליטעט איז על־פּי רוב שטיל, לאַנגזאַם און ראָמאַנטיש. די דאָזיקע צוויי איינגנשאַפטן רופן אַרויס אַ סך דוכטענישן, ווייטע פאַרבינדונגען. אַזוינאַך זעען מיר אין זיינע ערשטע לידער — אַ מילדן עקספּרעסיאָניזם. אָבער דער הינטערגרונט איז אַ סוביעקטיוו־ראָמאַנטישער ווי ביי די מערסטע אימפּרעסיאָניסטן.

אין זיין בוך „וואַזאָן" ווייזן זיך שוין בולטע סימנים פון פאַרשיידענע עקסקורסיעס אין פּאָעטישן צערעבראַליזם. דאָך זענען די לידער דורכ־גענומען מיט רירנדיקע לירישע סענטימענטן. זיי זענען פול מיט נאָס־טאַלגישע און עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען. ליכט האָט זיי שטענדיק גע־וואָלט דיסטילירן, רייניקן. אָבער זייער שיינקייט איז טאַקע געלעגן אין פאַרבאָרגענעם אינטימען ליריזם, אין געלייטערטן סענטימענטאַליזם.

דאָס בוך „פּראָצעסיעס" האָט שוין אין זיך גרויסע קאַנוועס. דאָרט האָט ליכט פאַרצייכנט דעם גרויסן איבערבראָך אין אונדזער לעבן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיר זעען דאָרט דאָס צעפאַלנדיקע לעבן, דאָס כאַאָטישע. מיר זעען דאָרט אויך דעם גרויסן דראַנג צו געפינען דיסציפּלין אין די דעמאָלטיקע ווידעראַנאַנדן. דאָס זענען געווען די כאַאָ־טישע סתירות, וואָס האָלטן אין איין מערן זיך ביז היינט — דורך חורבן, בלוט און אומקום. אויך וועגן טראַנסצענדענטאַלע אַנטרינונגען דערוויסן מיר זיך אין טייל לידער. דאָס שלימותדיקסטע, אָבער, אין די לידער איז דער סימבאָליזם: דער סימבאָליזם אין תוך פון אונדזער ציוויליזאַציע מיט איר כאַאָס. דער הינטערגרונט און דאָס פרי־ערדיקע איז ווי אַלעמאָל ביי ליכטן: פאַרבאָרגן־ליריש און פאַרבאָרגן־סענטימענטאַל. דער קלאַ־סישסטער און פּאָעטישסטער מוסטער פון זיין סימבאָליזם איז די פּאָעמע „דער ווינט".

זיין בוך „לעצטע לידער" איז אַרויס אין 1954, אַ דריי־פערטל יאָר נאָך זיין טויט. ליכט האָט ליב געהאַט צו שליפן זיינע לידער. ליב געהאַט אַרויסקריגן פון די לידער פונקט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט אויסדריקן. נישט דאָס כמו־וואָרט, נישט דאָס כמו־בילד, נאָר אַרויסקריגן דאָס פּינקטלעכסטע — דאָס איז געווען זיין חלום. די אויסבעסערונגען אין די מאַנוסקריפּטן פון די „לעצטע לידער" זענען געווען אַ פּראָבלעם. טייל

לידער האָבן געהאַט עטלעכע אויסבעסערונגען. טייל אויסבעסערונגען איז געווען זייער שווער צו דעשיפרירן. די לידער אין אָט־דעם בוך זענען געווען פּאַרטראַגן־ראָמאַנטיש, יחידיש, פול מיט נאָסטאַלגיע. נאָך מער — פול מיט אימהדיקער איינזאַמקייט. דאָס זענען געווען לידער, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן ביי ליכטן במשך זיין לאַנגער האַרץ־קראַנקייט. איי־דער ליכט האָט געשריבן די לידער פון זיין לעצט בוך, האָט ער אין זשורנאַל „באָדן" (1934—1937) פאַרעפנטלעכט פראַגמענטן פון זיין „פּאָעמעמואַר" — „וועלוול גאָטה". די דאָזיקע מעמואַרן האָבן צוויי טיילן. דער ערשטער איז אַ פּרעלוד, געשריבן אין דער פּאָעטישער פאָרעם. דער צווייטער טייל, געשריבן אין פּראָזע, באַשטייט פון מעמואַרן — פאַקטועלע און פאַנטאַסטישע. דער פּאָעטישער טייל, דער פּרעלוד, גייט איצט אַריין אין די „געזאַמלטע לידער".

חוץ דעם פּרעלוד געפינען זיך אין דעם פּראָזע־טייל פון „וועלוול גאָטה" פאַרשיידענע לידער — אָנטבלויזנדיקע, פּסיכאָלאָגיש־אַנטפּלעקנ־דיקע. זיי זענען פּסיכאָגראַפיש וויכטיק, נישט געקוקט אויף ליכטס באַ־דויער־שמייכל איבער זיך אַליין. ער — וועלוול גאָטה — איז דאָרט אַ כריזאַליס, אַ בלאַסער שטערן, אַ פּייערדיקע זון.

אין דעם דאָזיקן פּרעלוד אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז דער דרך פון אַן אַמאָליקן אינטעליגענט און טרוימער. און דער הינטערגרונט איז שטענדיק דער יידישער לעבן־שטייגער. די טיפּן זענען מערקווירדיקע און אויסטערלישע. אויף זייער אופן פּערזאָניפיצירן זיי אייביקע סימ־באָלן. מיר זעען זיי אין טאָג־טעגלעכן לעבן. מיר טרוימען וועגן זיי. און אַלץ איז אַ פּראָדוקט פון דעם דיכטערס דמיון, מער — ווי ס'איז דיווירקלעכקייט.

ליכטס ערשטע ביכער זענען איצט יקר־המציאותן. ליכט האָט אויך אויסגעבעסערט אַ סך לידער זיינע, די פריערדיקע ווי די שפּעטערדיקע. דאָס זענען די סיבות פאַרוואָס די „געזאַמלטע לידער" גייען איצט אַרויס.

***

מיכל ליכט איז געבוירן געוואָרן י"ז תמוז תרנ"ג, דעם 30סטן יוני, 1893, אין דאָרף פליסק, קרעמעניצער קרייז, וואָלינער גובערניע, רוס־לאַנד. דער פאָטער האָט געהייסן יוסף, די מוטער — בינה, פון דער היים

וואָלאָשין. די עלטערן זענען געווען רענדאַרעס פון קליינעם שטאַנד. צווישן דער גרויסער, פאַרצווייגטער משפחה: באַלעבאַטים, דאָרפיידן, שענקערס, תבואה־הענדלער, וואַלד־סוחרים, פאַסעסאָרס — יידן פאַר־וואָרצלטע אין טיפן יידישן לעבן־שטייגער. פון זיי האָט מיכל ליכט גע־ירשנט דעם געזונטן, קערנדיקן אוקראַינישן יידיש. אייגנאַרטיק אידיאָ־מאַטיש, אייגנאַרטיק פאָלקסטימלעך איז געווען ליכטס יידיש — אין אינ־האַלט, גייסט און פאָרעם.

געווען אין ליכטס גרויסער משפחה אַ רייכער פעטער, אַ זייער פאַר־מעגלעכער פאַסעסאָר. געהייסן האָט ער ישעיה־יודל. די מומע — פעסי־חנה, פון דער היים ווײַנשטיין. די דאָזיקע פעטער און מומע האָבן נישט געהאַט קיין קינדער. האָבן זיי אויסגעבעטן ביי ליכטס עלטערן — האָ־דעווען דעם קליינעם מעכלען. איז פון דריטן ביזן צוואַנציקסטן יאָר האָט אונדזער מיכל ליכט זיך געהאָדעוועט ביים פעטער־מומען, אין דער דער־בייַיקער ביליזערקע (ביעלאַזאָרקאַ). ליכט איז אַזוי אַרום אויסגעוואַקסן אין אַ וועלט פון גרויס ליבשאַפט, רייכקייט און אַפילו לוקסוס פאַר יענע צייטן. מ׳האָט געהאַלטן פאַר אים די בעסטע מלמדים און לערער. זיין גאַנץ לעבן האָט ליכט געלעבט אין דעם פעטערס ברייטער האַנט אַט־מאָספערע און אין דער מומעס האַרציקייט. דורכן גאַנצן לעבן איז ליכטס באַציונג צו זיי געווען אַ טיף אינטימע, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט פיעטעט. ליכט האָט עס זייער פיין אויסגעדריקט אין זיין ליד „דער מומע פעסיע און דעם פעטער ישעיה". דאָס איז זייער אַ פאָלקסטימלעך, רירנדיק ליד. דאָס ליד איז, אגב, זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר ליכטן. עס איז: איינגעהאַלטן סענטימענטאַל, תמימותדיק פאָלקסטימלעך און העכסט מאָדערן.

אין 1913 האָט ליכט זיך געקליבן צו פאָרן קיין בעלגיע. ער האָט געהאַט בדעה אָנקומען אין ליעזשער אוניווערסיטעט. איידער אַריין אין די דלד־אמות פון אוניווערסיטעט און זיך אָפּגעבן אינגאַנצן מיט שטודירן, האָט ער געוואָלט זען אַביסל די וועלט. און אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך פונקט דעמאָלט געמאַכט. ליכטס טאַטע און עלטערע שוועסטער האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין אַמעריקע. די מוטער און די אַנדערע קינדער האָבן פאַרלאָזט רוסלאַנד כדי צו קומען קיין אַמעריקע. האָט מיכל ליכט אויס־געניצט די געלעגנהייט: ער וועט באַגלייטן די פאַרנדיקע משפחה קיין אַמעריקע, זיך זען מיט די נאָענטסטע און פאַרברענגען אין אַמעריקע אַ

קורצע צייט. איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע מיט דער מוטער, ברידער און שוועסטער אין יאָר 1913. ווען ער האָט זיך געקליבן צו פאָרן צוריק פון אַמעריקע קיין בעלגיע, זומער 1914, האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. ער האָט אַלץ געוואַרט ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן אַ ליאַדע טאָג. פון זיינע וואַרטענישן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך און ער איז שוין פאַרבליבן אין אַמעריקע. ער האָט זיך שנעל אַקלימאַטיזירט. ער האָט דערלערנט פּרעכטיק די ענגלישע שפּראַך און ער האָט ממשיך געווען זיינע שטודיעס. ער האָט שטודירט ליטעראַטור, פילאָסאָפיע, סאָ־ציאָלאָגיע און געשיכטע. זיין גרעסטער אינטערעס איז, אָבער, געווען מוזיק. מוזיק איז ביי אים געווען ממש אַ ליידנשאַפט.

ליכטס ערשטע פּאָעטישע פּרוּוון געהערן צו זיין קינדהייט. צו אַכט יאָר האָט ער שוין געשריבן רוסישע לידער. אין אַמעריקע איז זיין מוזע אַוועק אויף אַנדערע דרכים. ער האָט זיך גרינטלעך באַקענט מיט דער ענגלישער און אַמעריקאַנער פּאָעזיע. די ענגלישע און די אַמעריקאַנער פּאָעזיע האָבן אים איבערראַשט מיט זייער טיפקייט און עשירות. און ענגליש איז געוואָרן זיין פּאָעטיש לשון. די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע האָט ער טאַקע געדרוקט לידער אין ענגליש אונטער די פּסעוודאָנימען סאַנין און מ. ליכט סאַנין. די זשורנאַלן, ווו ער האָט געדרוקט זיינע לי־דער, האָבן געהערט צו די אולטראַ־מאָדערנע, ווי, למשל, „פּעיגען", „פּלעיבאָי", „סמאַרט סעט", א. א. ער האָט זיך געדרוקט דאָרטן מיט פּאָעטן, וואָס זענען שפּעטער געוואָרן וועלט־נעמען. אגב, — ליכטס לידער זענען אויך אַריין אין דער צווייטער „פּעיגען"־אַנטאָלאָגיע.

פריִער ווי אַלץ איז ליכט געווען אַ פּאָעט. אָבער אין ייִדיש איז זיין ערשטע זאַך געווען אַ דערציילונג, וואָס איז דערשינען אין 1916, אין ניו־יאָרקער „טאָג". ווי דערמאָנט פריִער — זיינע ערשטע לידער אין ייִדיש האָט ער אָפּגעדרוקט אין 1917. זיינע זאַכן זענען דערשינען אין „אָנהויב", „אין זיך", „פעדער", „שריפטן", „אונדזער בוך", „אָנזאָג", „די נייע צייטן". אינאיינעם מיט יעקב גלאַטשטיינען האָט ער רעדאַקטירט דעם מאָדערניסטישן זשורנאַל „לאָגלען" (1921—1922). מיט נ. ב. מינ־קאָוון — די זשורנאַלן „1925" און „1926". ער איז געווען אַ מיטרעדאַק־טאָר פון זשורנאַל „קערן" און אַ זייער נאָענטער מיטאַרבעטער אין פערטל־יאָר־שריפט „באָדן".

אין ליכטס אַרכיוו איז געבליבן אַ באַנד ענגלישע לידער, וואָס ער האָט געשריבן אין פאַרשיידענע צייטן.

ליכט, האָט חתונה געהאַט מיט עוועלין מאַרקאָן אין 1924. זייער צו־זאַמענלעבן איז געווען דאָס אידעאַלסטע, וואָס מען קען זיך פאָרשטעלן.

די לעצטע צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן איז ליכט געווען כמעט אַן אינוואַליד. ער האָט געליטן פון האַרץ־קראַנקייט. ליכט איז געשטאָרבן זיצנדיק אין דער זון אין קליינעם פאַרקל לעבן זיין הויז, 2411 וועב עוועניו, בראָנקס. ער איז געזעסן און געלייענט דעם נייעם נומער פון זיין באַליבטן זשורנאַל — דעם לאָנדאָנער „ניו סטעיטסמען ענד נעישאָן". גע־שטאָרבן איז ער אין עלטער פון 60 יאָר. נישט געקוקט אויפן קראַנקן מצב די לעצטע צוואַנציק יאָר, האָט ער טיף געלעבט יעדן טאָג פון זיין לעבן. און זיין לעבן איז געווען — ביכער, מאָלעריי און מוזיק. ער האָט פאַרמאָגט אַ רייכע קאָלעקציע פלאַטן פון דער וויכטיקסטער מוזיקאַלי־שער ליטעראַטור.

די לייענער, וואָס אינטערעסירן זיך מיט ליכטס אַנדערע שאַפונגען, וועלן געפינען פאַרשיידענע ידיעות וועגן זיין שרייבן אין די הקדמות צו זיינע אַנדערע ביכער.

ליכטס זעקס ביכער, וואָס זענען אַרויס נאָך זיין טויט, זענען אַרויס אַדאַנק דער אומדערמידלעכער זאָרג פון דער אלמנה, פרוי עוועלין מאַרקאָן־ליכט. אין דער אַרבעט האָט אויך צוגעהאָלפן דער שרייבער פון די איצטיקע שורות. אַ באַזונדערן דאַנק קומט דעם פּאָעט, דערציילער און קינסטלערישן מעמואַריסט — אברהם זאַק. אָן זיין הילף און איידעלער באַציִונג וואָלטן די ביכער קיינמאָל נישט דערזען די ליכטיקע שיין. אין די הערצער פון ליכטס מקורבים לעבט אַ טיף דאַנק־געפיל דעם דאָזיקן חשובן און עטישן שריפטשטעלער.

נ. ב. מינקאָוו

פעברואַר, 1957.

עגאָעמעז

און אַנדערע לידער

ב. ל. און ס. ד. ק. געווידמעט

I

רעגונג און שטילקייט

פיל איך ווען נאָר רעגונג, באַוועגט זיך דאַן מיין קערפּער
אַזוי מאָדנע און ציט מיך צו עטוואָס וואָס איז פּוסט און ליידיק. ס'איז גוט
צו פילן שטילקייט. שטילקייט איז אַ לאַבירינט פון זאַכן וואָס געווען
פאַרוואַנדלט דורך מאַגיק אין זאַכן וואָס זענען. רעגונג —
גיין. רעגונג אַנטבלויזט פאַרלאַנגען. שטילקייט
דעקט זיי איבער מיט אַ טייערן קילן שאָטן.

רעגונג איז אַ פוילער הונט וואָס בענקט
נאָך רו. שטילקייט איז דער פלינקער יעגער
פון עכאָס. רעגונג לויערט מיך אין טאָג־ליכט,
שפּאַנענדיק איבער די אומריינע שטאָט־גאַסן. שטילקייט
פילט מיין ווענן און ווי איך וואָלט בלאָנדזשען איבער די
פאַרגרינטע שטעגלעך פון וועלדער. רעגונג
איז אומווירדיק, ווייט פון שיין, אָפּשיילעך. שטילקייט
אָבער — ווו נאָר איך זאָל ניט קומען, דאָרט זיין איז אויך
פאַראַן דער וווּנדער פון לעבן. און דאָס איז —
שטילקייט.

גראָטעסקן

א

אויף דער גראָ־טאָגיקער שאָטן־ליניע
אַ שרעקלעך גרויסער שוואַרץ־געקליידעטער האָן
קרייעט קרעסטשענדאָ —

האַלבע עכאָ־טענער און
אַ שרעקלעך גרויסער שוואַרץ־געקלידעטער האָן.

ב

אין טונקל פון נאַכט —
ליבע טרוימען.

אַ קוילער גאַלאָפּירט
איבער מיין קאָפּ.

עפּעס די פריילעכסטע —
צעלאָזנסטע באַשעפעניש
אויף דער מאַמע ערד.

עס האָט זיך מיר פאַרוואָלט צו זיין אַ קוילער:
אַזוי פיל קוילער גליקלעכע פאַראַנען!

ג

פינגער שפּיצן: שטודיע

זיי שמייכלען
ווי ראָזער באַרכעט —

חן־גריבעלעך
אין פעטיטע באַקן —

אבער עפּעס
ווײנט רויט
און פֿאַרלירט דעם אָטעם
אונטער זײער באַרכעט־שמײכל.

ד

מאַציאַנען: שאָטן שפּיל

שטעל אײן דאָס לעבן
אין אַ שפּיל.

עפּעס פֿאַרפּלאָנצט
אין דײן האַרץ —

עפּעס פֿאַרפּלאָנצט
אין דײנע געהירן —

קלאַפּט, קלאַפּט,
פֿאַרלאַנגט —

(דער אײדעלער פּלאַנץ פֿאַרלאַנגט)

אַ ריזיקע אין דײן לעבן,
אַ שפּיל.

ה

געטערדעמערונג

פֿאַרהאַסטע, צײנלאָזע געטער
שמײכלען מעטאָדיש
אין אָריענטאַלישער שטימונג.

אַרום זײ
אין אַ צירקל
מענער און פֿרויען
לאַכן דעקאַדענטיש

פון זייער אימפּאָטענץ,
וואָס לויערט אויף זיי,
מענער און פרויען.

סענטימענט

פֿאַר רות וואָרטערס

איך האָב אויסגעשניצט מיין נאָמען און דעם נאָמען פון „זאָל זיין אַ פריינט״
אויף דער פרישער קאָרע פון אַ בערעזינע בוים.

דער זאַפט פון בוים איז געראונען ביז דעם פרימאָרגן נאָך דעם שניצן.

עס וואָלט געווען נאַטירלעך פאַר דעם זאַפט פון פריינטשאַפט
צו פליסן אַזוי לאַנג —

(וואָס, גראַדע, האָט אָדער יאָ אָדער ניט צו טאָן מיט דער זאַך)

דעצעמבער

איך גיי פאַרביי דיר
אָן אַ צייכן, אָן אַ וואָרט.

דער האַלבנאַכט ווינט
וועט וויינען, בלאָזן,
ביז די כמאַרעס —
שוואַרצע ווינטערדיקע כמאַרעס —
וועלן פאַרגיין
אין קלאָרן פרילינג־מאָרגן.

און דו,
אַוווּ דו ביזט,
פאַרבלייבסט אַליין
אין צאַרטער איינזאַמקייט.

אין יענעם טאָג,
ווען די ערד וועט זיך באַנייען,
וועט מיין ליבע אַרויסשפּראָצן
מיט די בליטן
אויף די ווייך־פאַרצווייגטעביימער.

איך וועל ניט גיין פאַרביי דיר
ד אַ ן
אָן אַ צייכן, אָן אַ וואָרט.

פון ערגעץ

די נאַכט איז שוין אויך דאָ;
געקומען ראַשיק, האַסטיק אויף אירע טונקעלע פּיס
און טרייבט אַרויס דעם שיין
וואָס פאַלט אויף מיר אין הויז.

נאַכט! וועסט זען: אויך דו, איצט אַלמעכטיק,
וועסט באַצאָלן פאַר דיין ווילן צו געוועלטיקן.
הינטער די בערג, אין „יענעם לאַנד",
גרייט זיך אויך אַלמעכטיק דיין שונא
מיט דיר טאָן דאָסזעלבע וואָס דו
ווילסט טאָן מיט מיר:

דער טאָג אין זיין זוניקן פאַנצער
מיט לאַנגע קופּערנע שפּיזן
קומט דיך פאַריאָגן צוריק אין דעם טונקל
פון וואַנען דו קומסט פאַרטרייבן דעם שיין,
וואָס פאַלט פון לאָמפּ אויף מיר אין מיין הויז.

פאַרפום־בלעטער

א

בלומען.

זיי האָבן מיך ליב און גיבן מיר פאַרגעניגן.
מיינע באַקן רויטלען זיך שעמעוודיק,
גלייך איך וואָלט וואַרפן אַ בליק
אויף מיין געליבטער —
אַ בלום!

ב

מיין האַרץ
פול ליבע גיסט זיך אויס פאַר זיי
און קלאַפּט פאָרפילנדיק אַ ראַנדעוווּ
מיט שטאַלטנע קערפּערלעך —
שיינינקע זאַכן.

אַ דין הייטל פון פאַרלאַנג
וועקט אויף דאָרט דאָס אָנרירן
פון הערצער.

ג

רויזן.

זיי פלאַטערן און חנדלען זיך
נאָך איידער איך קוש זיי,
כאָטש זיי גיבן זיך גיריק איבער צו מיר.

איך רייס זיי, טראָג זיי, פליק זיי.

פאַרגוואַלטיקונג!

אין דער עוועניו פון זינד און שיינקייט
ליגט טויט
אַ רויז!

נומער פינף־און־ניינציק

איך האָב זיך דיר געגריסט היינט פאַרנאַכט
ביי נומער פינף־און־ניינציק. (איך האָב געטראַכט אַ ווײַלע —
דו דערקענסט מיך!) דו, אָבער,
האָסט ווייטער געשפּאַנט ווי אַ שיינער טרוים
מיט הענט געמאַכט פון זייער ווייס פּאַפּיר
און קליידער אויסגעשווירן פון בלאָ און בלאָ.

אַזוי האָב איך דיך אפשר ליב
ווען דו דערקענסט מיך ניט.

דיינע ליאַלקע־באַקן וואָלטן זיך פאַרענדערט
פון שווער שוואַרץ־רויט בלוט,
וואָס וואָלט אָניאָגן אין גרויסע שטראָמען;

די „ג" סטרונעס־אָדערלעך אויף דיינע שלייפן
וואָלטן אויסקוקן ווי סטרונעס פאַר אַ סאַטיר־באַס
און ניט פאַר אַ ווענוס־פידל.

אַזוי האָב איך דיך, אפשר, ליב: מיט דיין געלאָסענעם בליק —
הימל־בלאָער קאָליר און עטוואָס גראָע כמאַרע, —
ווי איך צולייג, אומבאַמערקט פון דיר, פאַר דיר
אַ פייער ביי נומער פינף־און־ניינציק. (ווי האָב איך געקענט
אַפילו פאַר אַ ווײַלע טראַכטן: דו דערקענסט מיך?)

שטערן: געלע און רויטע

געלע און רויטע ליכטער
צינדן זיך

אין דער וואַכלאָזער נאַכט.

דער מיראַזש פון טאָג:

אויסגעשרייען פון געפייניקטע,
בלאָקייט פון הימל.

שוואַרצע ערד,
בלאָקייט פון הימל.

ווייכקייט.

אומענדלעכקייט.

געלע און רויטע ליכטער
צינדן זיך
אין דער וואַכלאָזער נאַכט.

שטאָט-פּאַסטעלן

א

טראַמווייען גייען פאַרביי.

אַ פּולער פּוס
אין אַ בלאָען דורכזיכטיקן זאַק
פון זייד־בראָקאַד —

פלאַם־רויטע האָר און אַ פּראַכטפולע פיגור.
איר גאַנג איז פון אַ טאָכטער פון אַ קיניגין
וואָס איז אַמאָל געווען יונג און ווילד.

אַ יונגערמאַן וואַרפט
הייסע בליקן
אויף די קליינע־קליינע שיכלעך —

זיינע אויגן פינקלען אַלץ העכער און העכער.

(ער וועט נאָך רוען מיט זיי היינט אין הימל!)

...יאָ, אַלץ העכער און העכער.

טראַמווייען

גליטשן זיך פאַרביי.

ב

קלויסטער־ראָג.

אײנער

פון אַ מענגע מענטשן

אויסגעקליבן אין אַ קילן צוונט.

זי שאָקלט מיט איר גאַנצן קערפּער

נענענדיק זיך צו אים:

„מיר וועלן עס היינט אַ לעב טאָן, בחור?"

זיינע ברעמען הענגען שווער איבער זיינע וווּנדער־אויגן,

ער באַטראַכט זי: קוקט אויף אירע קאָלירלאָזע שיך.

איר געזיכט — עטוואָס געשוואָלן.

איר גאַנץ וועזן — אָפן.

ער טראַכט. טראַכט.

זי וואַרט. וואַרט.

קלויסטער־ראָג איז טויט.

זי אָטעמט שווער און שלוקערצט — (הונגעריק

נאָך ברויט פון לעבן, ברויט פון ליבע?)

קלויסטער־ראָג.

טראַמווייען

שלענגלען זיך פאַרביי.

וועגן לידער: צו אַ ליבהאָבער פון שיינקייט

באַשיינט,

באַחנט,

גיסן זיי געזאַנגטענער
אין דעם פלאַטערדיקן רויש פון „זיין".
רייך געמאָלן אין אוזאָרן —
ציללאָז; מיט אַ ציל.

אויפגעכאַפּט אויף די דורכזיכטיקע פליגל
פון גאָלדענער אייביקייט,
זייערע לענדן אָנגעגורט מיט טרוימען,
אַרומגעכאַפּט פון פאַרלאַנגען —
וווּנטשן צעפלאַנצט ווי בלומען;

געפלאָכטן פון פעדים אין רוים,
באַצירט מיט טאָפּאַז־געלע צייט־שטיינער —

געזאַנגען פון ליבע,
געזאַנגען פון טויט,

די אומזעבאַר־האַרטע עקזיסטענץ
אינמיטן.

באַפּריידיקט,
באַצויבערט,
שאַפן זיי פאַר זיך אַנטוויקלטע געהירן
ווי געדאַנק קומט ביי געפיל, —
מענטשנהאַרץ
ווי געפיל געווינט איבער אינסטינקט, —
בלוט־און־פלייש געוועב
ווו אינסטינקט דערגרייכט אויפסניי צו דעם
וואָס געדאַנק וועט שפּעטער רעכטפאַרטיקן
צו סטאַנדאַריזירן אַ נייעם אָנהויב.

מוזיקאַלישע, זעליקע אויסדרוקן
ווי פון פייגלשע זינגזאַמע העלדזער,
שפּרייטן זיך אין דעם אומענדלעכן פורפור פון רעטעניש —
פאַרצאַפּלענדיק דאָס האַרץ פון האַרצלאָזע —

באַשיינט —
גערזאַנגען פון טויט,
געזאַנגען פון ליבע

(און די רונדע ווייסע ספערע
פאַנגט זיך אָן ווו,
לאָזט זיך אויס ווו,
ערגעץ, למשל —
די אומזעבאַר־האַרטע עקזיסטענץ
אינמיטן).

פריידיק פאַר די פילפאַכע אומענדלעכע
געזאַנגען פון ליבע,

יאָ
מוטיק אין די וואַריאירטע, גראָטעסקירטע
געזאַנגען פון טויט,

פאַרנומען מיט מיין צוגעבונדנקייט צו ביידע,
פול מיט זיי און זייערע באַגריפן,
בלייב איך פאַר אַ ווײַלע שטיין אויף דעם בערגל
פון אומזעבאַר־האַרטער עקזיסטענץ
און הער זיך צו אין עקזאַלטירונג:

ליבע־געזאַנגען,
טויט־געזאַנגען,

אַזוי אַלט מיט בעסטיאַלער הייליקייט,
אַזוי ניי מיט יונגער, אומגעניטער באַוועגלעכקייט —

טויט און ליבע:

געזאַנגען פון ליבע און טויט.

אורסולאַ פּאַפּטאַן

א

אורסולאַ אולטימע

אַ־דאָ זענען דיינע זאָמען, אורסולאַ.
דאָס צעגליטע גאָלד פון דיין נשמה, ווי דער זונס.
וועט מאַכן זיי פאַרדעקן די פלאַך
אונטער וועלכער עס ליגן באַהאַלטן
עמבריאָס פון פאָרמען.

ניט ווי איך ביסטו.
ניט ווי דו ביסטו.

דער אויבערשטער, וועלכער האָט דיר געשאָנקען דיין קריסטלעכן פאָטער
(ווייל דיין מוטער איז אין געבורט־אַגאָניע אויסגעגאַנגען)
האָט פאַר דיר אָנגעמערקט דיין וועג — אַ ציקל־פאָנטאַן.
און צוגעגלעט די נאַסע ערד
מיט זיינע פון אַרבעט פאַרמאָזאָליעטע הענט.

דער צייכן: אַ צלם.

און „פיטער־פענס״, און „הייליקע גייסטער״
דופליצירן אין מיין פאַרערונג
דעם מזבח און הייליק־הייליקטום פּרוכת.
אָ, מילעדי אורסולאַ.

דאָס רעדט צו דיין געשטאַלט — צו דיר אַליין.
טאָכטער פון קאַטוילישן קאָרק און גרינעם שאַמראָק,
אַ זון פון גלות און יאָך־טראַדיציע.

און האָסטו מיין שטים ווען פאַרנומען —
ציין־קריצנדיק, האַסטיק־ציטעריק מעג זי זיין —
וועט דיין געהער וואָס נעסט זיך אין דיין קליין דעקאָראַטיוו אויערל
אויך אויפציטערן און נערוויזירן:
מיר ביידע זענען האַרמאָניע.

ב

די אַטאַמאַנע אין ביכער־פּלאַץ

זיצן מיר ביידע, אורסולאַ, דאַ
ווו אַלערליי ביכער (דו קרוינסט זיי
מיט נעמען פון דימענטן, ברילִיאַנטן) שטייען
אויף געטאָקטע קורץ־פּיסיקע רויזנהאָלץ־טישלעך
אין קורצע קינסטלדיקע רייען: מילטאָנס „פּאַרלוירענער גן־עדן״.
(איך האָב אים ליב נאָר דערפֿאַר ווייל זיין דיכטונג
געפינט אים, געווינט אים פאַר מיר צוריק!)
„רעליגיאָ מעדיטשי״ פון בראַון. (דער בוך איז דיינער
אינגאַנצן, אורסולאַ: מיין גלויבן טאָר ניט ווערן דעפינירט!)
דער יונגער קאַרלייל, זיין שכן, קוקט מיט געניוס
אויף זיין עלטערן ברודער, דעם שיין־חקרן,
און פאַרטיפט זיך אין דער פּאָעזיע
פון קליידער. דער „סאַרטאָר־רעסאַרטוס״ אָפּוס.
ווי פרעמד, אורסולאַ, טייערע אורסולאַ, מיר איז דאָס געווען
נאָך נעכטן
ביינאַכט
ביי עפּעס אַ שיין (ניט לבנה — איך גלויב ס'איז געווען עלעקטריק)
ווען דו האָסט מיר דאָס דערציילט. — „קליידער
האָבן אויך אַ נשמה?״
„יאָ״, האָסטו געזאָגט, און דאָס ליכט אין דיינע אויגן
האָט זיך ווייך אויפגעלייזט
ווי פון אַ טיול־פאַרהאַנג וואָס האָט עס איידל פאַרצויגן.
(קליידער
האָבן אויך אַ נשמה?)

...די ליבע פון אמנון און תמר;
אַבשלומס לאַנגע האָר פאַרטשעפּעט אין די געדיכטע סוקעוואַטע ביימער...
דודס האַרפע... (ציטער, ציטער...
און ווייך געקלאַנג...)
און שלמה דער חכם... (און פרץ דער קלוגער...)

און שאול און שמואל... (און הערצל און אַחד־העם...)
און נאָך — גאָט מיינער, אורסולאַ, וווהין האָסטו מיך
פאַרפירט? האָסט מיך געפאַנגען אין אַ נעץ
פון קערפער און איבער־קערפער קליידער.

איך זינק טיף אין דיין קריסטלעכער וועלט פון קליידער־נביאים,
און זינגער פון איבערפלאַך וואָס וויברירט קוים,
און שאַפער פון כלים און טעם — צעבראָכענע טשערבעס.

ג

איך רוף צו דיר אין מיין בלוטיקן שפּיל און דערקלער דיר מיין ליבע.
צי איז עס דען דערפאַר וואָס די ידישע טאָכטער איז פאַרשאָלטן
מיט רו און געלאַסנקייט,
טאָר ניט אויפהויבן די האַנט צו גלעטן מיינע האָר?
(די איראָניע: מיין ידישער קאָפּ וואָס ברענגט מיר מיין קללה
אין דיינע הענט — די הענט פון קוילערס טאָכטער!)

דיינע ליפּן, בלוטיק און פול מיט חשד פון פעטע געריכטן,
ציִען, ציִען מיינע בלייכע ווי אַסקעטישע ליפּן, —
דער ריטואַל פון לײַדנשאַפט, געבוירן
אין דיין וועזן — ווי פייערדיקע בליצן,
אין מיין וועזן — ווי קילע אייז־געפרוירענע פיילן.

פאַר מיר ביזטו אַ שכינה (די שכינה איז וועזנלאָז,
זי אַנטהאַלט אָבער אַלץ).
איך פאַר דיר — דיין ראָמעאָ. (גערעכט.
דו וועסט קיינמאָל, אַפילו אין גרעסטן ליבע־עקסטאַז,
מיך ניט מאַכן דעם פאַרדאַכט צו פאַרגעסן!)

דו לאַכסט — און דיין געזיכט ווערט אַ ברונען פון גלוסטן —
פון מיר, ווען איך זינג צו דיר דעם „געזאַנג פון געזאַנגען".
איך קאָן ניט סערענאַדירן — ווי האָמפּרעי, דער לאַנגער שלעגער
פון צירק מיט זיין באַנזשאָ — אונטער דיין פענצטער.

פֿאַר מיר איז דײַן ליבע — דער באָדן.
דו אַליין — באָדנלאָז.
דײַנע װוּנדער־שײנע פֿיס שפּאַרן אָן אין Gael
איך האָב מיט דיר מיטלײד און האַלט דיך צונױפֿגעפּרעסט
אין מײַנע אומגעאײבטע דינע ייִדישע הענט.

פֿאַר דיר בין איך דער באָדן. די ליבע דער מיטל,
דער זין, װאָס מאַכט דיר לײַכט דײַן פֿאַרלאַנג אויף מיר צו טרעטן,
צו טאַדלען מיך פֿאַר מײַן קורץ־פֿעריאָדישער ליבע.

דאָס איז דײַן האַס צו מיר, אורסולאַ,
דו קרױנסט עס מיט דעם נאָמען ליבע.
איך װײס בעסער. דאָס איז האַס.

די ייִדישע טאָכטער איז מײַן װײַב, מײַן הײליק אומבאַפֿלעקט װײַב,
דו אָבער — מײַן קעפּס־װײַב.
איך װײס עס און פֿײַניק זיך דערפֿאַר.
דו װײסט עס און שעפּסט דערפֿון אַ ים מיט פֿאַרגעניגן.

מײַן װײַב צי מײַן קעפּס־פֿרױ —
אַצינד איז דער סוד פֿון מײַן לעבן אינגאַנצן
פֿאַרצװײַגט אין מײַן באַציִונג צו דיר,
אין דײַן לײדנשאַפֿט צו מיר,
אַ, קריסטלעכע מילעדי אורסולאַ.

ד

אײדער איך טו פֿאַרגײן אין די זינד פֿון די אָבות,
װעל איך זעלבסט אַ זינד באַגײן:

פֿאַר יעדן קוש פֿון דײַנע ליפּן —
אַ לױט כּבֿוד פֿון משיח־געזאַלבטן פֿאָלק;
פֿאַר יעדן ברױז פֿון בלוט אין דײַנע אָדערן
דאָרט אַ צװײַג פֿון בוים ישׂראל.

איך פֿאַררייס די נאָז? ניט שווין
וועסטו מיט מיר זיך פּרוּוון פֿאַרגלייכן?

דיך האָט געהאָדעוועט דער היישעריק אין פֿעלד אין וויסטן,
מיר האָט די טויב גאָלדענע עפּל אונטערגעטראָגן.
מײַן מאַמע האָט יעדעס מאָל איר לײַב געוואַשן,
ס׳זאָל אויף מיר קיין פּגימה ניט זײַן.

דיך האָט אַ בלודנע מוטער־טראַכט געטראָגן,
און... ניט דערטראָגן. עס סודן זיך דיביימער
אין די ווינטן וועגן דעם און די שכנים אין די גאַסן.

און וויפֿל מאָל האָסטו זיך זעלבסט באַגנבעט?

אַזוי פֿיל מאָל וויפֿל איך האָב זיך אַליין גענאַרט.
און וויפֿל מאָל האָסטו זיך געוואָלגערט אין די זומפּן?
וויפֿיל מאָל איך האָב מודה־אַני געזאָגט.

און אָט האָב איך פֿאַרגעסן אָן די תּפֿילהס
און ברענג קרבנות אויף דײַן מזבח:
מײַן זײַדנס קיטל (אַ ווײַסע צירונג פֿאַר זײַן זילבערנער באָרד),
דעם רבינס וווּנדער־שטעקן פֿון פֿימסענהאָלץ געשניצט,
אַ פּרוכת אַ ריינע, אַן ערשטלינג אויף די זומער צווײַגן,
בלעטלעך פֿון ספֿרים, פֿאַרשטויבטע אַנטיקן... און דו?

צוויי בריסט מיט צייכנס פֿון אומריינע הענט,
אַ לײַב געבייטשט פֿון אַן אינוויייניקסטן גיהנום
און רייץ און רעגונג פֿון אומגעצוימטע היהס.

אַז אָך און וויי, אורסולאַ.

מײַן אויסקויף־געלט ליגט בײַ דיר אויפֿן טישל.
די שטייג איז פֿאַרמאַכט, קיין וועג ניט אַרויס.
נאָר אַ פֿאַרצערונג פֿון אונדז ביידע וואָס ווישט אָפּ
די מחיצה צווישן דיר און מיר.

די נאַכט איז גרויס. נענטער, אורסולאַ.
דער פינגער קריצט דעם רעכנונג פאַר אונדז
אויף דעם ווענטל פון מיין אומבאַוווסטזיין.

ה

די גליִענדיקע זומערנאַכט לאָזט מיך קאַלט.
אורסולאַ,
ווי די פריקרע גאָלד־אַרבעט
וואָס הענגט אַראָפּ פון אַ דין דין קייטל
צו דיר אויפן האַרץ: דער געקרייציקטער גאָטמענטש.
איז דער צלם ניט יעזוסעס פערספּעקטיוו? —
בלייבט דער איינדרוק און עס איז דרינגלעך פאַרדראָסיק
וואָס גראַדע אַ „ליגן" איז דיין וואַלענטיי
און דיין פרוישאַפט פאַרשפּילט זיך מיט אַזאַ „נעגאַציע".

II

נאָקטורן

זיי זענען נאָך ניט געקומען די באַגרעבער
מיט פינצטערע שטורקאַצן אין זייערע ביינערדיקע הענט.
נאָך ניט. אַלץ ניט.

באַהאַלטן טיף אין שאָטן פון נאַכטלעכן טויט,
איילן זיי, די באַליבטע באַנדעס,
ווייל איך בעט צו גאָט,
ווײַן פאַר אים,
קני פאַר אים.
ווייל —

פאַרגעסן איצט —
פאַרגעסן—

יעדן גראָז־בלעטל די באַגרעבער
פאַרשטעלן פון די אויגן.
יעדער גרעזל פאַרצערט מיט גאָלד
פון געלער בענקעניש —

אין האַלבע האָפענונגען
באַנגע פאַרלאַנגען וויגן זיך ווי וואַסער־וועלן

אין מײַן האַרץ — דער רױטער קנױל —
װײל —

— פֿאַרגעסן איצט —
— אָ, װיל זיך פֿאַרגעסן —

קעטסקיל בערג: אימפּרעסיעס

נאַכט־שטיק

מאַסיװע װאָלקנס הענגען איבער שאָקלענדיקע בײמער
װי טונקל געװאַנט דראַפּירט אַרום אַן אלמנה אין טרױער.
די נאַכט ליגט שטיל, פֿאַרגעסן. נאָר אַמאָל
דערטראָגט זיך אַ פֿאַרגװאַלדיקטער קלאַנג.
װי אַ פֿאַרשטיקטער סאָפּען פֿון אַ ברוסט,
פֿאַרװיסזאָגנדיק אין אַ שמערצפֿולן ציטער
רעזיגנאַציע צום גאָלדענעם מאָרגנדיקן טאָג.

מאָרגן־שטיק

די בערג־הױך פּרעסן אַרױס װײסער װי װײסע טרערן.
צעװאָרפֿן װי פּערל צום קלײבן
פֿאַרװאַנדלט זײ דער מאָרגן אין טױ.

פֿון אַ דערבײַאיק װעלדל נענט זיך
אַ פֿױגלס געזאַנג װי פֿון אַ גאָלדן פֿײַפֿל:
אַ ליד אין לױב פֿון טאָג.

קבורה

א

איך קום פֿון דאָרט
װוּ זײדענע פֿאָרהאַנגען

הענגען איבער סודות,
שפּילנדיק מיט דעם ווינט.

ביינאַכט פֿאַרוויילן דאָרט גרילן
אויף זייערע טאַראַלייקעס, און מייז
לויפֿן אום דזיאָבענדיק די ברעטער
אין מיטן העלן טאָג.

זאָלן סטרונעס זיך רייסן אונטער
די אומגעאיבטע פֿינגער פֿון שפּילער.
זאָלן סטרונעס זשאַווערן און פֿאַרסמען
דעם אינסטרומענט מיט ראָסט.

איך גיי אַהין
ווו עס פֿוילן טויטע פֿייגל
און מיט מיינע הענט אין זייער בלוט איינגעטונקען
וועל איך זיי באַערדיקן.

זאָלן אַנדערע האָבן אַפּשיי
פֿאַר טויטע זאַכן.
איך וועל זיי האַלטן פֿאַרשלאָסן
הינטער די טירלעך פֿון מיין באַוווסטזיין.

וועט אַמאָל מיך דערפֿאַר עמיצער צו גוטן דערמאָנען
וואָס כ'האָב באַערדיקט די טויטע פֿייגל.

ב

טויטע פֿייגל האָבן אַזאַ אויסקוק
ווי זייערע פֿליגל וואָלטן
מיד געוואָרן פֿליִענדיק.
די פֿליגל זינקען טיף אין דער ערד,
דער פֿויגל רייסט זיך אַרויף־צו.

טויטע פֿייגל האָבן קיין עלטערן ניט,
אָבער זיי לאָזן נאָך זיך אייעלעך,

און אָפּטמאָל טאָקע קינדער.

אָ, פּעדערן מיט הערצלעך צוגעקלעפּטע!

אָ, אויגן וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין שטיינער
אינמיטן פלי׳ען!

אָ, פלוך וואָס רייסט איבער אַן איינזאַמקייט.

„בלייכע ליבעס געווערן...״

La lune, objet d'art ancien.
Paul Morand

קום, לבנה,
גיב מיר דיין לאַטוס־אָרעם,
לבנה,
וואָס איז אויך דיין וווּנדער־שיינער פּוס, לבנה,
וואָס איז אויך דיין קאַלט, נאַכט־געקושט האַרץ,
מיין וואַלענטין, לבנה.

קום, לבנה,
צו דער פאַרלאָזטער פּאַרק־באַנק
און ווי אַ פּאָר הינטער־הויף פייגל
לאָמיר זיך פאַרגעסן אין אומאַרמונגען
פון טראַציקער לוסט.

אָ, לבנה,
מיט דיין לאַטוס־אָרעם.
לבנה,
מיט דיינע בלאַסע אויגן, לבנה,
איך וועל צעשמעלצן דאָס אייז אין דיין האַרץ,
לבנה,

ווער מיין געליבטע, לבנה.

וועראַ פּאָקינאַ

גריכנלאַנד,
דיין האָמער — ניט עפּיש געגוג;
אַריסטאָפאַן פּאַרמאָגט קערנער פון קאָמישקייט,
דיין סאָפאָקל — שפּילעוודיקע טראַגעדיע;
דיינע געטער — בלייכע שאָטנס
פון אַלטעגלעכע שטערבלעכע.
זאָל דיין נאָמען דאָך זיין געגרויסט
ווייל דיין קינד איז זי וואָס טאַנצט
דעם מיטאָלאָגישן טאַנץ:
„איך טאַנץ מיט אַ מאַסקיטאָ".

מישעל פּאָקין

זאָלן זיינע פיס
ניט אָפּטיילן זיך פון דער ערד.
ווערסט זען — ס'איז איינגעשטעלט:
פליִענדיק אַרויף
וועט ער אין אַ שיינעם טאָג
קיינמאָל צוריק ניט קומען
(אונדז איבערלאָזן דאָ ווי אייזלען
אָנגעלאָדן מיט דעם יאָך פון שווערע זאַכן).

פליִענדיק אַרויף
צו גאָט.

ORIENTALE

הענט געוואַשן אין פּיקאַנטן געריך
פון כריזאַנטעמען.

קויל־שוואַרצע האָר
צעפּלאָכטן איר דיקע צעפּ,
צוגעשטאַרקט מיט אַ הימל־בלאָען
ביין־געשניצטן קאַם.

אַ פולער ציטרינענער קערפּער,
ווי אַ רייפע געשמאַקע באַרנע,
פאַרוויקלט
אין שאַרכנדיקן בלוט־קאָליר זייד
אין אומדערטרעגלעכן פאַסאָן.

צוויי קליינע שפּיל־פּיסלעך,
ווי צוויי עקזאָטישע ערשטלינג־פלאַנצן,
שטעקן אין מאַנדל־קאָליר סאַנדאַלן.

בלאָער,
טשווירענדיקער אַוועק אינעם גאָרטן
טאַנצט אום אין רויט
פון פינפטן חודש מאָרגן.

קוואַרטעט

מאַט־זילבער

דעם קרעציקנס געזיכט שיינט מיט אַ ווייסקייט,
ווי אַ געפּרעסט בלאַט פון אַלט מאַט־זילבער.
זיין ליליען־האַנט זוכט קלעפּיק
דעם טיר־קנאָפּ וואָס עפנט דאָס פאַרלאָזטע צימער.
אויסגעטאָן פון זאַכן וואָס קומען פון דרויסן,
קיין אָפּקלאַנג פון שיינקייט
אין האַלב־פאַרפוילטן האַרץ —

ווער ווייס? — אַ געפּילפולער אינסטרומענט
פון אַ שפּילער ועמעס מוזיק
איז ניט צו באַגרייפן.

ראָנדאָ

דער גלאָק קלינגט אָפּ: איינס —
דער יונג — אַריין.
אויגן גרויסע, ריינע, בלאָע —
אימפּולס שפּילט אין זיי —
נעמען אַרום דעם קי־יגלעכן זאַל,
שטעלן זיך אָפּ אויף אַ פּונקט:

דער כיטאָן פאַלט —
ער פאַרנייגט זיך.

די קיניגין — אַריין.

אַ באַגלייטער אין גאָלדענע פראַנדזשן
פאַרנייגט זיך און שמייכלט —

דער גלאָק קלינגט אָפּ: איינס —
דער יונג — אַרויס.

Bacchanale

קער זיך אַרום מיט דיין פאַרפירערישן שמייכל
אַזוי אַז דיינע ראָזע זייטן זאָלן זיך לייגן אין גראַציעזע קנייטשן.

דיין פאָרלייב אַרומגענומען אין רויטן סאַמעט.
דאָס זייד דריקט ליידנשאַפטלאָז דיינע אַלבאַסטער־ווייסע בריסט.

די אויערינגען שאָקלען זיך איבער דיינע בלוט־און־מילך באַקן
ווי צוויי צייטיקע טרויבן.

נעם מיין קאָפּ אין דיינע ווייכע אָרעמס —
ביט צום שלאָפן, רוען.
איך וועל אומרויק וואַכן.

Memento

סטענגעס ציִען זיך — פאַלן — סטענגעס —
טרוימען: בלאָע, רויטע —
אַלערליי קאָלירן —

טרוימען — וועגן דיר —
דו — דאַן —

סטענגעס ציִען זיך — פאַלן — סטענגעס —
פאַנטאַסטיש טויט פייער —
פאַרלעשן געדאַנקען —

טרוימען — וועגן דיר —
דו — אַצינד —

לעגענדע

(נאָך סעסיל וו. ראָבערטסאָנס בילד. מאַריאָנעטן־טעאַטער מאַטעריאַל)

הענגען שטאַנגען
פון דעם הימל,
ציט זיי
צו דער ערד.

זיצן שוועסטער
איינע און איינע:
איינע אַ גרויסע,
איינע אַ קליינע.

ווער פון די
צוויי איז די
וועמען ס׳ציט
צום הימל צו?

האָבן זאַכן
זיך פאַרלאָפן
אין ווינקל־רויט
אין מיידלשן.

און ס׳וועט נאָך
און נאָך געשען.
זיצט די גרויסע
אויף אַ סאָפע.

טראַכט פון נעכטן,
אוונט־שיין,
אָנגעטאָן דאָך;
אָבער נאַקעט

אין די האָר
דעם סוד פאַרוויקלט,
דרעמלט שטיל
די קליינע איין.

און אין חלום
ווו די וועלטן
„יאָ״ און „ניין״
זענען בלויז

„איינס״ און „איינס״ —
דאָרט איינע און איינע —
איינע יונג און
איינע אַלט.

עס האָט דרעמל
דאָס פאַרביטן
וואָס די איינע
זיצט און וואַכט.

און די איינע
וואָס איז ערדיש
וועט זיין הימלדיק
צונאַכט.

און די זונען
וועלן שיינען
ווי די האָר וואָס
אויפן לייב

פון דער איינער
וואָס וועט ווערן
ווי די צווייטע
פרוי און ווייב.

וועט דאָך עפּעס
ווי פאַרלויפן
אין דעם אַמפּער
צווישן זיי:

(בלוטן וועלן
מויל פאַריאָגן,
ביינער קנאַקן,
קאָפּ פאַרשלונגען)

אין דער מינוט
קומט שטיל אַריין
מיט אַ פליג אויף דער נאָז
מינערוואַ —

פּערספּעקטיוו

א .

געוואַלד איז געזיכערט. מיט איילנדיקע טריט
שוועבט נענטער פּאַטום צו מיר

און דורך דעם גראָען טוך
קלינגט טעמפּ און פֿאַרבלאָז אָפּ:

„וואָס זוכסטו, יונגערמאַן? אַ פֿענצטער צי אַ טיר?

„אַ פֿענצטער וואָס האָסט אַמאָל אָפֿן געלאָזט,
אָנפֿילן דאָס צימער מיט טויאיקער פֿאַרנאַכטלעכער לופֿט,
און דערביי, מיט דעם קין אויף די געשניצטע הענט,
פֿאַרגעסן זיך זינקענדיק אין לענשטול,
מיט זיידענע האָר אויף דיין יונגן קאָפּ,
מיט אַ ניי־געבוירענעם באַגער אין געשטרויכלטן האַרץ

„אַ טיר וואָס האָט זיך צעעפֿנט מאַיעסטעטיש
און געזאָלט דיך פֿאַרשלינגען —
צונויפֿברענגען איך ביידע, זי און דיך —
און רייבן פֿון דיר דיין באַגער —

„וואָס זוכסטו, יונגערמאַן?"

מיט בעלמעס אויף די אויגן
שוועבט פֿאַטום ווייטער.
פֿאַטום זוכט עמיצן
אַ לונג־און־לעבער אים אויפֿן נאָז אָנהענגען —
פֿאַטומס טאַדלענדיקע מיסיע.

ב

„ווער קוקט עס אין שפּיגל אַריין:
איך, פֿאַטום, אָדער דו ביזט עס, יונגערמאַן?"

צוויי פֿיס מיט די פּיאַטעס אַרויף
פֿאַרפֿלאַנצט אין אַן איבערגעקערטן קערפּער
און דאָס אַלץ טיילט אָפּ פֿון דיל
אַן אומגעדרייטער קאָפּ.

דאָס בין איך דער באַשאַפער פון קרומען שפּיגל.
דו, פּאַטום, טראָגסט עס נאָר נאָך,
ווייל איך נויטיק זיך אין דעם
פון צייט צו צייט מיין ווען צורעכטמאַכן,
ווען עס פאַרווילט זיך מיר מיין דיאַגנאָז שטעלן.

אַ ברירה געהאַט צו רעאַגירן,
האָט פּאַטום דאָס פענצטער מיט ברעטער פאַרהאַקט
און די טיר פאַרשלאָסן אויף אַלע זיבן ריגלען.

היינט צו־טאָג
האָבן די האָר פאַרלאָזן
מיין יונג־אַלטן קאָפּ,
און דער באַגער איז ווי צערונען אין מיין צער־פאַרגליווערטן האַרץ.

נאָר פול מיט פלעקן פון פליגן־שמוץ און שטויב
שטייט ווי נישט אים מיינט מען אין אַ ווינקל
דער קרומער שפּיגל.

„פאַר דיר, יונגערמאַן, איז זי
פאַרלוירן אויף אייביק!"

מיט אויגן־פּויסטן —
דער בליק צעבראָכט —
דעם שפּיגל.

אין שליסל פון ווייס

לידער זענען:
ווייכע צאַרטע פינגער וואָס ציִען צו
פילן דעם פּולס פון לעבן.
דער דיאַגנאָז
איז אָפּטמאָל ניט דער וואָס דאָקטאָר נאַטור

וואַלט געשטעלט.
צוויי מאָל צוויי איז אַ קאַפּאָטע
פון אַטלאַס
און זיגזאַגן
לויפן פּאַראַלעל צו אַ ראָמבוס,
ביז זיי שלאָגן זיך אָן אין רינצלען.
אַ רינצל:
דער בליק פון אַ מאַיאָווער יונגער וואָס
פאַלט אויף איר געליבטן. (און נאָך אַ ווילע צוריק האָט
זי גאָרניט געוווּסט אַז ער עקזיסטירט!)
אַ רינצל:
דאָס רעוועזן פון אַן אָקס אין די לאַנקעס ווו
פּאַשע און קי זענען איבערפול — (און וואָס נאָך דאַרף
אַן אָקס?)
אַ רינצל:
דאָס מורמלען פון טייכל:
עס לויפט
אַזוי בויגיק ווי דאָס בלוט וואָס שלאָגט זיך אָפּ אין
די ווינקלען פון די אָדערן אין געליבטנס הענט וואָס
רירן אָן דער יונגערס האַרץ;
בויגיק ווי עס לויפט דער צוג
אַרום אַ בויג אויף וועלכן דער אינזשעניר האָט
פאַרוועדט זיין בעסט קענטניש אין קאַלקולוס;
ווי דער בויג פון
אַ ליד וואָס פאַרנייגט זיך ווי אַ מאַדים אין
באַגיין זיך מיט מענטשן און זאָגט דאָס לעצטע
וואָרט —
(עס רעדט זיך נאָר אַזוי „דאָס לעצטע וואָרט״:
עס בלייבט ווי ביי גאָט, ביים טייכל, ביי ליגנער
דאָס ניט דערזאָגטע —)

צ י ר ק

קאַריקאַטורן סווישטשען אין באַרבאַריש־ריטמישן דיסקאָרד
און דזשאַז מאַנאָטאָן־עראָטיש אויף צעקרומטע זוילן.
(דער גראָער אומעט טוליעט זיך אין יעדן פלאַכן וויץ און וואָרט).

באַלאָדן טרעט אַ בלאָנדער קעמל, האָרב־צווייגאָרנדיק און שטאָלץ
מיט מאַסקן פון אויף פריז ווי הינט דרעסירטע לופט־זשאָנגליאָרן
וואָס וואַרפן זיך מיט שטעקעלעך געשאַליעוועט פון וואַנשלהאָלץ.

דער קאַרליק מיט די פערד־באַרשט האָר גלאָצט אויגן פיפיק אויף דעם זאַל
אַ פינגער אין דעם שוים וואָס מערט זיך אויף גראָטעסקע ליפן.
(אַלון־בלאָ שווימען שוואַנען־שיפן אום אין אַ מיראַזש־קאַנאַל).

דער אומעט גענעצט פון לאַנגווײלן זיך. לאַכט ביטער אין דער שטיל.
צעבלוטיקט וואַלגערן זיך רייטערינס אויף דעם אומריינעם דיל.

זונטיק: פינפטע עוועניו

צווײ פערד אין אַ לאַק־געשפאַן
און זייערע העלדזער
געבויגן ווי פייער ראַקעטן.

די גומי־רעדער פון פיאַקער
זאַפּן איין אין זיך
דאָס שטילע גערויש פון שפּאַצירער אין גאַס.

די יונגפרוי וועמעס רו טוליעט זיך
צום גלאַט־באַשלאַגענעם געוואַנט פון פיאַקער
באַטראַכט אין האַלב־ליגנדיקער פּאָזע
די וויטרינעס: גרויסע, בלינדע אויגן.
די בייטש איבער די פערד־רוקנס
בליצט ווי אַ קאַפּריזער זיגזאַג,
און עמיצער פאַרלויפט דעם וועג
מיט פאַרכטיקער איילעניש אין די אויגן.

צו די גרינע צווייגן

קינדער, איר גייט מיר ניט אָן.
איר זענט מיר נאָענט, טייער.

קינדער, איר זענט מיר ווילד־פרעמד, ווייל כ'האָב קיינמאָל
ניט געשפּילט מיט אייערגלייכן אין מיין יוגנט;

איר זענט מיר ליב, ווייל עס ברויזט אין מיר די מענערשאַפט —
דער פאָטער פון אַ קינד אין דער צוקונפט.

דערפאַר מיין בענטשונג אייך, גרינע צווייגן.
דערפאַר אַכציק שוואַרצע יאָר אייך, קינדער.

MOMENT CLASSIQUE

דאָס מיידל איז אַ שוואַן
מיט פליגל פון קלאָרערער ריינקייט
ווי די בלאַס־ווייסע פליגל
פון שוואַן.

דער שוואַן איז אַ מיידל
מיט לייב פון צערטלדיקער שיינקייט
ווי דאָס נאָכגיביקע לייב
פון מיידל.

דער שוואַן שווימט נענטער
צו דעם מיידל —

דאָס מיידל בויגט זיך צאַרטלעך
אַריבער צו דעם שוואַן —

אַ מיידל און אַ שוואַן.

III

פענטאַד

[1. מידות טובות
2. דער סנה
3. אונדזער זיכער לעבן: ס׳גאַנץ לעבן
4. ס׳שטענדיקע ברענען, פלאַטערן, שוועבן
5. דער קומולוס]

פינף שוואַלבן
מיט שטרויעלעך אין זייערע פּיסקלעך
קומען זינגענדיק.

פינף שוואַלבן: איינע
פירט פּאַראַד; צווייטע
קוקט אויס דעם געגנט; דריטע —
פילט זיך זיכער — אינמיטן. פערטע —

מאַכט חשבון פאַר זיך, פאַר אַלע.
פיפטע און לעצטע קוקט אויס אומעטיק,
באַגרייפנדיק די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון לעצטן:
די דערשעפונג פון אָנהויב ביז סוף.

פינף ריזן־שוואַלבן
מיט וווּנדערלעך־אַקאָרדירטע אינסטרומענטן
פאַרפלייצן די וועלט מיט געזאַנג.

סאַפּיסטן־גאַלעריע

שטייט אַ באַקאַנטער
פאַר אַ געלונגענער גראַוויר־אַרבעט
פון מיקל אַנדזשעלאָ׳ס בילד.
די געבראָכענע שטריכן
פון דעם סקולפּטאָרס פאַראומערט־קרעפטיקן געזיכט
מאַכן אים זאָגן:

„מען זעט דעם קאָלאָסוס
דורך די ווי־פון־שטיין־געהאַקטע
און האַרטע ליניען אין זיין אויסדרוק...״

און די פאַרגאַנגענהייט פאַרגראָבן
אין די מיריאַדן פאַלדן פון פינף הונדערט יאָר
שעפּטשעט קוים אין זיין טויבן אויער:

„דער ברוטאַלער טאָריגיאַנאָ דעל טאָריגיאַני האָט צעקריפּלט חבריש דאָס געזיכט פון זיין מיטשילער בואָנאַראָטי וועןביידע האָבן געלערנט סקולפּטור אין בערטאָלדאָ׳ס שול אין מוזעאום פון אַנטיקן, אויסגעהאַלטן פון לאָרענזאָ דע מעדיטשי אין די גערטנער פון סאַן־מאַרקאָ״.

BAEDECKER

דורכפאָרנדיק ראַדאַן, ביזשו קאַונטי, דזשאָרדזשיאַ,
פול מיט מיסט, אומפּלייט און צעלעכצטע הייפן
שיין יאַסמין, סירינגאַ און קאַלאַקאַנטהאָס גערטנער
באַמערקן מיר די נאַקעטע קויל־מענטשן ביי אַ גרעבליע
שפּילן מיט פירעקיקע שוואַרצפינטלדיקע שטיינדלעך.

בעטן מיר זיי אונדז לאָזן מיטשפּילן מיט זיי,
ענטפערן זיי דערויף מיט פאַרדעכטיקע שמייכלען.
צי פון רעגינאַס פּאַלם־ביטש קלייד דעקאָלטע
אויף איר קאַלסאָמירטן בוזעם,
צי פון מייערס האַנטשו אויף מיינע אויסגעצערטע הענט
און האַנאַנס לאַקירטע שיך אויף מיינע שפּאַן־דאַרע פיס —
זיי כיכען און שוין! די שטיינדלעך
דרייען זיך פלינקער, פלינקער,
זייערע לייבער — געבויגן ווי גראַציעס זין און טעכטער.
רעגינאַ און איך דערפילן פּלוצים זייער אומאַנגענעם
מיר קאָנען ניט פאַרטראָגן דעם געדוף פון אונדזער אייגענער אַנוועזנהייט.

גוטע מענטשן! פאַרענדיק אין ביזשו קאַונטי, דזשאָרדזשיאַ,
בעמט מיט זיך מיט פּירעקיקע שוואַרצפּינטלדיקע שטיינדלעך,
נאָר לאָזט הינטער זיך די פּוץ־קליידער, האַנטשו און שיך.
אפשר וועט איך, אַזוי קלוג פאַרבאַרייטעט, געלינגען אויף אַן אופן
זיך מתחתן זיין מיט גראַציעס איניקלעך,
מיט גראַציעס זין און טעכטער קינדער.

ליד פון די צוויי שיך

דאָס איז אַ ליד פון די צוויי שיך
וואָס זוכן אַ גלייכן וועג.
דאָס איז אַ ליד פון צוויי שיך
וואָס האָבן פאַרלוירן דעם גלויבן אין פיס.

האָט זיך איינמאָל אַן איבערגעוואַקסענער נאָגל
פאַרטשעפּעט אין זייד פון זאָק,
האָט די לעדער אַ טשוואַק ווי אַ צונג אַרויסגעשטעלט
און אַ ראַץ־לעק געטאָן אין פּיאַטע.

האָט זיך פאַררויטלט די פאַרהאַרטעוועטע פּיאַטע
און פאַרצערונג איבערן פוס צעשפּרייט.

ליגט אַ לירישער פּוס ביינאַכט
און קאָן זיך מיט זיך אַליין ניט אייניקן.
ליגט אַקעגן אַ הילפלאָזער פריינט:
כאַטש שפּרעך אים אָפּ: קאַטשענדיק אייער, מיט קרייטעכער.

אוי, פאַרשאָלטן איז אַ לייב
וואָס האָט אַ לייב פאַרלוירן.
אוי, פאַרשאָלטן איז אַ פּוס
וועמעס בלוט איז פאַרסמט.

ערגעץ קושן זיך פאַרווירט
שיף און זאַקן און פיס.

קעגן שטראָם

לאָמיר זיין אָפּגעריסן איינער פון צווייטן —
אָפּגעזונדערט־פאַראייניקט.

וואָס איך וועל רופן שטראַלן פון דער זון
זאָל ביי דיר אויסקוקן
ווי קאַלטע שפּיזן פון דער לבנה.

איינער קעגן דעם צווייטן
וועלן מיר זיין פאַראייניקט.

צווישן מיר און מיין נשמה — אַ שאָטן!
ווער איז דאָס? איך דערקען די געהיטע טריט
פון דער פאַרזיכטיקייט.
זי וויל מיך אָפּהאַלטן —
אָפּטיילן פון דעם וואָס איז א י ד.

ניט נאָר איך און דו — מענטש און מענטש —
אויך איך און מיין נשמה וועלן זיין צוזאַמען
אָפּגעריסן איינער פון דעם צווייטן —
אָפּגעזונדערט־פאַראייניקט.

קונסט אין גאָרקיד

...אָט ווערט לעבעדיק אַרום אַ טישל
און ווי פון דער ערד וואַקסט אויס אַ טויבער קעלנער,
וואָס דערלאַנגט דיר טיי ווען דו האָסט פאַרלאַנגט גאָר קאַווע.
און —

„ב. נ.׳ס אַרטיקל איז אַ שטיק קוואַטש״.

אַ קאַרגנס גאָב

אויף אַ מילדער מיידלס חתונה. ביים טישל זיצט
גרונם פ., דער פאַרשפּייז־עקספּערט פון בלאַט „נייעס״.

„...אַ שיינע מתנה האָט געקראָגן דער רעדאַקטאָר
פון זיין פרוי צו זיין געבורטסטאָג, אַ גאָלדענע פאָונטיין־פען.
דער פורצע ווערט מיט איר קיין אַרטיקל דאָך ניט קאָנען אָנשרייבן...״

— די צענזור ביי אייך, ה׳ גרונם, איז ניט צום אויסהאַלטן!
ווער איז דער לידער־לעזער ביי אייך? ס׳מוז זיין אַ יונג
וואָס האָט דערפאָלגרייך צוואַנציק יאָר פאַרקויפט הערינג
אין אַ גאַסטראָנאָמיש־געשעפט. —

די טיי ווערט קאַלט און

מען מוז זי דאָך אויסטרינקען.

„מיין ליד איז אַ וווּנדער. איך

בין ניט זיכער, אַז אַזעלכע לידער קאָנען אָנגעשריבן ווערן
אָפּטמאָל״.

אַ יונגן דיכטערס אייגן ליד. אויף

אייגענע לויב. צום דערליידן.

„קינזשאַלס ,פּרעלוד׳

איז אַ מייסטערווערק. יאָ, ווער איז קינזשאַל?״

„קינזשאַלס אַליבי,

א. ב. ג., שטעלט די שטויבענדיקע פראַגע און עמיצער האָקט אים אָפּ
און שמייכלט פויל, טענדענציעז . . . באַליידיקט אַ געדאַנק, און ער
טראַכט זיך: „ווי גרין די חברה וואָלט פאַר פאַרדראָס געוואָרן,
ווען זיי ווייסן ווי לייכט מיר איז די לעצטע זאַך געראָטן!״

די טיי איז קאַלט און באַלד טאַקע אויסגעטרונקען.
ביים גרויסן דיכטער שוויצט ערגעץ אין קעשענע אַ ניקל
פאַר זיין קאַווע,
פאַר זיין מיינונג,
פאַר זיין ווערק.

פראַגמענטן פון דעם וואָס איז איך

דאָס וואַנדערן פון די שטימונגספולע כמאַרעס
אין דער הויך;
די זיך־איבעריאָגנדיקע כוואַליעס
אויפן ים;
דאָס לאַנגזאַמע פויזען:
אָפּענעס
פאַרשטעלטעס
קלאָרעס
פאַרבלענדטס
שטאַרקייט
אומבאַהאָלפנקייט
קאָלירררייכעס
קאָלירלאָזעס:
טיילן פון דעם אומענדלעכן
איך.

ווי אַ פויגל אין דיין האַנט,
דיין האַרץ אין דיין ברוסט,
אַזוי:
אין דעם בליק פון דיין אויג
בין איך אַ געפאַנגענער.
דאָך —
ביסטו ניט מער
ווי אַ בלאַסער אָפּשיין

פון דעם וואָס איז
איך.

מאָטיוו

און אַז גאָט וועט די וועלט באַשאַפן
און וויסן וואָס עס איז,
וועט ער דעמאָלט זוכן אַן ענטפער:
— און וואָס בין איך אַליין?
וועט ער דעמאָלט זוכן אַן ענטפער
און וויסן וואָס עס איז.

און אַז גאָט וועט האָבן געפונען אַן ענטפער
און וויסן וואָס די וועלט איז,
וועט גאָט די וועלט צעשטערן. —
— און וואָס בין איך אַליין?
דער וואָס ווייסט דעם ענטפער
וועט גאָט אַליין צעשטערן.

באַשאַפן קאָן אַ יעדער,
אַ קונץ איז דאָס צעשטערן;

דאָס וואָס ער אַליין איז
ווייס נים גאָט אַליין.

פסיכאָאַנאַליז

איך וועל נאָך היינט פּילייכט דערגיין
דעם סוד פון מיין לעבן.

אָפּגעפּאַרטיקט מיט דעם גאַרדעראָב,

דעם גומען דערקוויקט מיט אַ טערפּקן געטראַנק
פון אַ ביליק־געגילטער שאָל,
מיש איך נערוועז די בלעטלעך
פון קאבעלס „יורגען".

(אַ גליק: געקויפט עס פאַר דעם פאַרבאָטן!)
און טראַכט וועגן דער אומערדישער פאַרטרעטירונג
פון ליליאַן גיש אין „ווייַ דאַון איסט".

אַ לייכטע סענסאַציע פליט מיר אַדורך:

אַ נומער —

אַ גאַס —

(און פּליניס „פאַרכאַפּן פון וועגן").

איך וועל שוין אַן אַנדערש מאָל פּרווון דערגייַן
דעם סוד פון מייַן לעבן.

בלאָנדזשענדיק

די טויטע אַרן מיך ניט —
איך בין צווישן טויטע.

זיי זענען קאַלט —
פּנימער קרעציק־ווייסע.
איך טאַנץ אַרום זיי
און וואַרעם זיך אין דער זון.

די לעבעדיקע אַרן מיך ניט —
איך דריי זיך אום צווישן זיי,
זוך מייַן פאַרשפּעטיקטן גייסט.

(פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ אין וועג!)

מיך אַרן ניט די טויטע.
מיך אַרן ניט די לעבעדיקע.

איך וועל בלאָנדזשען
אַזוי לאַנג — אפשר ניט אַזוי לאַנג! —
זוכן דאָס, זוכן יענעס —
פאַרבלאָנדזשען ניט אומיסטן
צווישן לעבעדיקע אין לעבן;
פאַרלירן זיך ענדלעך
צווישן טויטע אין דעם טויט.

ליד פון געטלעכער פאַרנונפט

לתקן עולם במלכות שדי

א

בלינדע מוסקלען רעגן, רייצן, —
רופן אונדז צום „זיין־אין־לעבן״;
מאַגיק־שליסלען עפענען טירן:
זאַכן האַלטן זיך אין וועבן.

דיינע ענגלען, שדי, פלאַטערן,
זינגען אין דיין לויב קאַלענדן;
אויגן אומוועדט דיך איינגעמען
ווען דאָס „ליכט״ פאַרלענדן.

אונדזער שפראַך — געברודיקט קופער;
אונדזער מוח — הויפנט פייער.
אונדזער האַרץ — גינגאָלד־לאַווע;
שטן, ביסט מיר ליב און טייער.

ב

אינדערפרי
וואַשן דעם מאָרגנס זונשטראַלן מיר
די פאַרשווייסטע פיס,
פאַרשווייסט פון נעכטן: איך האָב געזוכט און —
ניט געפונען.

יהוה —
פייער און בליץ און ווינט און דונער —
אַ גלוטיקער צייכן.
אויף וועלכן עס פינטלען
מיינע אלטע עטער־דורכזיכטיקע אויגן.

און מיינע פינגער־שפּיצן:
זייער סענזיטיוויטעט —
באַטאַנט, דאָס פילן — אַטראָפירט.

זיי פלעכטן זיך אַריין
אין רוים, אין עכאָ, אין תוהו־ובהו —
אין אַל־גאָרניט.

עס זינגט אין מיר די פרימאָרגנדיקע געוווינהייט.

קאָל. ל.: איר מעגט זיך לאָזן ווילגיין
מיט די וועספּערס.

מיך לאָזט פראַלן איבערן פרי
ווו ער, ב"ה אַליין, קומט זיך אַרומוואַשן
און גאָלן
און פרישטיקן
און אײַלט זיך צו דער אַרבעט —

אינדערפרי.

אַ שנור מיט קניפּן

כ׳הויב זיך אָן אַרומצוקוקן:
אָט־אָט...
ניטאָ.

טאָג איז געווען —
פאַרגאַנגען;

נאַכט איז איצט —
באַלד פאַרגיין;

(כ׳האַלט אין מיין האַנט דעם שנור
וואָס ציט זיך פון אַ פאַרבאָרגענעם אָנפאַנג,
די קניפּן פאַרהאַלטן זיך צווישן די פינגער —)

דער שאָטן וואָס פאַלט פון אַ שאָטן
האָט אַ שאָטן וואָס געבערט באַלד זיין שאָטן —

כ׳הויב זיך אָן אַרומצוקוקן:
אָט־אָט...
ניטאָ.

טראַדיציע

איך בין אַ רעליקוויע.

איך בין אַ רעליקוויע אין אַן אורנע —
ניט אין קיין גאָלד־קאַסטן —
אין אַן אורנע
פון גראָ־שטויביקן ליים.

מענטשן קומען,
קניען אין שפּראָצלאָזן שיין,
שפּירן מיך אין מיין ליים־אָנצוג —

ניי פאַרוווּנדערט —
אין מיין אַטמאָספערישער אומזעבאַרקייט.

אַזאַ הייליקער עמפּירישער הויך
וויקלט מיך אַרום
אין מיין פולשטענדיקער שטילקייט.

אין לענגלעכן שאָטן
פון טיפן אָפּגאַנג:

אַ שפּין,
ווי אַ פעטלעכע שוואַרץ־געקליידעטע נאָנע,
היט איבער מיר,
וואַכט —
איבער מיר, דער קאַנאָניזירטער רעליקוויע.

רעפלעקסיע איבער דעם צוזאַמענשפּיל פון מאַן און פרוי

ווי אַ פרויען־געשטאַלט פון אַ וויסטלער־בילד,
קומסטו צאַרט צו מיר אין אַ זומער־פאַרנאַכט
אין דיין פרישן האָלענדיש לייוונט.

איך עפן פאַר דיר
אילוזיווע מעגלעכקייטן פון אומאַרמונגען;
דו אַנטפּלעקסט פאַר מיר
פּערספּעקטיוון פון יוגנט־פאַרצערנדיקער ווייבלעכקייט.

באַלד פאַרגעסן מיר זיך אין די רעכענונגען
פון פּראָפּאָרציאָנעלער ווירקלעכקייט.
דו ציסט אָן די סטרונעס פון דיינע נערוון
און איך קלינג צו צום טאַקט
אויף מיין מאַורעטאַנישער מאַנדאָלאַ.

דער שכן פון אונדזער צימער
קערט זיך אום דאַן אַהיים ברענגענדיק מיט זיך
די מידקייט פון אַ שאַקירנדיקער זומער־טאָג אַרבעט,
און רוט אויס זיין דערשיטערטע שטימונג
אויף די פּיאַניסימאָ־טענער פון אונדזער צוזאַמענשפּילן.

זיין ווייב איז פאַרטאָן אין קיך מיט דעם אָוונט־ברויט
און אירע בייזע טאָג־חלומות פלעכטן זיך אַריין
אין דער עווענטועלקייט פון אונדזער צוזאַמענזיין.

„באַלייטנס... קינדער...״ טראַכט דער שכן,
און דערגרונטעוועט זיך געדאַנקלעך צו דעם
וואָס זיין ווייב האָט פון זיינע אויגן פאַרשטעלט
פאַר אים מיט דער קראַפט פון איר לייב
פון גוטשטייענדיקער צוואַנציקיעריקער דינסט.

אָוונט־ברויט.

און אַלץ קומט צוריק צום אָוונט־ברויט.

ווען מיר דערשפּירן זיך מיד פון אונדזער צוזאַמענשפּילן,
ווילט זיך מיר אויך דאָס אָוונט־ברויט;
דערמאָן איך זיך אַז כ׳האָב קיין ווייב ניט
וואָס זאָל עס האָבן פאַר מיר צוגעגרייט.

אויף דיינע דינע קינצלדיק־פאָרמירטע ברעמען
הויבן זיך אַזוי בולט־אָנדייטנדיק: איצט,

ווען אונדזער שפּילן איז דערליידיקט, דערמאָנסטו זיך
אַז עס ברענגט דיר ניט קיין מאָן,
יעדן אויסצאָל־טאָג פאַרנאַכט,
אַ בייכיקן פּאַפּירענעם בייטל מיט פּאַפּירלעך געמאָלטע:

געמאָלט פאַר דעם עסנוואַרג־געשעפט:
גיב ברויט;
געמאָלט פאַר דעם קצב:
גיב פליש;
געמאָלט פאַר דער קלייט:
גיב זיידנצייג פאַר קליידער,
גיב לעדער פאַר שיכלעך,
גיב לייוונט פאַר ציכן און דעקן.

„באַלייטנס... פאַרדינער...” ריזיקירט דיין געדאַנק;
„באַלייטנס... הויז־פּרויען...” קלינגט צו צום טאַקט
מיין ווילקירלעכער מאַנסבילשער מאָגן.

מיר דערגרונטעווען זיך ביידע געדאַנקלעך צו דעם
וואָס אונדזערע יאָרן פאַרשטעלן פון אונדזערע אויגן
פאַר אונדז מיט דער גייציקער קראַפט
פון אונדזער יוגנט.

(מיר וויסן פון אַ רעסטאָראַציע
אויף אַ ווינקל פון אַ גאַס
וואָס קרייציקט זיך מיט אַן עוועניו.

אונדזער שכן וויסט פון אַ הויז, ווו געלע לאַמטערנעס
ברענען אין זייער אינדעפערענטער פרעכקייט
ביז אין שפּעטן פרימאָרגן).

IV

What would be the use of a procession
. . . if people had all tp lie down
on their faces so that they couldn't see it?

"Alice's Adventures in Wonderland"
(p. 103, Med. Hib. Ed.)

פּראָצעסיע: ו

(Taedium Vitae)

יעקב בערי אַ געשאַנק

א

שילדן אין רוים. גלאַנץ
פון שפּרודלען און רעגן.
סילועטן פון ריטשקעס צעגאָסן
איבערן איי. ווידעראַמאָל —

אַ נאַכטיגאַל. דרינזשעט מיטן שנאָבעלע
איבער אַ בלעכענער פאַן
אַרומגעשוירן

צום קוויטשען מיט איוואַנציוניוס
ערדענע הענט.

מיט בייכעלעך
און טוזליקעט די קריכערס
אַלע זעקס
אַלע צוועלף
שווימט עס
שפּונענווייז אין עראַטישן מיסט. ליב
און ניט ליב.

דערלאַנג דאָס נויטיקע
וואָס עלעפאַנטן זוכן און נאָכדעם
ווי די געסט פאַרקלייבן זיך
איינס נאָך איינס
אַריבער דעם פאַרקאַן
(ווי סטרונעס, וואָס פּלאַצן
אין טשעליסטס קני
שנאָלן די נאָז אים —)

ב

האָס
איז דער בייגל. טו
אים אָן
אויפן קאָפּ

און לאַך
און פאַרגיי זיך —
ניט פּלאַצן אָבער פאַר געלעכטער:
דער וואַקוּאָ איז עלאַסטיש.

ג

ווּיפיל בערגלעך קאָנסטו
וואָס וואַקסן אַרויס
מיט אַ פּינקטלעכקייט
פון פּראָפעסאָרישער פּרעסקריפּציע?

פּראָטאָפּלאַזם לאָזט אַלעס צורו: אַבי
דאָס טייג יוירט
די ראָשטשינע שטייגט.

די צעלן —
פּאַוטינע פון גראַניט —
(יאָ, יאָ, מאַטעריע, מאַטעריע!)
וועלן אַכטונג געבן דערויף
דאָס אויג זאָל דערבליקן
דעם וואָס לעבט אייביק

און מיט דעם ערשטן בליק
אים פאַרניכטען —

דעם וואָס לעבט אייביק —

ד

צעשמאָלצענע לאַווע וואָס פליסט אַריין
אַהין ווו מען דאַרף ניט:

מיין עגאָ למשל איז אַ ריכטיקער
מיט אַלע פּישטשעווקעס אַן עגאָ:

אַ קלאַסיפיצירטער אינדעקס פאַר עקסטרעמען
(אַ ציוויליזירטער עגאָ)

זינלאָזע טעג סערענאַדירן עמאָציאָנלאָזע נעכט
(אַ בלוטלאָזער עגאָ)

קלייבט פּאַטשערקעס
צאָלט חובות
פּאַראַדירט איבער גאַסן
באַהויכט שפּיגלען

איז דעפּערענטיוו
צו דעם וואָס איז ניט
איבער דעם וואָס איז:

(וואָס א י ז נ י ט — א י ז פּראָבלעמאַטיש
און פּראָוואָצירנדיק פאַר עגאָס —)

ה

ווייסטו גאָר וואָס איך וועל דיר זאָגן? מיר
זענען דאָך איינס
און דאָס זעלבע: איך און דו —

נירוואנא.
פאַראומערטע אויף אייביק
אַרויס פון די ברעגעס
אומפערזאָנירט

מיט געהויבענע פאָנטאַנען
פון ווערטער כוואַליעס
קומט עמיצער
דעקט אונדז איבער
שליסט אונדז אָפּ פון אַלעמען
אויס פון אויסערן
קלאַפּט איבערן צודעק

מאַכט אַ ליאַרעם
און עס קריכט אַרויס:
קאָסמאָס.

ו

קאָסמאָס ברודער.
(אַנאַלאָגיש — אונדזער גלייכן.
פּאַטאָלאָגיש — אונדזער זיידע.
אונדזער קינד —)
טייערער קאָסמאָס:
איך וועל ניט באַשולדיקן דיך
ווי עמיצער האָט געהאַט אַן עזות
דיך אַמאָל באַטיטלען:
קאָלירלאָזע ציבעלע.
גייסטו באַרג־אַרויף
הויבן דיינע פּיס זיך
ווי טויזנט־יעריקע דעמבעס
וועמעס יעדער וואַלע זיך
מיינט טויט און בויונג.

דער שטויב וואָס דיינע פּיס הויבן אויף
שטיקט און בלינדט —
און בלענדט:

(פאַרברייטערטע מיראַזשן
פון ראָזע קאָלירן
טומאַנע קאָנצעפּציעס —)

דיין צוריקקער איז אויך אַזוי:
מער ניט
באַרג אַראָפּ
איז שנעלער

נאָר דער קאָצקער
האָט געמאַכט אַ טעות:

ניט ער ווייסט
ניט איך וועל טראָגן „דאָס ביסל לייזעכץ
פון יאַריד״.
דו ביזט דער קאַסירער

איך וועל יענעם באַראַבעווען
דערקוילן אָן זילבער־מינץ אויך
צו רעכטפערטיקן:
Homo homini..

ז

אָט באַווייזט זיך אַ פינטל פייער: איך
ליג הילפלאָז
אויפן רוקן:
דיאַגאָנאַל.
איז די וועלאָסיטעט איינשטיינישע?

(ס'האָט זיך מיר פאַרוואָלט
אַ רים טאָן מיט מיין „וויסן״.
רעכן עס אָפּ אויף דעם עגאָס קאָנטאָ
[און עס ווייזט ווייטער
אַן עגאָטיסטישן עגאָ
וואָס איך האָב פאַרפעלט
אין ריכטיקן פּלאַץ צו רעקאָרדירן.] —)

פינטל־פייער פינטלט פייערן:
פייערט פינטלען
נאָך און נאָך.

אַ בויגן פייער־פינטלען פינטלט:

פייער פייערט פייער־פייער פינטלען.
פינטל־פינטל פייער.
פינטלען.
פינטלען פייער.
פייערדיקע פינטלען פינטלען פינטלען — פינטלען פייער — פייער
פינטעלעך פייער: פינטעלעך פייער: פייער פינטעלעך:
פינט — פינט — פינטלען פייער — — פייער — — פינט — — —
פייער־פינטן פינטלען פינטעלעך:

אַ גאַנצער רינג געקייטלט: שלעסער:
געפייערט מיט פייער אויף פייער־פינטעלעך.
לעשט זיך ווי אויס אַ פינטל: הויל:
פייער — פינטל — הויל. פינטל. הויל.
הויל פייער. פינט. הויל. הויל.
פינטל. הויל. פינט.
הויל — —
פינט — —
הויל.
פינט.
אויס פייער.

ח

נאָך פיל איך ניט די נויטיקייט
זיך צו אידענטיפיצירן.
כ׳האָב אַ טאָרבע פון פלייש
געפּאַסאַנירט
אין וועלכער איך שליידער אַריין
מיט מיינע הענט
(אַ שייכות צו דער טאָרבע)
דאַרע זאַכן
פּעטע
טרוקענע און פייכטע.

כ׳האָב אַ בלוטיקן שפּאַלט
אין מיין געזיכט
וועלכער פאַרנעמט און פירט אַדורך
די אַלע זאַכן
ווי אַ דערפאָלגרייכער געשעפטס־אַגענט.

די טאָרבע און דער שפּאַלט
זענען דופּליצירט —
און מער ווי דאָס:
טאָרבעס און שפּאַלטן:

טאָרבעס טראָגן
און שפּאַלטן פאַרשלינגען
און שליסן אויף
ווי געזאָגט — דעפינירן
די ראַמען פון עקזיסטענץ.

כ׳האָב נאָך אַלץ ניט די מאַכט
עפּעס צו טאָן:
סיידן געבן נעמען
אָנרופן זאַכן
קלאָגן זיך
וויינען
לאַכן

אָנפּילן די טאָרבע
שלינגען דורך די שפּאַלטן

אָנפּילן די טאָרבע
שלינגען דורך די שפּאַלטן

אָנפּילן די טאָרבע

ט

האָסטו ליב באָבע־מעשיות?
הער:
הער ווי עס רירט זיך
ברעכט
לאַרעמט
זוכט
אָצינד
אין דער פערטער משמרה פון דער נאַכט.

וויינט
(פאַרגעס אָן „חורבן בית המקדש!)

שטורעמט
(פאַרגעס דעם זיידנס „נעגל־וואַסער" אין „חצות"!)

אַ נייע מאָס
מער וואָגיק.

אַ נייער נוצן
מער טראַגיק.

(„פּראַגמאַטיקער!" שפּעטן די נעכטנס.
— שאָטנס! קאַלירלאָז שטויב! — מאַכן די מאָרגנס מיט די הענט אַוועק)
עפּעס געשייט אין פינצטערניש —
הער.

האָסטו ליב באָבע־מעשיות?
הער־זשע.
הער:

אַ יאָ: צוויי? נאָך אַ שפּאַן
און די דיסטאַנץ צווישן זיי פאַרלירט זיך.
נאָך אַ שפּאַן.
נענטער.
נענטער.

„אַלעגאָריע״ זאָגסטו?
„טאָג און נאַכט״?
גוטס און שלעכטס״?
ניין. ניין.
מאַן און פרוי.
מאַן און פרוי.
דער אייביקער סוד. קיינמאָל
קיין סוד ניט געווען.

ד ע ר אמת.
דער א יי ב י ק ע ר אמת.
דער אייביקער א מ ת.
ד ע ר א יי ב י ק ע ר ס ו ד.

פאַרשווונדן.
ווי אין טייך אַריין.
מיט אַ פאָרהאַנג פאַרדעקט.

י ס ו ד

(האָסטו ליב באָבע־מעשיות?
הער־זשע:
הער —)

פראָצעסיע: וו

ציין-געבלוטיקטע

ראָסטיק און געל
שטויביקע אַל-גרויזאַמע ברוטן
טייערע טיראַנען

מיר שפּאַנען אום
מיט סימעטריש-האַסטיקע טריט
פון לינדע הינדז

אַ שטרויכלענדיקן פאָרוווּרף
אין פּאַנס פאַרשימלטן געזיכט געשליידערט

די סכעמע איז כמעט ווי קאָנסומירס.

שפּאַצירט דאָך אין דער זון
עמיצער אַרום,
וועמעס פייערדיקע בלייך-געזיכטיקע אויגן
לויכטן פאַרגעניגן און
זענען מיט הייטלעך פון צווייפל פאַרצויגן.

(אַמאָל
צוריק מיט יאָרן לאַנג
האָבן זיי מיר איינגערוימט אין אויער:

שטאַרקע מיט שטאַרקע
שוואַכע גייען איינציקווייז אונטער
מיט אונדז
מיט אונדז
געוווּנען צו דאַרונטער —)

לעגענדע

בלאַנדזשענדיק אין דער וויסטעניש
האָב איך געזען די שלאַנגען שמייכלען
זייער פאַרשטויבטע פעל
אין קאַנוולסיעס
פון לאַכן.

דאָס קאָווען פון גליק

פאַליעס —
באַרג אויף באַרג
סטאָס אויף סטאָס —
פאַליעס

פאַרשייטע צונגען
פלאַקערן און לעקן —
פאַליעס

איינער פון די פאַליעס:

— אַט אַזוי ברודער פּאַל
— דאָס הייסט אַ קאַרניוואַל
— וואַרימער וואַרימער
— היציקער —

איינער פון די פאַליעס:

— טאַנץ פאַר פרייד ברודער פאַל
— פיינע שפּיל
— מיר ווערן געבאָדן
— אין אַ זונלאָזן הימל
— רויט פייער־הייס —

שאָטנס הענגען
האַלב־צעצויגן

הוידען
אין דער לופטן —
פּאַליעס.

געזאַנג פון צעטרענצלטן בלוט

קליינינקע מײַלכעלעך
ליפּעלעך
ברענען פון קאַרמין
— קוש מיך
— קוש מיך

קליינינקע וועזנס
פילן אויס
אַ ריטואַל
— נעם מיך
— נעם מיך

עפּעס פאַרקייטלט
מיט צוואַנגען
און לײַדן
— האַלט האַלט
— דײַן דו דײַן איך.

אַ זיי־געזונט צו די געטער

זשוואַווע און סובטיל,
גרויס ווי געני,
זענט איר גרויס און הייליק,
הייליק ווי אַ יונגפרויס בריסט —

אָפּפאַל פון האַס און ליבע,
באַפאַלן פון ראַסט,
געפאַלן אין שטויב.

באַוועגונג פון אַ סימפאָניע

כאַמעלעאָן. שטרעקעס וואָס טראָגן אין אומפאַרדאַכט פאַסיון פאַרגעניגן
אין זייער טראַכט — פאַרזונקען אין בלאַסע טיפענישן פ.ן היןהער־פלעט
— כאַאָטישער ריטם טונקט זיך — שווימט אום אין טויאיקער בלאָקייט
— ים־וואַסערן בלישטשען ווי ספעקטרישע ברילִיאַנטן — בלייערנע לופט
שמעלצט זיך צונויף מיט בלעזלעך שוים — מוראדיק — הויך — קיל —
עס גליטשן זיך מיריאַדנווייז אַראָפּ די מאַנטלען פון אומבאַוועגלעכקייט
— לעטאַרגיע — רו — הוילע וויברירונג קומט —

אוראַלטער שטיין מיט אַ בלאַס־ווייסן בויך אַרויף וואַרט גערולדיק: זאָל
קומען דאָס מאַגישע העקל עס אָפּגלייכן — גראָזן — קינע־גרין אין אָנפאַנג
סעזאָן — אַסימעטריש־געבויגענע פלאַכע שפּיזלען מיט פאַרשאַרפטע שפּיצן
לעכערן די געשוואָלענע ערד — אַן אַנדערש מאָל באַפאַלט זיי אַ קרענקלעך
געלעניש — צערט אָפּ זייער אויסקוק ווי שיטערע שטויב־קאָלירנדיקע
הערעלעך אויף די מאַטע שאַרבנס פון שפּעטיעריקע — בייזער ווינט רעגט
אָן צייטנווייז דאָס אומענדלעכע לערע פלאַץ אַרום — זאַמד באַרגט פליגלען
ביים זעפיר — לאָזט זיך וווילגיין אין אַ שטורעם־קאַראַהאָד אַ פּאָר צאָל
איבער דער פלאַך —

נאָך אַ שטיין.
נאָך אַ שטיין.

אַרכיפעלאגן פון שטיינער טוישן זיך מיט זייערע ערטער — קיינמאָל ניט
קיין טיף־איינגעזעסענע — איבער די נאַקעטע שולטערן פון באַרג הויבט
זיך דער מיסטעריעזער שפּיץ־קאָפּ — מאַטעריע בלייבט פאַרשטוינט —
אין גרויסן אומעט פאַרשטיינערט — דאָס העקל גלייכט די שטיינער אַרום
— געשווילעכץ וואָס לאָזט זיך אַריינקלאַפּן אינעווייניק פאַרבלייבט אַ
טייל פון הויז — בייכעלעך וואָס פאַרגעסן ווער עלטער איז ווערן
אָפּגעהאַקט — מיט בודיסטישע הערצער לייגן זיך מיט אַראָפּגעלאָזענע
הענט פאַר דעם פונדאַמענט — געהובעלט שטאָלץ געהילץ (ערשטוויילִיקע
פרייע אַנאַרכישע וואַלד־סטראַשידלעס) — פאַרפאַרטיקט די מאָס פאַר די

אויגן — לייגט זיך ווי אַן ענוודיקער קאָמפּראָמיס אונטער די קריפּטישע פּיס אויף בייגעקומענער ערד — גלאָז קוקט צווייזייטיק — אַרייַן און אַרויס — אינעווייניק — אויגן פאַרזשמורעט אין ווייכן געריר פון שאָטן־ליכט — זעען דאָס געפעס — טעפּיכער — דיל — טיש — בענקלעך — ס׳פאַרבעטע געלעגער — אין דרויסן בליאַסקען די ליליפּוטישע שויבן — באַטראַכטן עזותדיק דעם שאַרלעך־רויטן קיילעכדיקן פייער־רינג — שפּיגלען אים אָפּ גראָטעסק אין זיך — טויבע וועגט — רעכטס — לינקס — קעגנאיבער — גאָפּן אין זייער אָפּאַקער שטילקייט — ציִען די אויערן אויס טאָמער שפּאַנט פאַרביי אָ סימבאָליש באַשעפעניש מיט אַן אָפּן מויל און פאַרלירט אומבאַוווסטזיניק רכילות מיטן וועג — רעקאָרדירן עס אויף זייער קינעטישן באַוווסטזיין — טראָגן עס פאַרבאָרגן מיט זיך ביז צום יום־הדין — קיל־שטיל האַלטן די פענצטער אויף די מידע ווִעס וואָס פאַלן אַלעמאָל איבער זיי (אָנגעשטרענגטע פון אומהפסקהדיקער וואַכזאַמקייט) — אפשר וועט געלינגען צו דערבליקן אַזוינס וואָס וועט זיי דערפרייען אין זייער מיזאַנטראָפישן גאַרניט־זען — דער דאָך ליגט באַקוועם איבער דעם חלל פון בוידעם — וואַרט טאָמער פאַלט ווען ס׳איז פאַרט דאָס פון קיינעם קיינעם־ניט צוגעזאָגטע וואָס מוז קומען פון אויבן אַראָפּ — קאָנטראָלירט מיט זיין שטאָלענער ראַם דאָס קרעאַטיווע וואָס ברויזט פאַרגוואַלטיקונג אין די רערן פון גאַנצן הויז

נאָך אַ הויז.
נאָך אַ הויז.

געוואַגט־פלינק ווי אַ שלאַנג וויקלט זיך די געקלאַמערטע גאַס רעכט־צו — ניט געלונגען — אַ פיינטלעכער פּאַראַפּעט פאַרשטעלט דעם וועג — מיט אַ קאַסקאַדע פון געריוש לאָזט זיך אַרויס אויף איר אַעראָנאַוטישער רייזע איבער לופט־בריקן לינק־צו — שלאָגט זיך אַדורך די קרישטאָל־ריינע פּריזמען פון אַוועק — לויפט — לויפט אָן אָפּהאַלט — פריִער גלייך ווי אַ ווירע — דאַן עטוואָס געבויגן אין אַ קרומלעכער שורה — אָפּ — אָפּ — די אויגן פאַרמאַכט — די גאַנצע ענערגיע קאָנצענטרירט אין דעם טרייבן — עס עפנט זיך פלוצלונג אַ ווילדער תהום ווו שלאַנגען און עקדישן פאַרווילן זיך מיט עקזאָטישע טענץ — האַלטן אין אַרומשפּרינגען — גליטשט זיך אַריין צווישן זיי איינס צוויי — אָפּטמאָל אין מיטן לויפן

כאַפּט אַ געוואַלדיקן קלאַפּ אין קאָפּ אַזש פונקען פליִען: אַן אַנדער גאַס איז דעם וועג פאַרלאָפן — קומט צו זיך פּאַמעלעך — כאַפּט אָפּ דעם אָטעם — גורט אָן די לענדן — דראַפּעט זיך מיט צעבראָכענע ריפּן אַריבער צו דער צווייטער זייט — דערפילט אויפסניי דעם לוסטיקן אימפּולס אין ווייטן פאַררעטערישן וועג אויף גאָטס באַראָט זיך לאָזן — אַוואַנטוריסטישער קוראַזש רייצט אונטער — שטויסט זיך ווידער אָן אין אַ דורכקרייצנדיקער גאַס —

נאָך אַ גאַס.
נאָך אַ גאַס.

דער ישוב. געמאָסטענער רעפלעקטירטער ריטם פון נעכטיקן כאַאָס — לאַנג־העלדזיקע לאַמטערנעס פּינזלען סילועטן —

נאָך אַ ישוב.
נאָך אַ ישוב.

די וועלט —

וואַזאָן

חוהשן, וועמען ס׳אַרן ניט די שטעכלקעס

אייערנעכטן און איבערמאָרגן

מיר ווייסן ניט ווו מיר האַלטן
פאַרוואָר מיר האַלטן אין ערגעץ ניט

אַזוי בלוי ווי ס'איז דער הימלבלוי
(נאָך בלויער אויף וועד ווייסט ווי פיל ?)
און גרוי ווי זיין קאָן נאָר דער שטויב
וואָס הילט סכעמאַטיש איין דעם ציל
פון מאַמינ'ס מוט אין האָפנונג רויב —
מיר בלייבן אומבאַזאָרגט און קיל
(ווייל ווער קאָן וויסן „ווען" און „א ו י ב" ?)
צו דעם אַזאַר־טן גאָטמענטש שפּיל.

פאַרווישט די גרענעצן, ניט קלייב
פאַנאַנדער זיך אין רצונס וויל ;
געגליכן ביסט צום קלייענדרויב
וואָס פאַלט צעזייט אַוועק אין מיל.
צום צער זיי בלינד, צום ווייטיק — טויב
ביסט מילשטיין ראָד, צעלעכצטער דיל.
באַשערט אַן אַנדערן דער זשויב
אויף דעם אַזאַרטן גאָטמענטש שפּיל.

נאָר הער זיך איין אין וואָרק פון טויב
און צו צום גרילן פון אַ גריל ;

ניט שעלט, ניט לעסטער — בענטש און לויב
דעם קויט פון סומנעם נאַכטאַזיל.

דער ווייך איז זויער, פויל די טרויב
און צעכרעשט דער חיהס בריל;
דער גורל גיט ניט קיין אורלויב
אין דעם אַזאַרטן גאַטמענטש שפּיל.

לאָקש: פרעג ניט וואָס און ווער; פּאַרטויב
אין זיך דעם מינדסטן דראַנג נאָך טריל
פון פויגלגליק. ביסט דאָך ס'אָפּקלייב
פון דעם אַזאַרטן גאָטמענטש שפּיל.

בוקעט

טויט, אַ דיכטער. יאָ, דיכטער זענען טויט — טויט ווען געשטאָרבן, ווי אַ קאַץ איבערגעפאָרן דורך די בלאָטיקע רעדער פון אַ בירוואָגן:

די קאַץ אין רינשטאָק פון זייטיקן געסל, דער דיכטער אין ענגן אַלקערל אין מאָלבערי גאַס.

און עס איז גאָרנישט טראַגיש וואָס די קאַץ האָט ניט געזוכט צו דערגיין וואָס דער דיכטער ווינענדיק אין מאָלבערי גאַס אין פאַרשטיקטן אַלקער מיינט.

דו קאָמישער דיכטער, אויסהויכנדיק דעם לעצטן אָטעמצוג דיינעם אין די גרויע פיר ווענט אין מאָלבערי גאַס זוכנדיק תופס צו זיין וואָס באַטייט די קאַץ געוואָלגערט אין רינשטאָק צוגעפּלעטשט דורך די בלאָטיקע רעדער פון אַ בירוואָגן.

געשמאַק

די היפּשע איבונג פון רעאַקציעס, אין עצם — רעוואָלוציאָנער;
די דעפיניציע, אַן אַלטע, קאָן געלונגען מיט אַ תנאי:
„די פּעזקייט אַריינצוזאַפּן פון דער קונסט און דער נאַטור
די שיינקייטן". וואָס נאָך איןביידע קאָן דען זיין כדאי?
סיידן שטריכן פון געפלעפּטער טראַגיק און פּאַטעטישן הומאָר.

דער רויטער האָן צעצוויקלענדיק מיט פּאַרטע־שלאָג אַ קוקורעקו
דערוועקט אין אונדז אַ חוש פון וואַכזאַמקייט און האַלבן דרעמל;
די מאורע, אינמיטן מעלקן, פּראָוואָצירט פון מעקענע־אַרט „שטעקן"
...וואָס פּאַראַ טעם עס וועלן האָבן, אין וויפל צייט אַרום די זעמל.
אונדזער אָפּרוף אויף אָביעקט אָפּוועקסלט איר צו־איינפּאַך מעקען.

אַ גוט האַרץ, ווי אויך אַ גוטער קאָפּ איז ניצלעך; דעליקאַטקייט,
אָבער אויך —
קאָרעקטקייט, און באַצ:ונג, ווי באַזינטער אויסוואַל, מוז שטאַטזיק.
גוט האַרץ איז בודאַס; אַריסטאָטלס גוטער קאָפּ, אויך זיין קאָרעקטער מח.
לאָנגינוסעס, דער שיקזאַל פון אַ צאַרטער דעליקאַטקייט. סוויפטס דער פּייך.
(פּייך איז פון די נויטווענדע עלעמענטן. נאָך זעלטענער איז זיין אויפטויך.)

נאַטור איז ווערטלאָז אין איר מאָס־אויפּפּאַסונג. קונסט און קונסטווערק
פיל ווערטלאָזער, ווען נאָר דאָס גריבלען זיך אין איר און אים הערט אויף.
׳אָן איי וואָס איז געבאָרן יו"ט׳ און ׳די מעשה פונעם גרינעם טערק׳
זענען ביידע שטאַרק אומוויכטיק ווען געשמאַק איז ניט באַוועגט אין
אומלויף
צווישן די אָפּגעזונדערטסטע חדרים און עפּנטלעכסטע רוימען אין די
מערק.

זאָל נאָר אין דעם טראַמפּל פון אידייען ניט אַנטשלאָפן ווערן דער סופליאָר.
בעת די צייטן ענדערן סטאַנדאַרטן פון נאַטור־שנויים און פון קונסט־טאַט
„פּיקט" דער רויטער האָן אין פרישע הינדלעך, געבורט די מאורע
קעלבעלעך אַ פּאָר.

Opinionum commenta delet dies; naturae judicia confirmat.

(די צייט צונישט מאַכט די אילוזיעס פון מיינונג, עטאַבלירנדיק די אורטיילן פון נאַטור).

און קונסט איז אייביק פון נאַטור דער בראַק.
איר איינציקער ראַטונעק איז געשמאַק.

„גראַם שטראַם מאַך מיר אַ לעטניק"

זיצט אַ ייִד אויף דער פּראָווינץ
און דיכטעט אויס באַהעפטונג פון טעלעצע מיט ביק —
„ווען דערלאַנגט מען שוין דעם יי"ש פון לאַרבערקרענץ
און די סמאַטשנע אייערקיכלעך פון קריטיק?"

„באַמאַנטע און באַווייבטע וויצן
קונדסן זיך אויס וועכנטלעך און זיטלעך —"
ווייסט מען ניט אַז ס'טוט אַ ייִד פּראָווענצלעך שוויצן
און ברענגט קרבנות לידער און פּיזיטלעך?

„יענע דאָרטן זייפן זיך די ליטקעס
פראַנק און פריי אויף שטאָטישע אַספאַלטן;
אָט מאָרגן זאָלן זיך אידעאָלאָגישע „נאַקריטקעס"
צעיחוסן אויף „פרייהייט"־שפּאַלטן

„און ס'קאָן ניט פאַרטראָגן דער געלער פּאַוויאַן
דעם רויטלינקן פלעדער־צעלאַרעם:
קאַק נינע־זש סביראיעטסאַ וועשטשי אב. קאַהאַן
אַטמסטיט נעראַזומנים בונטאַראַם!"

און אויף „דזש. מ. דזש."־בייטן
זשענירט זיך פּאַרוועניו־אויפקומעריש אַ רעטעך,

אַ מאַמעליגע ווי אַ בוש פון טוכלע קווייטן
אויף אַ היפש־אונטערדיקן שטח.

„עס איז דאָך אַ בושה
ווי ס׳קלעפּט זיך ניט אַ וואָרט
צו אַ וואָרט
דאָס אָלגינישע, ניגערי[illegible]ע!״ *)

די ערד האָט זיך מיט פּעטע זאַפּטן צעחרוסתט
און אָדיע! מיט סוכאָטע;
זאָל ניט וואַגן ווער צו פּיפּסן אַז ס׳רייבט זיך אויסעט
דעם אָסטראָפּאָליער הערשעלעס קאַפּאָטע!

אָ, וועלט, ווי קולטורעל ביסטו מיט אונדזער
צייטונגס־דיכטערישן לאַמטאדרידאַם:
מ י ר פּ אָ ע ט ן (ס׳הייסט די יורשים פון אליקום צונזער):
פינעגזי ניעמאַם — אי יאַיע ניעדאַם.

„דיזי שינה נייאַי תפילה״ **)

גרויש אַלמעכטיק איזט דר גאָט
זן אברהם ון יצחק אונ׳ ון יעקב,
ווּעמין לאָב גיזונגן הט
געליע, ורום אין הרץ, אין מונד אַ תקיף.

---

*) קריטיקירן.

(לו כל עם ישראל
משהס, שמואלס!
מ. ל.)

**) זע „פּנקס״, ב. ו׳ העפט 3, זייטל 280.

צוועלף יאָרין אין צייט מאָש אַלט,
דורות אין איר שטאָם אָפּזונדר,
הייש׳ אין ווינש, חכמה קלט
צוא דען גורל ון שמ׳ס קינדר.

פאָרוורט תפלה עש זאָל דש ווערק
פאָטערשי ביגליקן,
אונ׳ ישראל, צוא הויז, אין מערק
אויכ׳ איין טריישט צוא זענדן.

אויש דערווילט זעך פּריצים אין די רייכע שאַליעש,
פינשטרן וויר נייאַרט אין דען חרם.
לא ינום ולא יישן, הערר, זאָ לאַנג ווי געליעש
ברינגן פרט אונז ניקאָלשבורגר גרים.

צום פעטער ישעיהן מיט דער מומע פעסיע

דער רבי רב דודל איז געווען אין טאַלנע
און איצט איז ער אין ראַכמיסטריווקע;
ביי היינטיקן טאָג בין איך אין נעוויאָרק
און שטאַמען שטאַם איך פון מאָסקאַליווקע.

אַ היפּשע מהלך־רב פון נעוויאָרק קיין טאָלנע!
פון מיר צום רבין — אַ שיינער להבדיל:
אַ שבת צונאַכטס ווען כ׳טאַנץ אויף אַ באַל, זינגט
דער רבי מיט גרויס התלהבות המבדיל.

נאָר פונקט ווי די טאַלנער מקורבים באַוויינען
דעם רבינס אַרויספאָר קיין ראַכמיסטריווקע
אַזוי אויך באַקלאָגן מיין נעוויאָרקער יאַזדע
די לייבלעכע קרובים מכפר מאָסקאַליווקע.

ס׳בענקשאַפט פון קרובים, אַזוי ווי ס׳בענקשאַפט פון חסידים,
טאַלנער בענקשאַפט, מאָסקאַליוועקער —
און עליה גיט מיין פאַרשייט היג לעבן,
גליקזעליקט דעם רבין בק״ק ראַכמיסטריווקע.

די טעזע איז די: כאָטש ס׳גלייכן זיך לפנים
דער רבי מיט מיר ניט, ניט איך מיטן רבין
האָבןביידע פאַראורזאַכט מיט שנוי־המקום
בטחון און תשוקה אין יסוד פון לעבן.

און אַזויבאַך זענען אין זיסן צער פאַרבונדן
די פעדים צווישן נעוויאָרק־מאָסקאַליוועקע,
ווי טאַלנער צאַרטער אומעט באַהעפט זיך
מיטן התפעלותדיקן גייסט פון ראַכמיסטריווקע.

האָדסן, דער גרייזער

פון איין זייט האָוועט מטושטשדיק
דער געצאַמטער וועלטכאַאָס נויאָרק;
פון דער צווייטער ליגן די ניו דזשוירזי פּאַליסאַדן
ביינאַכט אין זייער נאָענט־וויטער עלעקטרישער נאַקעטקייט
מעליק ווי אַ קאַלסאָמירטע זונה.
און ס׳קומט בייטאָג די אויסגעלאָסענע אין שטאָט
קויפן ברויט־און־פּוטער און שאר־ירקות,
טוישן איר געלט ביי שטאָטיקע חלפנים.
און ס׳ציען זיך שערענגעס געלט־טוישער,
ברויט־ און פליישׁ־פאַרקויפער
צו דער געשמינקטער אספּאזיע אין אָוונט
זוכן דעם ליבידאָ־מיראַזש
אין אירע געניטע העטערא־אָרעמס.

דער ראבער געמיטלעך שווימענדיקער האָדסן טראָגט
אויף זיינע אינדן־הענט פאַראָמען צו די פּאַליסאַדן
געלאָדן מיט עסנוואַרג און אַנדערע סחורות בייטאָג
און מיט אומבאַפרידיקט־וויאַנענדיקער לוסט ביינאַכט.

אַמאָל,
ווען ס׳פאַרבענקט זיך דעם גרייזן האָדסן
נאָך ברייטע מעגלעכקייטן, רינט ער אַרויס
פון זיינע קלאָמערדיקע ברעגן און באַגלייט אַ שיף
אַרויס אין קיניגרייך פון געהויבענעם שכן אַטלאַנט;
אַמאָל, אָפּגעבן אַ ברוך־הבא אַ געערטן גיגאַנטישן ים־גאַסט
וואָס האָט צו דערציילן שטוינענדיקע מעשות וועגן
אַלערליי טשיקאַווע וווּנדער פון יענער זייט ים און וועלט.

(ס׳האָט מיך אַזאַ ים־גאַסט פאַטאַל דערטראָגן
אין איינער פון זיינע נסיעות
צו די ברעגן פון האָדסן.)

די באַישובטע וועלן לאַשטשען דעם פאַרמויערטן,
באַן־ און שיף־רויך פאַרסאַזשעטן ראַנד
פון דעם געצאַמטן וועלטכאַאָס נויאָרק
און די הימלקראַצנדיקע פעלזנשפּאַרעס פון די פּאַליסאַדן.

העויה

אַזוי איז דאָס געווען — אַזוי וועט זיין:
מיט שטאָלץ און ווירדע ערע צו דערנערן,
מיט האַס און עקל ס׳רויטע האַרץ פאַרצערן —
פון אָנהויב: מוט און פרייד, און שפּעטער: פּיין.
בלייבסט שטיין: די רעטינאַ זאַפּט אין זיך איין:
אויף דעם עקראַן פאַרוועלט זיך פרעך און גערן

אַ קאָמעדיאַנט און, שמייכלענדיק דורך טרערן,
ציילט וווּנדער אָפּ נאָך וווּנדער — אין סכום: נייַן.

דער זייפנבלאָז וואָס שטויסט דיך אָפּ פון זיך
און ציט דיך צו מיט כוואַטסקע פּירועטן
צו זיך (אַמאָל — אַזוי, אַמאָל — אַזוי)
איז איינער פון אַ ריי געוועב־פּלאַנעטן:
יופּיטער, ווענוס, מאַרס, סאַטורן (גענוי
זע לעקסיקאָן פּאַר נאָך אַ פּיר) און — איך.

ווידמונג

איך האָב פאַר דיר אַ פינצטערניש, מיין בושקע, אַלטער גוטער פריינט,
אַ פינצטערניש וואָס איז ווי זוילן גרוי און גאַליק גרין:
עס האָט זיך אויסגעשיילט פון קויטיק־בלודנעם היינט,
אַריינגעפלאָכטן זיך אין לעבנס ספּלין.

איך האָב פאַר דיר אַ ליכטיקייט, מיין פריינט,
אַ ליכטיקייט וואָס פילט מיך אָן מיט זעלן־רויט:
און טאָמער שטעלן ניט צופרידן דיך די בײדע היינט
וועט מאָרגן פינצטערניש ווי ליכטיקייט פאַרוואַנדלען זיך אין טויט.

חדשות ביי אַ פּאַרווייל

מיר זענען געזעסן. געזעסן און געטרונקען טיי.
מיר. איר. זיי.

געשמועסט. געפּלאַפּלט. געלויבט ליכטן — ניט מיכל, נאָר — האָנס
פאַר זיין „זיטנגעשיכטע גריכנלאַנדס".

כאָטש „לויבן אַ צווייטן הייסט ז י ך אונטערשאַצן" (געטהע).
— איר זאָגט „סאַקאָ־וואַנזעטי"

און איך טענה „לינדבערג״ — האָט ווער צעכראַמטשעט מיט אַ קיכל
ווענדנדיק זיין סאַלפּעטקע צו מרת מיכל.

אַ ברונעטקע שאַרט צו זיך דעם סלאַי מיט פּאָווידלע בעת זי
לעסטערט אייפעריק די באָסטן עקספּערטיזע.

אַ מיטגליד ראַטשקעוועט זיך צו דעם וואַסער־צימער:
— אַמעריקע מיט איר האָבנגוטס, רייכטימער

קאָן זיך ניט פאַרגינען נ י ט צו מאַטערן — האָט ער מיט אומפּאַרדיי
געצאַפּלט;
און אַנדערע האָבן רייד אין דעם זין געמפּילט.

ווידער נעמט דער פּריזערדיקער (איינער אַ מר. צינבערג)
טענהן „לינדבערג״

און קריגט זיין ערלעך אויסקומעניש פון איינער אַ מיס נעטי
וואָס אָלט אים מיט „סאַקאָ און וואַנזעטי״.

ביי אַ בחור מיט קרישלדיקע ציין און פאַרגלייזטע אויגן
וועבט זיך אַ געשפּענסט פון „עלעקטריזירט״־„געפלויגן״.

עמיצנס אַ קודלע רעגט זיך אויף צעפּאַטלט
ווי ער מאַכט מבטל

און נאָגלט צו צום חוזק־סלופּ די אייביקע טיי־טרינקער:
— „בלוט! בלוט!״ — (ער איז אַ לינקער)

ברומען , זשיפּען די ערשט־טיי־טרינקענדיקע ליפּן,
און ווי פון וויפּל זיפּן

שפּריצט פון צווישן זיינע פעדערציין דער רויגן־צובייס.
און א י ם ענטפערט מיט געשטייגטן כעס

אַן אַלטער גרימזער טעכערנדיק די טיילן פון אַ מאַרציפּאַן:
— וואָס אַמפּערט איר זיך, יונגערמאַן?

באשר־וואָס מען נעמט אין באָסטן קוילן אומשולד, זאָגט איר „בלוט״?
אַז מען שמייסט, איז אייער תרופה „נאָך אַ רוט״?

פע, ווי שעמט איר זיך ניט! — נאָר אָט דערהערן מיר אַ קלונג
פון טעלעפאָן. ביי אַלעמען — געליימט דער צונג.

ס׳בלייבן אויפן טיש סערוויזן מיט האַלב־אָפּגעשטשאָבעטע קאַפּלונען,
און יעדנס אויגן מ׳צווייטנס שטומפּיק מאָנען.

אַ באַיאָרטע פרוי נעמט גלעטן דעם דיוואַנס טשאַכאָל,
און ס׳וועבט זיך יאוש און האָפנונג מיטאַמאָל.

מר. צינבערגס ליפּן קליאַקנען אנגסטיקער און באַנגער
פונקט ווען ער האַלט אין געשפּרעך ביי דעם וואָרט „האַנגאַר״.

די טשאַקנדיקע פלינקע אָפּפרעגערישע מיס נעטי
בליקט צום טעלעפאָן, דעם בשורה־ברענגער, רעטער און — פאַרעטער.

דער גאַסט וואָס האַלט דאָס אויער־רערל (לאַנג ווי עוג מלך הבשן)
שטייט דאָרט אומבאַוועגלעך, אָפּגענומען ס׳לשון.

אין וואַסער־צימער הערט מען פּלוצים לויפט אָפּ וואַסער.
די פּנימער אַרום, צעשראָקענע און בלאַסע.

און מאָרגן זיצט מען ווייטער. ווייטער טרינקט מען טיי.
מיר. איר. זיי.

T. S. E.

עס האָט געזוכט ביי מיר צו פועלן דער אויטאָר פון אַ מלחמה־מעשה
(צו זיין עקזאַקט — „די מעשה פון די הונדערט״) אַז עס איז דיין
„חרובלאַנד״
ווערטלאָז פאַרגלייכנדיק — — — „די מעשה״ ליגט שוין אויף דעם
טויטן אַלטוואַרג ראַנד,
דיין קונסטווערק פאָרט האָט פּראָגנאָזירט דעם איצטיקן „לית דינא
ולית ביתא״.

דיין רייטשלען דאָך (געבאָרן ראַבינאָוויטש) און דעם פּערדינאַנד
סיר קליין

און בליישטיינען מיט זיין האַוואַנאַ קומט מיר אויס... נו, שווער
אַראָפּצושלינגען!
פּרוּוו דו נאָר ווען צעפּאַטשן סוויניס פּיסקעס, ס'זאָלן אַזש די ווענט
אָפּקלינגען,
און איך וועל מיט דעם „ייִד פון מאַלטאַ" שוין אויסקומען ווי־ניט־איז
אַליין!

אייפּנעק (צווישן נאַכטיגאַלן) (מיט צעשפּרייטע קני) איז ניט צעשטרויכט
אַ ליאַדע האָר פון דיינע „ספּעקולאַציעס איבער דער אומשטערבלעכקייט".
ניט פּאַביע קאָן אויסגלעטן קנייטשן אין דיין געמיטס געדינצלט
לויטערקייט,
און אַ פּאָעט ווי דו דאַרף ניט פון האַס — פון ליבע זיין באַהויכט.

טרוים... טרוים...

כ'קאָן ניט פאָרן אויף אַ לאַנג־געווינטשטער רייזע קיין איטאַליע
צוליב געלט — און — צייט — און כח —
טאָ אויף וויפל די דערשיינונג איז אַן אַנאָמאַליע,
נון, געאָגראַפיר איך מיר דאָס לאַנד אין מח.

צייט וואָלט איך נאָך ווי־ניט־איז אָפּשפּאָרן.
— כח? — ווער דאַרף כח דען פאַר קוקס טור וועלט־איין וועלט־אויס?
אָבער מיסטער קוק זאָל לאָזן מיך מיטפאָרן
פעלט מיר אייגנטלעך באַרעס געלט בלויז.

איצט וואָלט ערשט געווען ניט מער ווי פּאַסיק
כ'זאָל מיט שאַרפן וואָרט סטיגמאַטיזירן מעות:
„פלאָרענץ, טורין, נעאַפּאָל, ווי פּאַרדראַסיק
ס'שטייען צווישן מיר און אייך הוצאות!

„ווי וואָלט איך כדבעי אייך אָפּמאָלן
און גערעגט די לעזער מיט דער שיינקייט

פון די זוניקע פּאַלאַצן, פּיאַצאַס און גאָנדאָלן,
און דערהויבן זיי פון סיבאַריטן־קליינקייט!"

נאָר לויט אייער ווי אויך מיין באַגריף איז געלט אַן אַנאָמאַליע:
שיף פאַרמאָגט עס, פּונקט ווי רוים האָט צייט, און דעמפּסי — כח;
בלייבן הענגען מוז דערפאַר מיין רייזע קיין איטאַליע
ווי עס הענגט דער דובליקאַט פון געאָגראַפיע אין מיין מח.

י. ג.

מיט דיינע אומרייפע קאָמפּלעקסן און אינטויִטיווער אַפּאַטיע
אויסגעפּרעגלטער אין נירוואַנאַ־וואַליוטע
פרעגסט ניט וואָס איז דעמאָקראַטיע
ענטפּערסט גלייך געזאַלבטע בלאָטע
פּרוווט ניט שטירצן פּערלמוטער־כמאַרעס
לייזן זיי זיך אויף מיאַזמאַטיש אין רעגנוואַרעס

גאַף און שטוין
דער באַרג וועט זיך אין אַ בלויען אַמאָל
צעראָפּקרישלען אין גאָלדיקן טאָל
און דאָס וועט זיין דיין לוין

סדרדיקע פּערפעקטע אויסלעבענישן אָפּגעזונדערט
אין קורצזיכטיקע קלאַסישע צירקלעך־קינות
רוכן אין פּראָמעטעאוס־צוואַנג פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט:
אַ טרער בלויז אויף דעם אינערטן באָדן פון ערד־לאַווינעס

גאַנגרענע פּרעסט בעטציכן, פּרעסט
אין אַ פּריש איינגעאָרדנט פאַמיליען־נעסט —
דיך אַרט ניט, גאָטאַמאַ־אינספּירירטער שטילער בראַנד
באַישובטער מענטש, בליצגעצערטלטער

דיכטערישער ראַדיום, פאַרקערפּערטער
שווונג און קילע צילל־אָזיקייט (אין איין באַנד)

שוין, שוין אין די נײַן טעג פון אָב
ווי אין די דריימאָל דריי חדשים פון אויסגעמוטערטער טראַכט
גרייטסטו זיך אַ קיילעכדיק יאָר צו שוואַנגערשאַפט וואָס מאַכט
פון טרויער פאַר דיר אַ קוואַל פון כל־טוב

(באַדיאַקעס שטעכן
רויזן שמעקן
אויערן
לויערן
צונגען איזדעקן
זיך איבער גייסטיקן בויען און צעברעכן!)

אַן אָפּווענד: פון דיינע פּראָגראַמעס
אַ דריטל, צווײדריטל, דרײדריטל
זוכט זיך ווי אַ וועווערקע „אין זיך" (ד' על ד' אמות)
אין זיך — ווייניק (אַ טויב אין איר ווייסן קיטל
וואָרקעט אין דיין פּסיכעס צעצווייגטע פּריטשעפּעס
גרענעצט מיט מינימאַלן „עפּעס")

פאַרפולט די לאָגלען מיט פּרווו־אָרגאַן
הײשעריקס בוזבוז (אין דרייפּירטל טאַקט)
מאַסאָוון בלאַ־בלאַ (אַ געפּערלעכער אַקט)
אַעראָ־צייטיקער באַלאַגאַן

ווילן זיי לידער מיט פאַסיקן טראַפ
פאַרצייטיק טערפּסיכאָריש דעלינירטע
פּאַעזיע מעטריש ציפּצאַפּ
געווירצטע געפּעפּערטע קאַנאָנען, פּאַזירטע

חלודיקע רינגען
ציקלירטע ציקעלעך

(קינדערשע וויקעלעך
פאַרקאָנראַדוואַלטעראַרענסבערגט אין „יגגען")

וועג זיי אָפּ אויפן בעזמענט פון בדחנישקייט
אַ וויינענדיקן פזמון, אַ וווּלגאַרן לאַך
שענק זיי אַ האָר פון דיין בלאָנדער יינגלשקייט
און זיי וועלן דיך לאָזן געמאַך

אַ שפּרונג אין אַגאָנישער סתירה
פון דיר און דיין צייט —
וואָס פאַראַ עטלעכע־און־צוואַנציק יאָר נאָענט, אייביקייטן ווייט —
דיין שוואַכקייט און גבורה.

כשוף־כנופיה פאַרלירט אַ מיטגליד

אין אַן ערלעכער צייט לעבן אויף גן עדן קינדער
און מאַכן אַ טור אין שפּאַגל נייע גיהנום־פלאַמען.
— ר. פערשטער

דודע, טאַליאַנקע און אַקאָרדעאָן
קלאָגן קינדערש, קינדערש בעבענדיק
דער ליקטאָר פון דער צייט האַלט אָפּגעשמיסענע
ווערבע בעריאָזקע יעל און טאָפּאָל הושענות
אָפּגאַנג וועקסלט יעדע אַקטיווע צאַרטקייט
מיט כוליגאַניש פערזנווייבערישע צונעמען

מיינט ער „מאָסקווע"
צי וואָס פאַראַ לעכער־געסלעך
מיינט ער „פרויענבריסט"
צי ערד דערשוואָלענע צו בערגלעך

פאַסטוך דודע און טאַליאַנקע פאַר האָפּאַק

מיטאָמאָל
אַ קלאַוויש פון דער גראַן פּיאַנאָ פּושקין
און פּאַרטשאילד האַראָלדטן לערמאָם קלאַוועסין
און אַ חנ׳דל פון סאַראָטשין־דיקאַנקער וווּנדערלעכן פּראָטעזשירער

מכּל־שכּן שוין דער גלגול פון אַ קאַץ אַ הונט פּאַרקאָפּטשעטע כאָטינעס
קומט צום קינסטלערישן יום־הדין
לעניין זאָגט מען פלעגט פון אים אָנטייען
(ס׳ליפּען גרעסערע באַגערן אויף סערגייען)

האָבאָרע און פּאַלאַץ שדוכים אים נאַרייען
(האָבאָרע און פּאַלאַץ קאַנייען אים קאַנייען)

די לופט האָט אים ניט געפּאַנעוועט
די צייט האָט אים ניט געפּאַנקעוועט

און ער מיט דודע טאַליאַנקע און אַקאָרדעאָן
האָט גאָרניט טוענדיק פּאָרט עפּעס א ו י פגעטאָן

אויף דער דודע
שפּילט אַ פּויערל זיך טויטשענדיק אין דראָבינקעס אויף הרודע
סיודע־טודע

טאַליאַנקע
שלאָגט דעם דעך אַרויס פון האָפּקענדיקער ליובקע זאָסקע קאַטקע מאַנקע
יעוודאָשקע טאַנקע

אַקאָרדעאָן ראַזדרעכנעט האַרטע הערצער, שאָרסקע לייבער
מענער ווייבער
קינדער
— וואָס פּאַראַ בייזווונדער!

הייבט די פּיס, צענעמט די וואַרגעס
מאָרגן

מעג זיין געשטאָרבן
היינט איז חיי־געלעבט כאָטש נומער אַרגער

הודע
דודע
סיודע־טודע
אַקאָרדעאָן
טאַליאַנקע
טאַליאַנאָטשקע
בייזער טאַלאַן
באַסורמאַנקע
באַסורמאַנאָטשקע
„קאַניפאַרשטאַן"
וואָס וויל האָבן מאַרקס און לענין
הודע
דודע
טענער גליִענדיקע
באַשפּעטע, שפּעטיִענדיקע
מוזע פון סעריאָזשינקאַ יעסענין

דערצייל אינאָניע
פון אַ האַרציקער אַגאָניע

. . . .

די מוזע יאָמערט. איר שבעה שלושים יאָרצייט קלייד
מיניעט זיך אין לוסטער נאָך, אָבער בלויז אַ טראַנטע.
די טאַלאַנען פון דעטערמיניזם האָבן אויסן אינגעווייד
אירן זיך אַרויסגעריסן פאַר אומשטערבלעכקייט אַ פאַנטע.

ליד מיט גרוס צו אָרטאַלאַן

ווי אַן אָרטאַלאַן, נאָר אָן שום געלעגניש אויף בויך און קאָפּ,
טוליעט זינגעוודיקער האַלדז מיין — פרייד און פּיין אין גאַמע:

פעלזן־טאָלן־אַטאַוויזמען, סדרהס מעביר זיין דעם טראָפּ
לכבוד שטאַם, מיין פאָלק, מיין לאַנד; לכבוד טאַטע־מאַמע.

ווי דער פויגל האָב איך זיך שוין באַלד אַלץ מער און מער געווענדט
צו דער דושקע וועמעס בליק האָט מיך באַגליקט ווי ראָסע
פאַלנדיק אויף קוואַרן גרונט; צו אויף אַ ווייל, צי פערמאַנענט,
האָב געהורבעט קלאַנג אויף קלאַנג ווי פעליאָן אויף אָסע.

בייערט זשעדנע מיין מיצאַצע, אָט די דושקע מוזע, רופט
צו איר דורכויס מיטלמעסיק דיכטערישער ליאַמע;
צי פון נחת הויט פאַרויטלט, צי פון קומער הויט פאַרבלאָווט,
זי פאַרטיליקט שטאַם, פאָלק, לאַנד — פאַרלענדט די טאַטע־מאַמע.

זי איז רעגלמעסיק — סיי באַזויפן סיי פאַרהונגערט — וואָן;
נויטס שלאָקסרעגן ליאַפּעט ניט אויף איר. איך בין די חיה
וואָס געזעלשאַפט צוקט פאַרצוקט.
פון מיר וואָס, שיינער אָרטאָלאָן,
ווינטשט זיך דיין ווינטשפינגערל.
מיט אַכטונג
מיכל פאיע.

„מה מליל?"

„די דעלפינען שווימען אום — אין דעם העכסטן
טייל פון וואַסער".
— ג אַ נ ג אַ ר אַ.

די שעה פון חושך איז די וואַסער־שעה
וואָס ריזלט פריידיק אין דער נאַכטס געדערים
זיך מיניענדיק אין טראָפּנס ווי גליוועריס.
פאַר דעם ווי דער קאַיאָ רעכט אויס אַ רו
אַרום דעם מאַט־שאַריענדיקן גראָ

פון דער אשמורה פיר. אַ טשאַטע גרים
כרעשדיק פּילגערט אויס פון נאַכטלאַנדס טורעם
צו לאַמען, קיזלען, רידלען: טאָג איז דאָ.

דאָס זוניקע אומשמייען פון דעם טאָגליכט
פאַרוועבט געדיכטער מאַטעריאַלקייט (רק
ס׳פאַרשווענקט אַן מינדסטער קעגנשטאַנדן־ריקזיכט
די וואַסער־שעה, פאַרוואָר, טאַקטילן בראַק):
מיר זענען דאַן דער שקלאַף פון האָרעוואַניע,
ביינאַכט — דער שר פון שלעסער אין הישפּאַניע.

מוזיק

פּופצן הונדערט הערצער פלאַקערן איניינעם
צינדן ברענען טליען מיט הייב פון סמיטשעק
בלאָז פון האָרן
טרומייטערס יובלענדיקן שאַל
קעסלפּויקס העמערל לופּטיקן פּאַך
— — — טליען אויפצופלאַקערן מיט פלאַטער פון אַנדאַנטע
פּיטשיקאַטאָ־זיגזאַג
— — — צינדן ברענען טליען לעשן זיך אויס מיט לעצטן
שטאַרקן זיסן זשוואַון איינפאַכן איידעלן ביטערן אומבאַהאָלפענעם
דערשטווינטן

פאַרשליסן פון סימפאָניע־זאַץ

(בעטהאָווען היילט פאַרלאַנג
פּראָקאָפּיעוו קיצלט אורלינג
ביידע צינדן בריען ברענען פלאַקערן)

ווען ס׳לעשט זיך אויס לעצטע סימפאָניע־זאַץ
בלייבט מילגרוים־קאָלירטער אויסגעריבענער פּליושטוך
מיט אָפּמאָל פון לייב־הינטערטיילן

צערבער־באַוואַכט פון וועלקע בלעטער־פּראָגראַמעס
פינגער געשווייסטע
און סאָבוויי עלעווייטעד טראַמוואַי הים־מרגלים
און קאפע־צו שפּאַצירער אין בעטהאָווען־פּראָקאָפּיעוו גערייד
לייזן טשעלאָ־כּאַרכל אויף צעפּידלענדיק פּאַרלאַנג־פרעלודן
צו נאַכטלעגערישע סימפּאָניעס
אין פאַרבאַרייט צו טאָפּעלע קאַמערמוזיק כאַרן
פון שטאַרקע זיסע זשוואַווע (עטצעטערדיקע)
קעגנזייטיקע ברוסטיקע פלאַטערס
(ווי טרומייטן צווײ אין „לענאַר״־אָווערטורע)
פון העלדישן אַטעם־געזאַנג (ווי אַ דריטע סימפאָניע)
פון פיסיקן זיגזאַג און ווימוטיקן שאַלן
(„די ליבע פון די דריי מאַראַנצן״־פּיטשיקאַטאָס)

ווען פּופּצן הונדערט מ י ל י אָ ן הערצער פלאַקערן
איניינעם.

נ. ב. מ.

צוויי פליגן אויף דער וואַנט אין מילדן קאַיטוס.
אַ מיידעלע מיט ראָלערס אין פענצטער אויף דער גאַס.
קולות אין עסצימער דורכגעזייערט דורכן טיר־חלל.
פּאַרגעסענע טענער פון אַ שערצאָ אין געהירן.

שאָלעכץ פון באַנאַנעס אין שמוץ־אָפּגאַנג ווינקל.
אַ באַקאַנטערס ראַפּסאָדירן אין קראָטאָנאַ פּאַרק אַלייע.
רעדערגערויש פון ביינאַכט אין פּאַרוואָרפענעם געסל,
אַן אומגעקערטער קוש אויף ליפּן אין די אַדיראָנדאַקס.

אַ טרער אויפן פּאַראַט פון דעם דיכטער פירדוסי.
„פּאַרטאָג וועל איך אויפגיין אין אַ רויטן רעגנבויגן״.
כ׳וואָלט איצט גרייליך געוואָלט זיין ביי נחום־ברוכן
דער באַגער ווערט מוזן בלייבן אָן אַ סיבה אומבאַפרידיקט.

נאַכטליד

כ׳שלאָף, און ס׳שלאָפט זיך ניט.
געלייגט זיך 12. איצט איז 2.
צווישן דאַן און איצט געראַט אַ הון
אויסטראַגן צומאָל אַן איי.

אַנטקעגן צאַרטן הינדעלע
וואָס זענען דיכטערישע טרוימען?
ניט פּיקאַנט און אומבאַשרענקט
דאַרף זיך דער דיכטער צוימען.

...אַט ליג איך גאָר אויף אַ טאַפּטשאַן
וווּ ס׳איז די דינסט געלעגן;
אין מיטן דרינען — אַ קאַטאַרזשאַן
באַגעגנט מיך אויף סומנע וועגן.

אַט קומט מיר אויס אויף האַצעפּלאַץ
זיך טרוימענדיק אַריענטירן:
אַן אשת־איש אַלס מיידל נעמט
זיך נעפּלדיק רעמיניסירן.

טשיקאַווע אויפפאַלנדיק אין פּרט
ציט צו זיך דאָ זייט־ביי־זייט
מיין אַלערשט אויפמערק וואַכזאַם זייער
דאָס ליבטיף צאַרטזיס ווייב.

אַ סוד פון דעמוטיקער וואָך,
אויף וואָס פאַרוועגדסטו דיינע נעצן?
איך בין ראַציאָנאַל געשטימט
און דאָך עמפּיריש שטרויכלען געצן!

...ס׳פּוילט דער קאַטאַרזשאַן שוין איצט
אין אַ געפענקניש־צעל;

און דער „הײמישער״ טאַפּטשאַן
טרעט אַרויס אין טונקל — גרעל.

דער חלום אַ הינערפּלעט שײלט אויס
אַנבליק פון אשת־איש (ברונעט!)
פאַרוועבט אינערט אין אַראַנזשמענט
פון בריק־אַ־כראַק אויף טאַבורעט.

פאַרן שלאָף געלייענט אַ סיפּור
צערטלעך ציטעריק און שאַרף
נעמט געשפּענסט און טוט „די וואָרהייט״
אויף אַ ביכערש־דיכט־דאַכט אַ פאַרוואַרף.

אפשר איז דער יש שוין תמיד
בלויז דער הינטערשלאַג פאַר חלום
טאָ פאַרוואָס קאָן האַרץ מיט מח
אויף אַ האָר ניט מאַכן שלום?

דאָס ליבטיף צאַרטזיס ווייב
דינט מיר פאַר פּסיכע פאַרטרוי;
זי אין ברויטהונגער, וואַסערדאָרשט; —
בעת האָצעפּלאָץ איז טרוים און טוי.

...די דינסט וואָס אויף טאַפּטשאַן געלעגן
איז א ו י ך אַמאָל שיין־יונג געווען;
מ׳האָט אויף אונדזערע טריט געלויערט
האַמיר געזינדיקט אומגעזען.

דער קאַטאַרזשאַן האָט בלויז פאַרזוכט
צו מאַכן ס׳יאָכיק לעבן לינדער;
אַז־אַך־און־ווײ דעם וואָס פאַרמאָגט
אַן אײגן גוט מיט שאָף און רינדער!

פאַרמאָג איך שוין וואָס האָב באַגערט?
כ׳זופּ מיר גראָג, פּאַרצי האַשיש;
מיין אויסדערוויילטע לעבן מיר,
אין האָצעפּלאָץ — אַן אשת־איש.

בלחש, פּערזן מיינע, פּיאַנאָ,
זינגט צו איר דאָ ביי מיין זייט;
פאַרוואָרפן מיט איר מיטמי האָב איך
אַ ווענטקע אין דער אייביקייט.

זי, זי די מוטער פון דער שיינקייט
וואָס איך באַגער און זי טראָגט אויס:
לויטער וואָסערדאָרשט, ברויטהונגער,
עקזאַלטירטער גייסט־אויפברויז!

יענע האָט געהאָדעוועט באַגערן,
פּראַכטפול זיי אויך אויפגעבראַכט
ווי נחתדיק געשטרויכלט ווערן
איז אין לייב־און־זעל צעקראַך!

אין אַ שייער אונטער סטריכע
ליגט זיך מוטערדיק אַן עוף
פאַר די מאָרגנדיקע אייער
כחות קלויבנדיק צונויף.

זי ווע ט זיך פּעדערן קאַיאָ,
צעשעלעשטשען אירע פליגלען,
אין הויף אַרויספּראַלן ווי גיך
ס׳וועט עמיצער אויפריגלען.

. . . .

איך וועל זאַמלען די אָנוואָרפן
אין צעשוואָלענעם אַרכיוו. —

מאָרגן ליפערט אָפּ בריוועטרעגער
אין וויטן האָצעפּלאָץ אַ בריוו.

(אפשר ז׳אשת־איש נישטאָ שוין...
וועלק די רויז, גערוך פאַרלאָרן...
טרייסטלאָז איז געווען איר אָפּשיד
כאָטש ס׳האָט נחת זי געבאָרן...)

. . . .

ס׳וועט מיין ווייב זיך צערטלעך פילן.
אין דעם אויפלעב פון אַ מיף...
...האָצעפּלאָץ וועט אויך ניט שווייגן,
צוריקליפערן אַ בריוו.

. . . .

דער פינאַל וועט ערשט דערמאָנען
אין מאַיאָוון קאַטאַרזשאַן;
שלאָף פליקט שטיקער וואָך אָפּ
פון ב ע ט־געלעגער און טאַפּטשאַן.

. . . .

כ׳זע שוין אַלץ ווי כ׳וואָלט באַנומען
סיטואַציע דורך שפּאַקטיוו

. . . .

צייט שטויבט צו די טינט־פּאָרטרויען
אין אַ דיכטערשן אַרכיוו.

נאָרדישע מיפּאָלאָגיע

א

מאַרמאָר־בלאַסע יונגען ליגן אויף אַ טיש מיט קרענץ אַרום
לאַנגעקאַכיקע קעפּ.
מאקאבר־פּוריעס טאַנצן מיט צעלאָזטע צעפּ אַרום די מאַרמאָר־בלאַסע
יונגען אויפן טיש.

מאַרמאָר־בלאָסע יונגעץ ליגן אויף אַ טיש. און די וואָס זיצן שבעה
מיט צעשטרויכטע קעפּ
וואַרפן טרויערבליקן דורך די פּוריענצעפּ אויף די מאַרמאָר־־לאָסע
יונגעץ אויפן טיש.

אַ פלעמל פון אַ חסד־ליכטל טונקט זיך, צאַנקט, און דראָט זיי אַלע
איינצוהילן אינעם רויט
פון לעצטן „זײַ־געזונט!״ — טעמפּ, באָוועגלאָז בלאַנקט
דער איין־דימענסיאָנאַלער שאָטן פון האַר טויט:

ער לענט אַכזריותדיק זיך אָן אין ראַנד
צווישן טיש און די אבלים אויף דער וואַנט.

ב

צווישן טיש און די אבלים אויף דער וואַנט בלומט אַ גאָרטן
אין אַ הויכן צאַם פון שטאָל.
און פון אַ קאָשמאַר אַן עכאָ שאַלט אַמאָל צווישן טיש און די אבלים
אויף דער וואַנט.

צווישן טיש און די אבלים אויף דער וואַנט, שטאַרק און זויבער
וויאַ בראַזג פון אַ קאָלאָנאַדע שטאָל,
ברעכט לעבנסרעגונג אויס, רו־טויט צומאָל צווישן טיש און די אבלים
אויף דער וואַנט.

מענטש פון קאָפּ לאַנגעקאָכיקן: עס דיין ברויט געווייקט אין שווייס
דיין הענטיקן. דאָס וואַסער טרינק (3)
וואָס קוואַלט פון זויבערשטיין און וואַש דיך אָפּ פון קויט ווייל באַלד!
מיראַבילע דיקטו! — נאָך באַלדיקער ווי פלינק! — —

מתים און קאָשמאַר, אבלים און דער טויט!
צויט פון קעפּ לאַנגעקאָכיקע, רונדע צויט.

E. P.

א

עזרא:
געלאַסענער אַרומנישטערער אין קלאַסישע באַנאַליטעטן
און אָפּטמאָל מאַגישער קלאַון
פון קיין רייך:
דיינע בלעטער — מיינע וויזיעס באַיאָרטע.
דיין בוך — סעזאַמע פאַר מיינע פסיכישע אַוואַנטורעס.
איך שליס אַן אָפּמאַך מיט דיר ווי דו
האָסט געשלאָסן מיט דעם „גוטן גרויען דיכטער":
אויך איך בין אַ פאַרדאַמטע זשמענקע איינפאַך שטויב.

ב

דער זון פון וויטן אײדאַהאָ
ציט פון זיינע טרובאַדור־אַרבל
קאָלירטע סטענגעס.

די אַראָגאַנטע אויגן
בלישטשען אויף אַמאָל סאָפּיסטיש
דורכן גאָלדשטויב פון כאַראַלן מיטלאַלטער
מיט געפּעליקן שימער
פון ריהאקוס קאַטהעי־ימ׳שאַפּטן;
אַמאָל —
מיט המנס סמ׳יקער בייזבלוט־חולאת.

אײדאַהאָ־קילע לופט אין אַרנאָ דאַניעלס רייך
אָטעמט סובטיל מיט דעם אויסשפּרוך פון „לאַ דאָלטשע
לינגוואַ טאָסקאַנאַ".

ווי אַלץ וואָס אומהיימלעכער מער היימיש.

די רעטאָריק פון קאַמאָען איז זיין שאַצערס רעטאָריק.
אין דאַנטע־אָדעס, באַלאַדענע מיט געטאָקטקייט, גריבלט זיך
אַן אַלכעמיקער, אַ ראָמאַנסירער.

(נאַטירלעך, לאָקט „דער נעכטן״ מיט הויפּנס שטויב:
היינט איז דער טאָג געקליידט אין אַ באַקאַנטן זון־מאָדעל:
אלבאקאנט איז דער אַדרעס ווו זון־קלייד איז צו קריגן).

עס כשופט דער אימפּאָרטירטער שפּאַנישער פּאַוואַן
און פּאָרט זיך אומפּאַרשטענדלעך
סותרדיק
מיט המנס מאַניפעסטירטן בייזבלוט.

פּאַנדאָראַ צעעפנט
אויס צייטפּאַרטרייב
איר שאַכטל

(אַ פּאָר מאָטיוון נאָך אַן אָבסקורער אַלט־ענגלישער ווערסיע)

גרינע קעצישע אויגן אין דער נאַכט.
שווער־אָטעמדיקער טיקטאַק פון אַלטמאָדישן זייגער.
אַ בינטל פרויענהאָר אויף דער דלאָניע.
פלוצימדיקער פראַגמענט פון אַ רגע
און אויס מיט אינערציע.

ניט מער קאָן איך אָנגיין מיט טרענקען אויף דער ציטאַר
אונטערן שטילן צערטל פוןביימער אין זומערדיקן גאָרטן.
אויס מיטן באַפרייטן אומפּאַראַנטוואָרטלעכן געפיל פון לעבן:
די לבנה קרייזט גראַציעז אַרום מיין הוט
און דערוועקט צום עקסטרעמען רעגן די ספּערמאַטאָזאָידן,

און יענע וואָס האַלט מיר אין איין דערמאָנען אַז זי איז נישט פאַרליבט
אין מיר, נאָר;
און די אַנדערע וואָס האַלט מיך אין געשפאַנטקייט מיט מאַכן מיך פילן
מיין איינפלוס אויף איר, אָבער;
און דאָס וואָס כ׳קאָן נישט אָפּשפּאָרן קיין רגע פאַרצולעזן מאַרטינען
די צוגעזאָגטע אַנדערסען־מעשהלעך;
מיין אַרומנישטערן איבער קלייטן פאַר אַ לענגערער צייט נאָך אַ גרינעם
קראַוואַט מיט ווייסע קראַפּעלעך;
און דאָס וואָס כ׳זע ניט קיין מעגלעכקייט צו פאַרברענגען אַ פּאָר וואָכן
מיט מיין אשת־איש אין אַן אָפּגעזונדערט ווינקל ביים ים
ווי לעצט יאָר;
און די וויפל צענדליק עקזעמפּלאַרן פון מיין ערשטער לידער־זאַמלונג
וואָס וועלן סוף כל סוף דינען אַלס ספּאָרט פאַר ראַצן־ציין;
און דאָס —
און דאָס —

כ׳האָב אַלץ געזען אָפּגעשפּיגלט אין
די גרינע קעצישע אויגן פון דער נאַכט.
דער שווער־אָטעמדיקער טיקטאַק פון אַלטמאָדישן זייגער
טרייבט אַריין זיין שווער־אָטעמדיקן ריטם אין געפלעכט פון רעפלעקסן.
די פריערדיקע אינערציע מיינע ווערט אומגעריכט פאַרטריבן
פון אַ בינטל פרויענהאָר אויף דער דלאָניע.

„פּאָרטרעט פון קינסטלער
אַלס יונגערמאַן"

אַ געברווינטע שטודיע
אין די גרענעצן פון אַ ראָם
ערדיש קרעפטיק.

צו יענע פּאַראַליזירט פון האַלדזגעלענק אַרויפצו,
לערער, דומפּער טומל —

בונטע קלאַנגען אין פאַרב
אין אויער פון די אויגיקע.

אַסקעטיש־אַשיקע כראָמאַטישקייט
אַנטפּלעקט געבליאַקטן צוויט
און געמויזאַכץ־גרונט
ווערט טשיקאַוו־דערינערלעך —
לינדערנדיק.

אַ צאַרטער שטריך:
פאַרצווייפלט פון עקזיסטענץ
דאָך אָנענדיק דעם אַוואַנטאַזש פון לעבן.

פּראָלעט (סטראַפּטשע) קולט

„זי׳ז טויב און שטום, קאָרופּט און לאָם,
„די פּען פון שלומפּערע שיינשרייבער:
„די אינספּיראַציע גרייכט פון סדום
„די בורזשואַזע רכילות־טרייבער...״

איצט ווען כ׳פאַרצייכן אין קוים אָנזעעוודיקער טינט
די לויזע פּרטים פון אומווערטע זאַכן
פאַרוויט צו מיר אַ צפון־בלאָזנדיקער ווינט
באַגלייט מיט פּרילינגבליצן, דונערקראַכן

אַז ס׳שפּאַלט אַן אַלטער ייִד אויף דער באַליבטער אָרטשאַרד גאַס
אַן אוגערקע אַ זויערע פאַר איינעם פּאַר דריי פּענעס,
און אויף אַ ראָג — צוויי שכנים שלאָגן זיך ביז משוגעת:
די מאָרגנדיקע בלעטער וועלן ס׳קעפּלען „ג אַ ס נ ס צ ע נ ע ס״.

און דער באַשיידענער טאַציט־קסענאָפאָן־ליווי־
סוועטאָניוס־נעסטאָר־פּלאַוויוס איז באַהויכט מיט אַ פּאַטינע

פון שפּיצלדיקער ווײמוטיקער סכאָלאַסטיק. טאָ ווי
אַזוי ס'וויטאַלע אַרויסראַטעוועז פון דער רוינע?

איך גופא אפשר האָב די האַלבע אוגערקע געקויפט
און, כלב־אַרט, אין גאַס זי טאַקע אויפגעפרעסן;
אויך איך בין איינער פון די יאַטן וועמעס מויל פאַרלויפט
מיט שוים פון ווּט אין שכנישע געפּעכט־עקסצעסן.

אַ ווונק פון לינקס: „קוים ווילסטו דאָ פון דיין געביין
אַ חשבון מאַכן, ס'הייסט, וואָס דיר אין מח עגבערט,
טאָ שטעל אַרויס די צונג, די סלינענדיקע ציין,
דאָס אינגעווייד וואָס דיר דיין שכן פלייסיק טרייבערט״.

אָט דאָס, המון, פאַרגעס, און גאָט וועט שוין פאַרגעבן. אָט'ל איך —
אויג־צו, פאַרבייסנדיק די ליפּן — גאַרניט רעגיסטרירן;
זאָל, גוידערנדיק זיך, דער צייטגאַנג מיט זיין פּעבל־פּליך,
גורם זיין זיין אויער מיין בלינדאויג. שטוממויל עמולירן.

פון הייליקע אַבסורדן און וויכטיקע לעכערלעכקייטן

מיין פריינט וואָס זעצסט מיר אויס געדעכטיקע חסרונות אין מיין
פערזנגייסט: כ'האָב דורכגעלייענט דיין שפּאָגל נייעם בוך
רעגלאַמענטירט מיט עלעגאַנץ־פּראָוואַנסאַ, נויאָרק־הוך
וואָס וויזט מיר דיין דערהויבנקייט און ס'שפלות וואָס איך בין.
איך זיץ און בלעטער דורך דיין טרובאַדור־וועלט ביים קאַמין
(וואָס מיין הויז האָט ניט, אָבער ס'פּאַסט צום רימל!)
און ווי! אַ סקרוד
גייט מיר אַריבערן לייב ווי האָפנונגלאָז איך נישטער, זוך
ביי דיר פון אייגנדיכטערוועלט אַן אינהאַלטלעכן זין.

פאַרוואָס די מזוזה, זאָג, ניט מזכה זיין מיט אַ סאָנעט —
צי זענען דיינע ביישטידלעך גאָר ניט באַשיינט דערמיט?

מסתם ז׳אויך טלית־קטן ניט דער גרינשפּאָן פון פּאָעט,
טאָ וואָס מכח אויסשליסלעך בלויז דיינס אַ שטריך, אַ זיט?
ביי מיר, למשל, ז׳ציבעלקעס־מיט־אייער אַ מאכל נאָבל;
ניט שוין זשע, קעגנער, האַלטסטו ניט פון שישקעברויט מיט קנאָבל?

פוראָר: ששי

ר. פערשטער וועמעס „ווילדע ציג״ לויפט צו זעלטן אום כעכיק אין דער ייִדישער פּאָעזיע. מיט איר דערלויבעניש גיב איך איר דעם געערטן אויפרוף צו א ו נ ד ז ע ר תורה. צוליבן פּאַראַינטענסיווירן די לויזקייט פּאַרצוויי איך באמת יעדן באַדייט און וועגד אין דעם קריפּטאָגראַם, מיטן פּועל־יוצא פון אַ בכבודיקערן שלישי.
דער וועלטקריג האָט זי אומגעשליידערט. איר באַזע אין חכמת־השיר איז לייד פּאַר סטאַזיס. זי האָט געוווּנען. איר דאָס קרענצל פון דאַרע וואַלדווילדע פּרוטיקלעך: צו בלײַען מיט יעדן נייעם טירזאָס־סעזאָן. זאָל אונדז דער גאָט פון „ווילדן באָק״ (וואַקד) אַלעמען, אין דער צייט פון פּאָעטישן קינדלען, ביישטיין; לינדערן מיט זיינע קרייטעכער די פּאַרפּריִעטע טיילן פון לידלייב. זאָל מענאָפּאָן זיין דער גורל בלויז פון שקראַפּל, ראַכיטיזם, סוכאָטע. אָמן! כן יהי רצון.

פּרעכטיק פערד געשיר
צום טאַקט
צוקיק פיסיקער הירש
בלוט געקלעפּטע
קנעכט געלעניש
מאַרק טענדלער
קום און רייץ זיך

רוים זשאָנגלירער
פיר אונטער אַ רעכענונג
שפּיזגעפּעכט מאַרס
פאַרסאַזשעטער מייסטער
אַזוי: קאָרעסן אין וואַסער
אומבאַשעדיקט
„פלעכטן קראַקאָוויאַקעס"
טשערעפּאַכע קריג (דאַן)
„פאַרשמאָרגעטע נאָניע" (דאַן)
מוסקוליעזע (בראַוואָ, בראַוויסימאָ)
נאַציאָנאַל געזאַנג
מולטיאָרמיק
דעמאָנסטרירהאַפטער היישעריק
זשליאָקענדיק העויהדיק
וואַסער פון דרייעקיקן אינדזל
וואָרהאַפּט
. : : .
דורכגעטריבענער פּוליאַק
פאַרשלעפּערטער
פון ווייַרויך פאַרשימלטן גאַנגעס
היעראַרך פון „ווילדן דאָרן"
קום און רייץ זיך
געליעס קומען בלאַסלעך
איינדרוקן
פאַרווונדעטע בייכער
סוואַשיס
מולאַהס
קראַנק מיט באַרנווייַן
פּע פּע
מירמלהאַרציקע רייטער
אויפן טראַקט פון מאַניעזש
פאַרטייערט צום טראַ טאַ טאַ פון טרומייטן

מאָסיע לע מאַרעשאַל אויסגעפּוצט אויף סינקאָפּירנדיקער שקאָפּע
געהילף אויף מונטערן לאַשאַק
אַדמיראַל פליאָנדרענדיק אין פלאַכוואַסער
נו
אין רו לפּנימדיקער אַזאַרט
צעטרענטע רעק געבייטשט פון רעגן
האַרלויזיקע
קאַסטראַי צווישן כוואַשטשענדיקע צווייגן
פליקנדיק פייערוואַרצלען פון אויסגעדינטע
טענדע־וואַרענדעס
איצט
קום פאַלק
אָנגעטאָן אין בעסטן און שענסטן
מיט לאַרעם האָסאַנאַס פּאַר געצויגענע פּיקעס
אַ פּעטער טעלערלעקער שוואַכלינג שמוכט אין פּראַצעסיע פון
Pistols
Bantam Cocks
Bombastes Furiosos

פראַגמענטן פון דעם וואָס איז איך*)

ד ו

ציכטיק חן־גריבלדיק וועזן
אין אַ געמאָלטער ראָם.

ליבערשסט
און פּערפעקטסט
פון אַלע אומפּערפעקטע שאַפונגען.

---

*) זע „פראַגמענטן פון דעם וואָס איז איך" אין „עגאָעמען און אַנדערע לידער פון מ. ל."

קיין גרענעץ ניטאָ צו די ספערן
אין וועלכע איך קאָן דיך אומוואַנדלען
אין מיין כאַאָטישער ליבע באַזעסנקייט.

ז יי

עס שפּיגלט זיך דאָרט ניט אָפּ מיין אייגענער בליק
אויך שפּיגלט עס דיך ניט אָפּ.

עס איז וואָס איך וואָלט אפשר געקאָנט זיין
און דו וואָלסט קיינמאָל ניט געווען.

צווייגעשטאַלטקייט: דואַליזם

מיין מזל איז ליכטיק נאָר טונקל מיין גליק:
מזל און גליק — צוויי פאַרשידענע מענטשן;
דאָס טונקעלע האַלט מיך מיט צוואַנגען צוריק
בעת ליכטיקייט טוט מיך אויף ווייטערן בענטשן.

מיט וועמען זיך עצהן, ביי וועמען אָנפרעגן
צו מ'טונקעלן גליק זאָל איך זיך אָנפאַרטרויען —
און אפשר וועט מזל ביי טונקלגליק ברעגן
אַ וועג מיר אויסטאָפּטשען מיט ליכטיקע קלויען.

איז מזל אַ פערד איצט כאָטש ס'ליכטיקט מיט צוזאָג
און ערשט איז אַ מענטש גאָר געווען אָט דער פערד;
ניין, מזל-גליק איז אַ פירפיסיקער אָנזאָג
צווייפיסיקע שווערמער אויף שרצישער ערד.

1265 — 1321 — 1921

דער מאָנאַסטישער חושך האָט אָנגעהויבן צו פאַרגיין.
וואָלקנס דראָענדיק אַריבער טויזנט יאָר זענען זיך
צעשוווּמען. אַ וווּנדערפאָר באַזוכט די וועלט: ב ע א ט אַ,
ב ע ל א — צייט, בלייב שטיין!

די וווּנדערמוטער, דריילינג־מוטער — זי אַליין צווייפלט
אין דער זאַך: „איז עס וואָר? מ יי ן ז ו ן דער
גאָטהייטס מינעזינגער ג אָ ר ?" און פון עקסטאַז
פאַרזאָטן ניט געוואָרן שיר אין שטיין.

עמיצן האָט זיך פאַרוואָלט אַ ש פּ י ל געפינען, האָט
ער אָנגעצונדן בלויז אַ ווינקל וועלט. און ברענען האָט
גענומען ס׳גאַנצע אַסטראַלע צעלט: גיהנום, פּרוזדור,
עדן, עטער־סודות, זונען.

בעלאַ. בעאַטריטשע. פאָרטינארי. ד אַ נ ט ע.
כ׳האָב דעם כבוד פאָרצושטעלן געטלעכע באַקאַנטע.

CUL-DE-SAC

זומפּ איז איבערטיף מיט סרכא גליטשיקייטן.
מיין זומפּ איז מיין מושטירפּלאַץ פאַר מלחמה.
שלייכט אַ פּנימלאָזער שונא אומדערבאַרמיק
זיך אַריין אין מיין — ווי רופט מען זי — נשמה.

זאָל אַפילו זיין אַז איך האָב פאַראומווירדיקט
די העל צעשטראַלטע רוחניותדיקע פליגלען
האָב איך אָבער ס׳ביסל ריינבלוט מיינס פאַרזיגלט
מיט דעם טריפוואַקס פון יסורימדיקע זיגלען.

נו, אודאי וואָלט איך גערן ווי געווונטשן
אַז עמיצער זאָל קומען און אָנזאָגן:
„ס׳וועט די גליטשיקייט פון סרכא־זומפּ ניט שטרויכלען
אויך ווי ניט אויסלענקען דיינע שווערע וואָגן".

אָבער ס׳האָבן זיך פאַרלייגט די האַרבע שונאים
און, ערגער נאָך, די זיסע רייד פון פריינטשאַפט.
פלאָגן ס׳גשמיות די לעצטע, און די ערשטע
ציִען ס׳רוחניות מיט סקאַנדאַלירטער בענקשאַפט.

רבי ישראל און פרימיטיווקייט

פונקט ווי איינער לייגט אָפּ קלאַפּטער האָלץ אויף קלאַפּטער
כדי זיין טרוים פון וואַרים ווינטער זאָל זיין האַפטער

פלוצים נעמט אַלץ ברענען — ער שטייט אַ פאַרגאַפטער

(ווילדע ציגן, בעק אין זייער וואָל לאַכונדרע
בייכיק־רונד, רונד־עקיק, אויג פאַרשפּיצט מיט וווּנדער
אויף דעם סאַמעטגרין געשווילעכץ פון דער טונדרע

ניט נאָר אויסגעלייזט פון זיין דעם וואָלפס פּאַטראַווע
און אַפילו שאָלטיקס ציין גראַווירטער וואַווע

סיידן צוגעקריוודעט מיט פאַרגיפטע שפּונטן
אינעם טרוימגעיעג־ציל, וואַכנדיק די גרונטן
ווו עס שאַלן אינטערוואליק דעם פאַרווונדטן

עגאָס „איך־איך" ווי דעם אינדיקס „האָלדער־האָלדער")
האָב — פאַרהילטער אין אַ מיטלייד חלום־קאָלדרע —

די באַוועגונגען געהיט פון אַ מאַדאָנע

אין טעראָר־דורכזיכטיקער קימאָנע
שוועבנדיק געמיטלעך אין אַ כשוף־ראַנע

ווו ס׳ריכט איינער אָפּ אַ סדר אין אַ קיטל
— ס׳לייב פון חמץ אויסגעשייערט אין הייסן ביטל —

יענער שיינער סבלן־מענטש העט פון מעזשיבאָזש
וועמעס גייסט געווען איז אַזוי זיס און ליב אַזש

ער האָט זיך אין גאַרטלען איינגעקרעמפּט פון אימאַגענטן
איינבילד, נדבן פון, רעגירער איבער, הימלען און אָקרענטן
ביז געזונקען זענען אין באַוווסטזיין טרוימען־יאָכיק אינסורגענטן
האָבנדיק פּאַרטיליקט: חדוהדיק — דעם פּרעזענטירער,
פייניק — די פּרעזענטן.

רוים און ירושלים

מען זאָגט, אַז פידל שפּילן איז אַ ייִדישע מלאכה.
איך ווייס? קאָן זיין. קומט אונדז נאַטירלעך תיכף אויפן רעיון
חברותה מישאַ־טאָשאַ־יאָשאַ. אָט די מזל־ברכה
באַדאַרפן מיר אין־ערגעץ, דאַנקן־לויבן, ניט אַנטלייען.

נו, פידל שפּילן. — זעט איר, באָס גאַר, טשעלאָ דאָרט, וויאָלע,
די עובדה איז פאַר ל. מאַנאַלי, פּ. קאַסאַלס, ל. בעילי.
ס׳האָט זיך אין סטרונע־רייך אַריינגעגנבעט אַ קראַמאָלע
פון גויישקע פּערפעקטאָס... טאָ וואָס זאָגט איר צו דער גזילה?

עס ברענט און פלאַקערט אויף אַ ייִדיש האַרץ ווען צימלעך מעסיק
און איידל צאַרט ס׳דערטראָגן זיך אַ חסידלס טרעמאָלאָס;
מאַזשאָר, אַטאַקע פון קרעשטשענדאָס, ז׳פאַר דער וועלט אַן עסק,
אונדז דערלאַנגט מינאָרע טענער, וואָלאַכישע סאָלאָס.

...הבדלה־ליכטל פלאַקערט. „אליהו הנביא התשבי"
צעטראָגט זיך פון דעם זיידנס מויל באַגלייט מיט ציבעק־פּיפּקען;
„גאָט פון אברהם", דער באָבעשיס, איז אומעטיק נאָך כאָטשבע,
דעם אַלטנס אָבער סטאנסן בעטן זיך נאָכטופּקען.

עס ווינטשט דער זיידע — טרערן אין געדיכט באַברעמטע אויגן —
דעם אייניקל ה ו י ך ביז צום פלאַם פון ליכטל אויסצוואַקסן.
פלאַמפּייער איז דאָך שטענדיק, אַלס השגה, פאָרגעפלויגן
די ייִדן אין דעם גלות־מדבר — דזשעגאַכץ אויף די אָקסן

פון דעם שווער געדרייטן וואָגן: מוקע גסיסה־צאַפּלען
פון שנאה און פאַרדאַכט; איטלעך פאָלקל טוט אונדז נאָר ווי:
זיך אָנגעהויבן האָט עס ווו אין בבל — דורך מיליאַסן שטאַפּלען
עטאַפּן לעצטע: מאַרשאַלקאָווער, דעריבאַסאָווער, ביז... בראָדווײ.

...גאָט זעליקט שוין דעם זיידן. אויסגעוואַקסן, קיין עין־הרע,
דער שנעק דאָס אייניקל! נאָר ס'איז דעם אַלטנס ווונטש דער הייסער
צו שאַנד און שפּאָט: פון זויבערפלאַם איז טשאַדנער רויך געוואָרן:
דער יונג איז בלויז אַ שפּילער, אַ ממזר־קאָפּ, אַ וו יי ס ע ר.

עס שפּילן פידעלעך צום שייטערהויפן אָבליגאַטאָ,
און דאָ ערשט סימולירן מיר דעם לאָקיק־געלן נעראָן:
עס דוכט אַז ס'שפּילט די גאַנצע צייט אַ רוימער גאָר לעגאַטאָ
און מיר, צעווייטיקט און צעפידלט, צימבלען נאָך דערצערנט.

ריז און מילב: דואַליזם

עס איז ניט דער חושך פון פינצטערע וועגן
דאָס בלאָסגעמיט בלויז פון שיינלאָזן ליכט
ווען ס'האַרבט זיך אַ גומען מיט ווערטער אָקעגן
דעם רוימלעכן שטח פון שפּראַך און איר פ ל י כ ט.

דאָס לעצטע צו אייגענע — ווי נאָך, ווי אייגן. —
די שפּראַך אין אַחריות צו זעליקער לייזונג —
און דו, מיין פולמאַטאַר פון קריטישן פלעגן,
דערגריבלסט אין זינלעכן אויסדרוק געגעזונג.

נאָר ס'זאָגט ווער אַז האַרבקייט איז דיין מאָס פאַר ווער
אַפּהילכבדיק צווישן דיל, סטעליע און וואַנט:
„קונסט האָט ניט באַזינט דיין פּאָעטיש מערווערט,
ס'האָט נייערט געשורהט בלויז פערזן דיין האַנט."

שאַלעמויזן און שאר ירקות:
ד"ר קאָראַלניק

אתה בחרתנו, זעל! איך האָב ניט פאַרגעסן
דעם „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ"
(קרינא דאגרתא איהו להוי פרונקאָ).
כ'געדענק דעם רבין מיינעם
און לאָרד פּאַלמערסטאָן,
וואָס איך האָב אויסגעקראַצט אין אַ ווינקל מאָסקווע!
און אין אַלטן ווינאַרט פון שפּינאָזאָס אַמשטרדם!
ניט לעאָפּאַרדי און ניט פּאַנין.

אין וואַטיקאַן ווו פלוגתות ראַיען זיך —
אַן אינטערוויו מיט קאַרדינאַל מאַנפעליע:
„די יידן, די הייוון פון דער וועלט."
מיט קולות וחרמות קאָן קיין זאַך ניט העלפן.
בלויז גייסט, גייסט. דער יידישער גייסט.

ווי ס'האָט מיר אַמאָל פאַרטרויט דער טרובאַדור
פון טשעכאָסלאָוואַקיע, באַנדוראָוו:
„אייערע נביאים..." און באַדלער

מיט די גרינע האָר וואָס האָט די קאָץ באַזונגען
און די נעגערטע
bizarre, sorciere au flanc d'ebene;

אין דייטשן „יארבוך" אַ סאָלידע סטאַטיסטיק
פון העגל, חדקל און גראַף האַרי קעסלער.
(מאַקס מאַנטוגעלאס איז אַ צווייטער — געניאַל!)
איך קלישיר עס מיטן טאָג־אַרטיקל
וועגן כל־נדרי אין טעסאלאָניע
און דעם ערל אין יידישן קאָנגרעס.

**
*

איך קער מיושבדיק זיך אום צו אים וואָס איז מיר נאָענט און ווייט —
מיין זיידנס, עלטערזיידנס, עלטערעלטערזיידנס גרויסער גאָט.
מיין פאָטער האָט איראָניש שוין גענומען זיינע צען געבאָט,
און איך — די גאַנצע תורה זיינע בין איך אָננעמען באַרייט.

ווי ליב עס זענען מיר געווען אין יוגנט ווערא, זאַיאַ —
די שיקסלעך האָב איך אויסגעביטן אויף אַ כשר מיידל חוה;
און ווען עס קומט איצט נאָך אַ פליישיק מאַלצייט טרינקען קאַווע
מיט מילך, ווערט פריקרע — אָפגערעדט אַז חזיר עסן, מלאַיעט!

צופרידן שטעלן־ניט נאָר בלויז די צען געבאָט פון וואָרט —
די תורה ניט געננג אַפילו פון דער גאַנצער עדה:
איך קער מיושבדיק זיך אום צו אים וואָס איז מיר נאָענט און ווייט:
איך רוף צו אים פון מיינע טיפן: כ׳פיל ער איז דאָך מיינער פאַרט;
און צעמענטיר דעם שליאַך צוריק צו עלטערעלטערזיידע
כדי ס׳זאָל גאַנץ זיין מיין נשמה, גאַנץ מיין אַלטע יידישקייט.

תיקו

א

מיין לעבן אויסערלעך איז אַ מאַטריץ פון וועלט
ווי ס'איז אַ וויץ אַן אָפּקלייב בלויז פון אמת
און ס'ריזלט אין מיין אינערקייט אַוועמעס
צו־שאַרפער דראַנגשטראָם פון אַ טונקלקייט באַהעלט.
ירושה האָט דורך פּורפּורבלוט אַריינגעקנעלט
אין מיינע אורשטאַם אָבות פּילע טעמעס
געפּילפּולאַרטיק סותרדיקע סכעמעס
פאַר וועמען איך דין נאָר ווי אַ באַקוועם געצעלט.

ניט אַנדערש ווי דער פרייער ווילן איז אַ שפּאַס
פון די פאַרצווייגט מיט איינגעשפּאַרטקייט דורות
און ס'איז גאָר ניט פאַר מיר אַרויסצושפּאַרן
פון מיינע עלטערזיידעס שטרענגע מסורות.
ווען דער מאַטריץ זאָל זיין דער אייביקייט אַ מס
וואָלט מיך דער וויץ ניט אָנגעהויבן אַרן.

ב

און אפשר בליקט דער מאַקראָקאָזם צו מיר אַרויף
פון זיין פלוראַל געוועלטיק אין־סוף ברייטער שוועל
ווי איך וואָלט ניט געווען קיין מיקראָקאָזם געשטעל
נאָר איינגעשלאָסן אים טאָטאַל אין זיך, צונויף;
און דאָס באַגרענעצטע איז בלויז אַ מין אַדרויף
אויף דעם פולקאָמען יחיד פון פילפאַכן תל,
באַטייט אין לוין פון דעם וואָס איז אַ וואַכע זעל
לגבי דעם וואָס איז פון היִנערפלעט ניט אויף?

מיין גרונטאָוועך טיפער סוד פון מיין גוטמוטיקן אָנגאַנג
מיט האַווען לויפן האָרעווען, פאַרדייען שלעכט
ליגט אין בטחון, וואַרשיינלעך, און ס'איז די טיר
פאַרהאַקט פאַר אַנדערשדיקע סברות, ווי ווי עכט,
און איבער אַלע סבות גליט בלויז איין פאַרלאַנג:
איך, מיקראָקאָזם, שליס איין דעם מאַקראָקאָזם אין מיר.

פּראָצעסיעס

און אַנדערע לידער

I

פּראָצעסיִעס

פּאַר יעקב בערי

פּראָצעסיִע דריי

[פּרעליוד]

היות אַ גרויסער וועלט־ווילקיר
צאַמט איין טריבע לעבנס   פאַרלעצנדיק זייערע נייגונגען
אין אַ סנאַסט פון אַזוי־און־ניט־אַנדערשדיקע שטאַנגען
גיב איך דערמיט אַ סיגנאַל צום מייסטער
צום אויפזעער: „האַלט ס׳פּלאָגן!״

כ׳האָב די זעט געכאַפּט האָדעווענדיק זיך אויף ניס־שאָלאַכץ־פּעט
שטייגן געמאַכט פון געוויאַנעטע מויל־עמאַנאַציעס
אוצרות געזאַמלט אין שפּל פון עקסטאַטישע אַפּאָקריפן:
גענוג! (אָדער זאָל איך בעסער זאָגן: „גייט ווייטער אָן?״)

נאָר: ווי ס'קלאַרעוועט זיך אַ שטיק פאַרטונקלט הימל אַרויס
אין פרימאָרגיקן מזרח פון זונאויפגאַנג־ווילקיר
אַזוי באַהעפט זיך אַ טייל פון מיין אייגענעם ווערטער־כאַאָס
מיט דער קלאָרקייט פון אומצווייַדייטיקע מיינען

און: דאָס קינפטיקע וואָס ווערט בייזווייליק געשטעמפּלט „היפּערמאָדערן"
איז דער נעכטן פאַרקליידט אין אַ הייבל פון קעגנוואַרט
געשטרויכלט דורכן לאָק פון אַ קאָפּ־נויג
פאַרוועבט און אויסגעוועבט אין אַ רשימה מאָרגנס

א

פינדאָר פינדאָר
געזשאַווערטע סטרונעס
פון דער אַלטער יידישער האַרפּע
צו דער אוקראַינער קאָבזע
מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן
בעלמע־אויגן
בלאָטער־אויסגוס
צאַם פאַרז היטל
Узялы братья Йо-о-си-фа
Хтилы його забы-ы-ты
דענעשקעס פאַלן
גראָשנס האָגלען
מיט געלן זשאַווער
ברויט־אָפּפאַל אין די הויזן־קעשענעס
זע
קוק דורך
דורך די
דורך די אומגעהייערע יאַרידן
פאַרזאַמלט דורך די לייזיקע קליידער
אומצוכט אין בלוט

דובנער פערד־יאַריד
יאַרמעליניצער דימענט־זייד־יאַריד
דער פאַרקויפער דעם קונה
מיט אַ שפּיי אין פּאַלע
אַ קופּערנע מטבע
„זאָל זיין מיט גליק!"
די שול ציט מיט צעלעכצטע ווענט
דאַוונט מנחה
דאַוונט   זינגט
מערט זיך דאַוונענדיק   זינגענדיק
בענטשט גומל
דעם אומגליקס גליקלעכער אויסגאַנג

זאַלבעצווייט מיט זיין גאָט
(קלויסטערגלעקער פון באַרגטורעם)

שטרעקט אויס די הענט
טאַפּט אין דער פינצטער
ייִד   גוי

ייִד   וווהין גייט
גוי   וווהין

ב

וווהין גייט ייִד
גוי וווהין
ערגעץ   עכאָ   אין ערגעץ ניט

(ערגעץ) מיט ל"ו בענד
אָנגעפּיקעוועט מיט רמזים איינס און נולן אין צאָל
מיט מזלות־תכריכים
מיט האַק־און־פּאַק   בראשיתדיקע זאַכן

מיט אויסגעפשטלטער ריינער פאַרנונפט
מיט געשיכטע   (דער רבי מיטן קאַנטשיק)
מיט סאַמאָוואַרן   שיפן
טעלעפאָן און ראַדיאָ

דיין האַנט ברודער אומגליק (און וויפל שוין געזאַמלט פאַרן קרן היסוד?)
די שווערע טאָן־האַנט   שרייבט רעצעפטן   האַקט אויס קיזלס
פלאַסטערט וועגן ערגעץ   עכאָ   אין ערגעץ ניט

מיר דיר   גאַנץ עגאַל: ערגעץ־אין־ערגעץ־ניט

קינד מיט מוטער־ניפּל אין מויל
זקן מיט ליולקע־ציבעק אין מויל
מוטער שטאַרבט
זקן שטאַרבט
ס'יונגע האַפּט צו דערציִען דעם טויט
שטאַרבן   לאָזן עלנט
די צעווערימטע רויע ערד

ג

קום   קום   נשר שוואַכער   קום
פאַרוויקלט אין פעריפראַזן שמאַטעס
סכעמאַטישער געברום
דערלאַנג איבער די מאַמעס און טאַטעס

פאַרשטעל פאַר אַ מינוט
אַ גאַז־ביל מאַנענדיק סענטן
אַטלאַנט?   וויל   פאַסיפיק?   גוט
עפּעס נייע אָקרענטן?

זינדיק בין איך   איין זינד:
אויסגעוואַשן אין טונעיאַדעווקער רכילות

ניט מיין שכנס ווייב   ניט זיין רינד
פאַרלאַנג איך אין מיינע תפלות

פויגל   פייערטויב   ווו
דער מוטער רחלס קבר?
שבת אויס עונג   קיין וואַכיקע רו
רמ״ח אברים   איין אבר

דער אָרעמאַן ביים טיר
מוז אָפּשטיין לאַנגע שטונדן
כ׳בין פאַרנומען   איינס ליגט מיר
אין קאָפּ: פּדיון־ברענגענדיקע קונדן

מיין קאָפּ ליגט אין אַ צערטל
ניט אויף דער שכינהס   אויף דער געליבטערס ברוסט פערדיש
אַ שעטנז הויזן־פּאַסיק   ניט קיין תכלת־גאַרטל
טיילט אָפּ הימלדיק פון ערדיש

קנייטשן פון סקאַברעזנעם נאַכט־דרימל
אויף קישן ווייס ווי פוך   שוואַרץ ווי פעך
אַך!   איך קען מיין וויסטיק רומל
מיין קאַשע־מיט־פּאַסאַליעס צעך

[אינטערליוד]

מיין קליין באַליבט אַלט דערפל   אויף אַ בראָדיעווקע־בערגל
פון די נאָענטע קאַרפּאַטן
האָט אַ פּאַטאַלע זשמעניע דיינע אָרעמע ליים־שטיבלעך
ווי אַ הענטל פון פערד־פיס צעטראָטענע פעלד־בלומען
אַ וואָרף געטאָן
איצט (ניט הערנדיק מער) זע איך דיין שטילקייט וואָס צערינט זיך עכאָלאָז
איבער דעם טייכל פון גלחס סאָד

איבער דער שקאַלע אַרויף צום באַרג מיטן רחבותדיקן צווינטער
ווי אַ צעשפּיצטע יאַרמעלקע אויפן באַרגס קאָפּ
איצט זע איך דאָס געסל ווו אַן ערב פּסח פאַרנאַכט
האָט זיך מיר גראָד פאַרוואָלט צו קריגן האָר
פון אַ פערד־עק פאַר אַ פידל־סמיטשיק
און כ׳האָב אויסגעפירט מיין שטערן
זאָל זיך בלוטיק צעקושן מיט אַ פערד־קאָפּיטע
און פאַרשטערן מיין עולמס יום־טוב
איצט געדענקט זיך מיר דעם אַלטן גלחס באַגרעבעניש
זיינע יורשים צונויפגעלאָפן פון אַלע עקן וועלט
נאָך חלק אין דער אָרעמער דאָרפישער פּראַכוויע:
דער זון פון אַ גרויסער שטאָט מיט געפלאַסטערטע גאַסן
אין אַ מיזעראַבעלער דאָרפישער סלאָטע
איין טאָכטער די פרוי פון אַ הויכגעשטעלטן באַאַמטן
וואָס לעבט פון גרויסן איינקונפט
אין אַ מיאַזמאַטישער דאָרפישער באַיורע
אַן אַנדערע פון ערגעץ אַנדערש „גרעסער שענער לעבן"
אַלע:
נאָך חלק אין דער דאָרפישער פּראַכוויע־ירושה
און וואַסיל זשוליק:
בידנער בלודנער גנב —
(האָט אים געפּאַקט די ביליזערקער קרעמערין ביי דער האַנט מיט אַ
שטיקל אומבאַצאָלט זייף אין זיין גוישן האַריקן בוזעם האָט ער
זיך ניט געשפּאַרט פיל צוריקגעגעבן: „דער ניט־גוטער האָט
אָנגערייצט דער רוח דער פאַרשאָלטענער ניט מיין שולד
הינדע טייערע ניט מיין שולד צום לץ האָב טענות")

אָך וואַסיל!

אָך גלח באַגראָבענער!

אָך זעלטענע שטילע נעכט מיט שיקסע־געזאַנג
מיט שקאָצישן פייף אין מיין אָרעם עקזאָטיש ווילד
אוקראַאינער דערפל

בעט גאָט פאַר אייער „ווילטאָגיקן" אַלצדערגרייכטן לאַנדסמאַן
אויף בראָדוויי

א

ראָב פון דער גרויער נאַכט
פאָלג אָקאָרשט נאָך טראָט ביי טראָט
זע ווי עס רייצט זיך אַ מחבל מיט מיליאָסן שוואַרצע הענט
אויף יעדער האַנט מילימיליאָסן שפּיצאַסטע נעגל
שנאָבלען פון אור־וואַלד חיהלעך

דאָס נאַזנדיקע ליגן אין געלן קאָרן־שטרוי
דערמאָנט די נעסט־גריבלעך
אין שימערירנדיקן זאַמד־וואַסער
„אַן אינדישער פאַקיר?"

בן־עמרם און איינער פון יענע זונה־זאָמען
די נאָזלעכער האַווען האַווען
איבער אַ געפלאַסטערטן גרונט (שוין וויפל מאָל
האָט דער קעלער צעשמאָלצן מענטשן
אויף דריבנע טראָפּן שווייס געזונקען מיט זיי
אין דער נידער?)

און
דער דיאַלאָג פון טייוול און יענעם
וואָס האָט זיין פעל געשונדן:
„פאַרשאָלטן זיי רוסלאַנד"
— געבענטשט זיי וועלט —
פאַרפעלט די הענט אָפּצעוואַשן

רוסלאַנד
צוריקקערנדיק פון „הייליקן אָרט"

ווּ אָפּפֿאַל איז באַגראָבן
אוּן
דאָס טהרה־וואַסער
האָט דער חזיר צעכרושטשעט מיט זיין מאָרדע
אוּן
דאָס וואָס פֿאַרבלייבט אויפֿן דנאָ
שליסט חברותא מיט זשאַווער

בן עמרם דער קלוגער קאָן
אוּן
וויל דאָס ניט פֿאַרשטיין

בן יוסף דער שוטה דער תּם וויל
אוּן
קאָן עס ניט באַגרייפֿן

ב

שניידט אַ דאַמפֿער דורך די גרינע וואַסערן
פֿון בערינג־ים שלאָגט אַ רויך־שפּייער זיך דורך
די וואַסער־פֿעלזן אַרום אויסטראַלעזיע מיט ניס
סמאָלע קרייטעכער פֿעט מיט שוואַרצע
ווייסע געלע רויטע מיט שוויס פּוידער
דימענטן אָפּיום מיט גאַסניונגען גאַסנפּרויען
מאַרקיזן און חיות און אַלערליי אַנדערע זאַכן
פֿאַר אַן אויסשטעלונג אַלץ אַלץ פֿאַלט אַריין
אויסגערעכנט געטאַבלירט אין דעם בייזוווּנדער: ניו יאָרק
ניין די שטאָט זעט עס אַמאָל יאָ אַמאָל ניט די סמאָלע
גייט אויף פֿאַרשטאַרקן די שפּאַלטן
אין די געבײדעס פֿאַרן באָדן די געלע פֿאַרן
קיין קאַליפֿאָרניע העלפֿן פֿלאַנצן דאָס געלע
אַמעריקאַנער לאַנד די חיות גייען אין זו די גאַסנלייט

בלייבן אין בייזוווּנדער
צו מאַכן אַן אָנשטענדיק לעבן דער שווייס דער אָפּיום
פאַרבלייבט שוין איינוועגס דאָ מיט זיי אָבער
אַלע גייען זיי אַדורך דעם קאַנאַל פון
געטלעכן און טייוולשן בייזוווּנדער: ניו יאָרק

בן עמרם דער קלוגער קאָן און וויל דאָס ניט פאַרשטיין
בן יוסף דער שוטה דער תּם וויל און קאָן עס ניט באַגרייפן

ג

"I saw Eternity the other Night..."
Vaughan

היינטיקע נאַכט
האָב דערזען אין חלום האַלב פאַרשמאַכט
אַ מענטש אַ גוסס אַ האַרץ אַ ברייט
האַרץ פונוואַן ווי פון אַ פּלייט
אַ האַרץ־געזאַנג־געפּיל
האָט זיך געצויגן ווי אַן אָרפּיש שפּיל

איך ווייס ניט ווער
ס׳געווען: צי יענער אָדער דער

היינט ביינאַכט
איז פון תהומס טראַכט
פאַרברייטערט ווי דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז
שאַרף אַרויסגעטראָטן
פאַר מיינע אויגן: אַ נאָז
אַ ייִדישע צוויי אויגן וואָס בעטן
גנאָד פול מיט רחמנות
און אַ מויל אַ מויל
סוגעסטיוו מיט ווערטער־מתנות

ווי ווויל   ווי ווויל

לעם אים   מאַניש
קוקט אויס צעזייט   בליקט בטלניש
און באַלד שפּיגלען די אויגן
קאָנצענטרירט און פאַרטראַכט
אונטער ברעמען ווי זומער־רעגנבויגנס

היינטיקע נאַכט

און דער באַשעפער זאָגט אַזוי צו דעם וואָס ר׳האָט באַשאַפן:

„קוק דורך דער מחיצה
„וואָס טיילט אונדז אָפּ פון זיי
„זע ווי פון אומגליק געטראָפן
„דיינע ברידער   מיינע קינדער   בעטן שטיצע
„פון יעדן נאַר   פון יעדן פאַלשן פירער
„וואָס האָט נאָר אַ גוט וואָרט פאַר זיי
„און קוים טריקנט אויס ס׳געמויזאַכץ אַמאָל
„פירט אין אַ ניי געמויזאַכץ אַ נייער רעגירער

„זיי ווייבען אין טאָל
„ווי אָקסן וואָס זוכן פעטע פּאַשע
„און לויפן פון זוניקן באַרג
„פאַרטראַכטן אַמאָל אויס לאַנגווייל אַ קשיה
„פאַרענטפערן ווי־ניט־איז און   אַראָפּ פון מאַרק
„די פיס געפּענטעט   דער קאָפּ אָפּגעשוואַכט
„ — — — — — — — — — — — — "

היינט ביינאַכט
האָב אַ חלום אין חלום פאַרטראַכט

[פּאָסטליוד]

(ערשטע ווערסיע)

— . . . ווער וועט אונדזערע העלדן פאַרצייכענען אין „גאָלדענעם בוך״ ?
— מיט וואָס זייערע נעמען שיצן קעגן לאַנגן אויסדויער פון
— שלעכטן וועטער קעגן טריבן פעסימיזם
— וואָס פאַרפלייצט די וועלט לאַנג פאַר דעם ווי די בלענדיקע שטראַלן
— פון אַ זוניקער האָפנונג קומען פאַר אַ קורצער צייט צופליען
— אויף די אומזיכערע ווייסע פליגל פון שוואַכן אָפּטימיזם ?

— זייערע מעשים דראָט פאַרלוירן גיין אין ווילקיר
— פון אומריינע קלייניקייטן פון „אַלע טעג״

— די זויבערע ערנסטקייט וואָס האָט די מעשים באַגלייט
— און זייער שיינקייט מיטגעהאָלפן רוט באַוועגלאָז
— אויף די גרונטן פון סמבטיון ! . . . —

„מיט אַ פאָרשטעלונג־מיטל
„ווי מיט אַ שם־המפורש איז דאָס מעגלעך צו דערגרייכן
„ניט אָנצושטרענגען די דענק־קראַפט ניט איבעריק צו דריקן
„אויף דער טויטקייט פון אונדזערע העלדנס לעבן״

— יאָ מיר קאָנען
— אויך זיך פאָרשטעלן די אַלע זאַכן
— איבערשאַצן פאַרגרעסערן זייער ווערט לפנים
— מאַכן אונדזערע קאָמענטאַרן וואָס וועלן אויף זיי הענגען
— שווער און אַבסורדיש ווי די טראַדיציאָנעלע בלעכלעך
— מיט וועלכע די אַבאָריגינעלע אַמעריקאַנער, זייערע זין און טעכטער
— באַפּוצן זייערע צורות האָר און קליידער

— רייסט זיך פון ערגעץ (אין ערגעץ ניט) אויף אַ שטורעם און
בלאָזט אויף

— דאָס אַש   די רויכיקע שיריים פון די אייערנעכטנס
— וועט דאָס ווילקירלעכע וואָס ציט צונויף דעם באַשרענק פון געשעעניש;
— אין אַ ראָם פון איין גרויס גאַנץ געשעעניש צוזאַמענשמידן
— אונדז מיט זיי   אויך זיי מיט אונדז . . . —

„און אויף דעם אופן

„צונויפשמעלצן די טוגנט פון די טוערס מיט
„דעם ריינעם גאָלד פון יענע וואָס האָבן געחלומט
„פאַרווישט מיט די גלאַנציקע פאַרבן אויף לייוונט אַנגעוואָרפן
„פון אויסגעצערטע פינגער   פאַרגאָסן מיט די קלאַנג־וועלן
„פון יענע וואָס האָבן געזען דעם באַשאַף אין טערמינען פון טענער
„באַשמוקט דאָס אַלץ   באַרייכערט מיט דעם וואָס שטעלט מיט זיך פאָר
„דאָס גרעסטע   ברייטסטע   ריינסטע   אימפּאָזאַנטסטע
„אַזוינע וואָס האָבן געמישט סם מיט טינט און געריסן
„ווייכע זאַפטיקע קאָרע פון ביימער פאַר פּאַפּיר   אויף זיי צו
„זינגען לידער?
(טאָטערן האָבן פאַרבאָטן צו דערמאָנען דעם נאָמען
פון יענעם וועלכער האָט דורך אותיות אָוועקגעשטעלט
אַ כינעזישע וואַנט צווישן זיי און גאָט)"

— טאָטערן האָבן

— טאָטערן וועלן ניט איינמאָל נאָך פּרווון דאָס טאָן
— קאָנען אָבער ניט   קיינער קאָן ניט אָנהייכן אויף זאַכן —
— וואָס אימפּרעסיעס דערגרייכן זייערע געדערים
— זייער אינגעווייד   און נאָכדעם עס אָפּווישן מיט דער האַנט

— די שנאה איז אין ה אַ ר ץ   ניט אין ק אָ פּ
— און ק אָ פּ וועט אַזוי לאַנג נאָכקלערן ווי צו היילן ה אַ ר ץ
— ביז ער וועט געווינען   און געלינגט עס ק אָ פּ
— נאָר איינמאָל צו געווינען   האָט ה אַ ר ץ שוין פאַרשפּילט דאָן
— אַזוי פאַרשפּילט אַז עס בלייבט קיין פּרוטה ניט ביי דעם
— אויפסניי אין קאָן צו שטעלן פאַר דער געוואַגטער
— אַזאַרטער שפּיל וואָס ביידע האַלטן אין איין פירן . . . —

„קומט אויס

„קומט אויס (אויף וואָס פאַרן זיכערן וועג
קאָן עס ניט אַרויסגעפירט ווערן...)"

— לאָז עס גיין

— ווהין עס וועט זיך גופא פירן שטרענג אָן
— די האַנט ביז צו אַ קראַמף כדי זי אָפּצושוואַכן
— ביז גאָרניט־טאָן און זאָל דער חשבון פון זיך
— זיך אַליין סומירן דאָס וואָס וואַקסט אַרויס
— פון נעכטן זיין שטאָם פאַרצווייגט אין אייערנעכטן

— אייער־אייערנעכטן און ווייטער צוריק צו יענער צייט ווען גאָרניט
— חוץ „צייט" האָט עקזיסטירט וועט האַלטן קאָפּ איבערן וואַסער
— און הייבט זיך וו אַ ס ע ר העכער צו פאַרטרינקען ק אָ פּ
— שווימט ק אָ פּ אַלץ העכער אַרויף און ווען די כוואַליעס ברויזן
— און זידן און שטייגן אַזוי הויך ביז זיי דערגרייכן אַ צאָל
ווייט פון הימל
— דרינגט־אויף קאָפּ אַזוי הויך אַרויפדרינגען, ביז ער שלאָגט זיך אָן
— אין הימל און דאַן דאַן:

— פון אַלעמען שטאַרקער ווי ק אָ פּ וועט זיך ווייזן
— בלייבט פאַר אונדז נאָך ווייטער צו זען:
— ווער איז מאַכטיקער:
— ק אָ פּ
— אָדער
— ה י מ ל

— ווי אָרנטלעכע מענטשן מוזן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן
— און וואַרטן אויפן רעזולטאַט צו זען ווער עס איז האַפטיקער

— ק אָ פּ
— אָדער
— ה י מ ל

— ק אָ פּ
— אָדער
— ה י מ ל

(צווייטע ווערסיע)

קומט צופליִען אַ זויבערער געדאַנק
וואָס אין פּראָצעס פון פליִען
פאַראומרייניקט זיך אַן עפּיר־פליגל
און ראַיעט אויס אַ נעסט פאַר זיך
אויסצוזיצן אַ לעבנספעיִק איי

טרעט אַריבער אַ פּאָר צעלעכצטע צאַמען
באַצויגן מיט פּאַוועטינע־רז וואַרפט
פליטיקע בליקן אַרום און נעמט זיך
צו דער אַרבעט פון יוירן

ניִט צופעליק ווי עס איז פאַר אונדז די זון
דער געשפּרייִנקלטער קאַפּוירער טעלער פון אָוונטיקן הימל
דער צפון־בלאָזנדיקער ווינט וואָס זאָגט אַן שניי

אויסגעמאָסטן און פּינקטלעך געוויגן
ווי דער גילדענער קערן אין אַן אומבאַאַרבעט רוי שטיק ערד
אויף אַ וואָג־מאָס וואָס מיר האָבן פאַרפעלט ביז איצט
פעסטצושטעלן פירט דער פליטיקער געדאַנק אויס
אַ דיאַגראַם אויף די קאָנוואַלוציעס פון געהירן
מיט אַן אייטלדיק־פאַרשפּיצטן בלייפעדער

דינע פּאָקוסדיקע וויבראַציעס
באַגייען גוואַלט איבער דער פאָלקסטימלעכקייט
פון האַרץ

. . . . .

טויזנט יאָר
וואַרפן אַ מטושטשן שאָטן

פון זייער אָפּשיין
אויף פּערספּעקטיווע פאַרלאַנגען גאַלוואַניזירן
אונדז מיט זייער געניטקייט אין אַ פאַרגליווערטן
אויסגוס פון מחבלשן טאַנץ מאַכן
אונדז אַוועקשווימען צווישן צוויי סודותדיקע פעלזן

אין פעלז האָט ציללאָזע רעגונג געגעבנט: „טרויער״
„מוט״: דעם צווייטן האָבן מיסטישע ליפּן אָנגערופן טרויער
טאַנצט אויס אינסינואַציע אויף פאַרשוועכטע אָטעם־צוגן
מוט רעגט אויס בלייערנע פאַרגיפטונג פון טויט

אויף שפּיץ־פינגער אין צעפּליקטע טראַנטעס
רעוועט אָקס־מוט אויס דעם באַשייד פון „וואָס ס׳עט זיין״
שאָף־טרויער בעט אַ נדבה ווי אַ יאָמערלעכער יורד
ביי די שוועלן פון פאַרזעסענער אָפּערווייליקייט

ווערן די טראַנטעס דורך רעגנדיקן כשוף
אין בגדי־מלכות פאַרוואַנדלט און טרויער
בלייבט פאַר אַ רגע אייביקער עקסטאַז

• • • • •

ב יי ד י ט יי כ ן פ ו ן ב ב ל זענען מיר געזעסן
און גאָרניט אויסגעזעסן ס׳האָט
צו פרי פאַרלאָזן אונדז שאָף־טרויער פאַרמיטן
צו קומען ווירבל־מוט

יובלען אין אונדז טויזנטיעריקע יסורים צישעט
בלוט פון אַן אוראַלטן לץ אין אונדזערע רערן
פאַרוויגן מיר אונדזערע יונגערע שטאַמען
צום טאַקט פון ווײ־ווינט און צופעליקע געדאַנקען
און דער איבערגעפוילטער שורש
האָדעוועט אומצוכט צו אונדזער קיום

פלאַמען אונדזערע הענט פון באַריר מיט קאַלטער
פאַרמעט־ערד אין
אונדזערע אויגן שפּרינגען אום פאַרוואָרלאָזטע ציקלדיקע
אותיות פון אמונה

אין אונדזערע אויגן שטאַרן
אַריין די זיבן זונען וואָס הערן קיינמאָל נישט אויף
צו שיינען האַלטן אין אומאויפהערלעכן באַנייען „דאָס
ווערן פון לעבן״
. . . . .
דער שליסל צו אַלאַדינס לאָמפּ איז פאַרפאַלן געוואָרן

נאָך לאַנג פאַר דעם האָט ער געזשאַווערט אין דער קעשענע
פון אונדזער פאַרגעסנהייט האָט אָקס־מוט
אויף אים זיין פאַרדאַכטיקן בליק געוואָרפן
און שאָף־טרויער אים אַריינגעשליידערט אין טיפן אָפּגרונט פון ים

נאָר די בויגיקע שורה וואָס דער שליסל האָט פאַרמירט
אין חלל קערט זיך צוריק ווי אַ בומעראַנג
צום מיטלפּונקט פון אונדזער האַרץ און השגחה
פירט אַלץ מיט איר מינדסט־פינגערדיקן נאָגל
סודותדיקע אותיות אויף פאַרמעט־ערד אויס

באַוועגלאָז ליגט ווירבל־מוט אויף דעם ראַנד פון
שאָף־טרויער ס׳צישעט שאָף־טרויערס בלוט
אין די רערן פון ווירבל־מוט

(מיר האָבן קיין שליטה ניט איבער די געוועלקטע בלעטער
פון די ברוין־פּיסיקעביימער וואָס האַלטן זיך קוים אין שורש)

מוט און טרויער פּאַיאַצעווען איבער אונדז
מיט צופעליקע סגולה־געדאַנקען

פראַצעסיע פיר

[יעדער נייער דיכטער: פאַרליד]

מיינע גליקן: איך וויל געפינען די געהויבענע, סטאַטעטשנע ניכטערע ווערטער
און זיי צוזאַמענפּאַסן מיט מיינע אייגענע, אויסגעטראַכטע, פאַרקלערטע —
אפשר וועט מיר געלינגען אָפּשפּיגלען דאָס לעבן — דאָס ייִדישע לעבן
דערהויפּט:

כאָטש קונסט האָט גאָרניט צו טאָן מיט לעבן, קענען אַלע אַנאַכראָניזמען,
ניט אַכטנדיק אויף שעקספּירס פּאַטעטיק און באַטעטישע בורשטייניזמען
(ביי מיינע ווירדיקע חברים ליגן אין שאַכטלעך האַלב פאַרשטויבט
די שטעמפּלען „טאַלענט" און „גראַפאָמאַניע"). — שוין פון די באַלדיקע ריסן
אין דעם געוועב זענען די ווידערשפּרוכן. דער ערשטער ביסן,
שווער אַראָפּצושלינגען, זענען די אויסגעטראַכטע ווערטער. קענען זיי שטייען —
(מיט גאָלדענע עטרות און כשר געבונדענע ציצית) אין אַלטע זיידענע
טליתים,
געוויקלט אין רצועות, באַשולחן ערוכט, פאַרזוהרט מיט עולם־הבא תכליתים,
די ווערטערבוך ווערטער. אין אַלפאַבעטיש אויססאָרטירטע רייען
שאָקלען זיי זיך פלאַנמעסיק איבער אונדזערע קעפּהאָר
ווי פרוכטביימער רייפע.

און איך וויל זיין בבחינת נאָטור
און שאַפן די רעגימענטאַציע פון שפּראַך וואָס וואָלט געמאַכט
א נייע אָרדענונג אין דער מענטשלעכער דערקענטעניש. מיט וואָס, ניט דאָ
געדאַכט,
אַ״ז אַן עפּל פּאָעטישער, כאָטש ניט זינלעכער, ווען געגראַמט מיט אַ קרעפּל
ווי דאָס וואָס גראַמט זיך ניט אין קלאַנג נייערט אויסגעקנאָטן אינעם נעפּל

פון אייגנגעשאַפענער אָרדענונג? און וויפל זינד קעגן ווערטער וואָס גראַפאָלאָגיש
זענען זיי זיך סותר, כאָטש גאַנץ און גרינטלעך פילאָלאָגיש?

„פ ל י י ש א ו ן ש ט י י ן א ו ן ג אָ ל ד א ו ן ש י י נ ע ג ע ב יי ד ע ס" זענען מער דער מאָטיוו
פון אימפּעטיקן וווּקס אין דער מענטשלעכער שפּראַך ווי זון און לבנה און שטערן.
אַ חבר, אַ פּערזיפיצירער. מיינער אַ לייענער (פאַרשטייט זיך, פיקטיוו)
לייענט מיין זאַך. איך זאָג דאָס לעצטע וואָרט — אַזוי נעמט ער אָן:
אָנגעשריבן, מיינט ער, איז פאַרפאַלן. ער ווייסט ניט אַז נאָכן דערשיינען,
שוואַרץ אויף ווייס, פון מיינע אייגענע ווערטער, די אויסגעטראַכטע,
טוען זיך אַ רודער פון זייערע ערטער די תושבים־ווערטער. די הויכגעאַכטע,
און אויסגעשטעלט אין אַ געוויסן זין אין רייען (לויט
דער מענטשלעכער דערקענטעניש) הייבן זיי אָן שיסן מיט קאַנאָנען און האַרמאַטן
פון זייער תוכן.
מיין חבר, אַ לייענער אַאַז״וו, שטייט פונדערווייטן
און האָט שטאַרק הנאה: זיינע ווערטער, די סטאַטעטשנע, די געהויבענע באַלייטן,
טרייבן מיינע קאַסטראַי, שינדן מיט אַן על־חטא קאַנטשיק פון זיי די הויט.
די קריטיק, זאָגט ער פאַרכלינענדיק זיך אין קנאה־שנאהדיקן גאַל־אויסגוס.
די קריטיק איז אַ מומחה, אַ שני־שבשלישי מיט דעם וו אָ ס
אַ י ז. די קריטיק, גייט אַן אַנדער חבר אָן מיט זיין ווילזיין, איז אַ קאָרומפּירטער „דאָס"
וואָס ווייסט ניט ווער עס האָט איר קאָפּ פאַרשלייערט (דער חבר —
איינער וואָס איז אידיאָסינקראַטיש, ניי־ווערטערלעך, וואַכט אויס זשאַווער).

אָ ב ע ר, ס'יִ י ד י ש ע ל ע ב ן? ד ע ר ת ו כ ן פ ו ן ד ע ר ק ו נ ס ט? ה אַ? ה ע ר ט
אויף טשיקאַוואָסט: ג ע וו ע ן אַ מ אָ ל אַ פ אָ ל ק, אַ ל אַ נ ד... אָבער האָט עס דען ווערט
איבערחזרן דאָס וואָס געשיכטע האָט איינגעטיילטשט מיט גלות, בויט,

מיט שענדלעכן שוידער, מיט גיפטיקער תרעומות, מיט געבעטלט ברויט?
„נו, געווען איז אַמאָל אין מיין לאַנד, אין
גרינעם אין טאָליקן ווינקל אין גליל...
„מיט דרייסיק מיט זילבערנע שטיק". די מעשה
פון א׳ ביז ת׳ שליסט איין דער דריי־פינטלדיקער חלל.
„דער געשעענער אויפבראָך": איז דאָס די דעפּעשע
וואָס ס׳קלאַפּט דאָס פאָלק
צו זיינע קינדער?—„איך בין צו אייך פון גאָט געשיקט":
הייסט דאָס מיט טאָלק
אַן אמת אָפּוועקסלען דורך אַ ליגן? אַן אָפּשיילעכן אמת מיט אַ געגילטן ליגן?

קונסט, זאָגט מיין חבר (דער פריערדיקער, ניט דער לעצטער), קונסט מוז
באַזיגן די ווערטער די אייגענע די פאַרקלערטע. קונסט, זאָגט ער, איז דער
„איך וועל זיך לאַנג אין לעבן ניט פאַרזאַמען" נאָר
כל־זמן דאָ וועל כ׳זיך
ניט שפּילן דערמיט, נאָר רייסן ס׳לעבן ביי די פאָלעס, העצן,
וועקן, ס׳זאָל אונדז צוליב טאָן, פאַרבייגן ניוטאָנס פעסטגעשטעלטע געזעצן
(מיט „פעסטגעשטעלטע" מאַכט מיין חבר אַ טעות!); ס׳זאָל מיר
אַרויספילאָזאָפירן זענאָ
די אמתן וואָס איך וויל; מיין גייסט וועט זיך חברן מיט יענע
טיפע שאַרפע געהויבענע און סטאַטעטשנע ווערטער. —

מילא! מיר וועט קוים
געלינגען אָפּשפּיגלען דאָס לעבן — דערהויפּט פון יידישן לעבן דעם תהום.
קונסט האָט היפּש־און־גאַרנישט צו טאָן מיט לעבן: לעבן הייסט דער טיש
אויף וועלכן איך שרייב איצט; די פליג וואָס זשומט אַרום מיין קאָפּ אַן
אויפהער;
דורכן שייבל די אַריינשיינענדיקע זון (זעט מער
ווי אַנדערע צוויי, לויט דער טראַדיציע פון געהויבענעם, סטאַטעטשנעם
ווערטער־געמיש:
זעט זי באמת? זעט זי וואָס? כ׳ספק); אַ מענטש פון יענער זייט שויב
וואָס קייקלט זיך פאַרביי אין אַן אויסגעטראַכטער זאַך; דער שטויב;
די ביימער וואָס שאָקלען זיך אַזוי ווי דאַוונער בנעימות —

דיביימער אויפן קלויסטער צופאָר־פּלאַץ.

נאָר דאָס איז אַלץ ניט אמת.

ניטאָ קיין טיש, זון, מענטש, פליג, ביימער, מאַשינעריע, ק יי ן
קלויסטער־פּלאַץ; ס'זענען אָבער יאָ פאַראַנען ווערטער סטאַטעטשנע וואָס
ליוליען איין

מיין חבר, — ווערטער געהויבענע נאָך לאַנג פאַר „ד ע ם ג ע ש ע ע נ ע ם
א ו י פ ב ר אָ כ ס" מוזיק,

א יי ד ע ר „...ג ע וו ע ן א י ז אַ מ אָ ל [אַ] ל אַ נ ד — א י ן ג ל י ל
...מ י ט ד ר יי ס י ק מ י ט ז י ל ב ע ר נ ע ש ט י ק",

לאַנג לאַנג פאַר „פ ל יי ש א ו ן ש ט יי ן א ו ן ג אָ ל ד א ו ן
ש יי נ ע ג ע ב יי ד ע ס". אַזוינאַך

פאַרבעסערן זיך מיינע גליקן: איך האָב מיין וועג געפונען צו דעם ווערטערבוך
און די געהויבענע, סטאַטעטשנע ווערטער צוזאַמענגעפּאַסט מיט מיינע אייגענע
אויסגעטראַכטע, טאַבו.

און מיין חבר, אַ לייענער אַז"ו, וועט זיי פאַרבינדן להבא
מיט גינסטיקער אָדער אומגינסטיקער קריטיק, און באַטראַכטן זיי לגבי —
מיט ליבע צי מיט גאַל־אויסגוס — דעם לעבן און דער קונסט.

אדם קדמון

1

אָנגעהאַלטן ג׳דער אוראַלטער ראַמפּע פון צייט —
אַ טרייסל: און ס׳פאַלן ווי עפּל פון ביימער
די קליפּות וואָס ציִען אַ רינגיקע קייט
אין געבראַזג־איבערקלאַנג . . . כלומר קלעזמער

אויספּרוווּנדיק פידלען און בלאָז־אינסטרומענטן;
דאָס ראַשיק געפּלעכט — אַ גלגול פון טענער
בבחינה סימפאָניע פון דעקאַדענטן;
נאָר טאָמער איז באַך אָדער בוירד גאָר דער איינער

וואָס קריגט די עליה און עבור׳ט די שעה
וואָס וואַקסט פון מינוטן צו אייביק געוואָרן?...
...עס בראַזגען די קליפּות מיט שד׳ישער רו
די קייט אַרום נפש: פאַרצערן! פאַרצערן!

און קליפּות אין גלגול פון עבור — בול־בול:
די ערשטע עלף אותיות פון א׳ ביז כ׳
מיט ספירות פאַרמערטע פון איינס (1) ביזן נול (0),
און סומאַ סומאַרום — פון ל׳ ביז ת׳.

2

קערפּער און לייב: אַ פּיינפול געפּעס;
טשוכאַניעס מיט יויך — און דאָס אויג אויפן לוח;
לויזלעך אין קאָפּ און האַרט דער געזעס —
נאָר ס׳מערקט זיך דאָ פּלוצימער צוקום פון רוח.

די כלי פון ווילן און טעטיקן דראַנג,
דער גייסט וואָס דערגענט זיך צום סאַמע
אינערלעך טיכטיקסטן זויבערסטן שטאַנג
פון העכסט אידעאַלן פאַרבינד, אַ נשמה!

בלייב שטיין איצט ביי דער אַבסאָלוטער איין־איינקייט —
יחידות — צענעם זיך אין ווערט פון געוויכט:
מיר שווינגען אַרויף צו דער אַלער־אַליינקייט
פון אצילות — צום אייביקן ליכט.

און נפש און רוח און נשמה טאָן גאַפּן:
געמישט אין דער פיזישער גייסטיקער ראיה
שפּיגלט זיך מאַכן און פּאַסן און שאַפן:
עשיה, יצירה און בריאה.

3

די הימלשע ספערע, די וועלט פון ערדקוגל:
דער מאַך מיטן שטאָק פון צויבערער־מייסטער:
זיינער דער אָפּרו און ווייטערער וואָגל,
זיינס ס׳ביסל מינץ און זיינער דער טייסטער.

אַ לעבעדיק ווען? ביסטו גלייך מיט מיר
אַ געפּעס פון זיין אויפטו אין גאַלגאַן־הומאָר;
און ניט מילב, און ניט גאַנער, און ניט וויזלטיר
וועלן ווען עס איז נאַשן פון דעם שור־הבור.

זוי דו זעסט פלעכט עשיה זיך נישט מיט יצירה
אַליין, נאָר מיט בריאה — דער וועלט פון באַשאַף;
און ס׳שפּילט פּעלערהאַפּט אויס מיין געשטרויכלטע לירע
אַ ניגון פון מייסטער ווי אויך פון זיין שקלאַף.

... צוריק צו אצילות — דער וועלט פון ליכט.
און שטעל דיר צונויף די צען ספירות אַליין,
און טאַש דיר די אותיות אין אַן איבערזיכט
און קלאָג אויף דיין חורבן, ווי כביכול, און וויין.

4

יהוה — אָבער לאָמיך דיר בעסער דערציילן
אַ מעשה פון דעם וועמען ס׳האָט זיך פאַרוואָלט
זיין ענלעך צו אים און געקראָגן האָט האָלט
אַלץ, אַלץ אַן אויסנאַם, — פון אָנהייב ביז סוף:
די מענטשן, די חיות, די הייכן, די היילן —
אַזויפיל האָט ע ר כאָטש פאַרטיילט אַלס אַדרויף.

דער כעסט, דער בעטלט, דער קלייבט זיך צו זנות,
דער זאַמלט זיך אוצרות און ס׳טוט אים ניט אַרן
וואָס טאָמער האָט איינער, צו שטילן דעם הונגער דעם באָרן,
אַ ברויטל געלאַטכנט און ליגט אין אַ גריב —
אַפילו ציטירן, באַווייזן, איז העזהדיק שטות:
אַז מען זאָגט דיר ע ר ה אָ ט י ע ד ן ל י ב
— ה אָ ט ע ר ל י ב!

דיין טאַטע, מיין טאַטע, אַלמעגלעכע טאַטעס,
די מערצאָל פון מאַנסביל אויף דער גאָרער וועלט
זענען די שמעונס און משהס און נטעס
וואָס בלאָנקען פאַרומערט אַרום זיין געצעלט.

5

און די נשים — וואָס זאָגן אונדז דעות?
זיי שטאַמען פון וואָס פאַר אַ טראַכט?
די ריינע אַזוי ווי די טמאות
תחת כנפי השכינה געפינען די פראַכט!

עס איז דאָרטן ווי אונטן געשלעכטלעך גראַדירט
די ס י ב ה פון ע ר אַנטקעגן דער ז י,
און אַנטאַגאָניזם איז אויסגעגראַווירט
אין ערדישן פויזען ווי אין הימלשן פלי.

נאָר עס בינדט ניט צונויף דעם אַלמעכטיקן האַר
מיט דער הייליקער שכינה קיין צווייזייטיק גלוסטן,
און ס׳איז ניט פאַרצייכנט צי ס׳איז אַ ווירוואַר
ווען באַזעסן די הייליקע דיכן און ברוסטן. —

קיין תאוה, קיין טומאה באַפאַלט דאָרט פונויבן
ניט קיינעם פוןביידע אין די הימלשע שלעסער,
און ס׳לעבט זיך דאָס פאַר ווי אומשולדיקע טויבן
און וואָרקעט זיך זאַכט אין דעם אַנקער פון כתר.

6

וועמעס קרוין גלאַנצט ביינאַכט אין דעם פינקל פון שטערן?
וועמעס שטערן ז׳געקנייטשט פון אַ צו־שווערער קרוין?
וואָס עס פלעגט אַמאָל קרוינען אַ קייסערש געווערן
שטייט איצט איין אין פאַרהאָרוועטע הענט פון המון.

און עס שווינדלט אין קאָפּ אום פון דעם עתיק יומין,
צי איז עס אַ יחיד אין זיידנס און סאַמעט,
צי דער קערער מיט פלידערן פאַרסאַזשעט אין קוימען —
יעדער קאָפּ ווערט פון כתר באַקרוינט מיט אַ מעמד.

עתיק יומין און כתר — דער זון צי דער פאָטער;
דער פאַרדאַכט ווערט געגערט פון דער אַווטאָריטעט,
און ס'הערט אייגער דעם צוייטן ווי דעם שוואַרצן קאָטער, —
די מערערע פונקט ווי די מינאָריטעט.

מחמת כתר איז כתר! און ס'העלפט ניט קיין ברייען
פאַר דעם עתיק (דעם „עניא" ערשטווייליקן „לחמא")
צי דו זוכסט אים אַ לאָם און אַ רידל נאַראַיען,
צי פאַרגיטיקן פרוווסט אים מיט בינה און חכמה.

7

אַזויפיל ספרים אָנגעשריבן — און ווו איז עס?
ענינים אין־סופיק פאַרטראַכטע און — גאַרניט;
פון ווייזהייט און קלוגשאַפט דאָ־דאָרט אַ כזית,
אַ באַגריף בלויז דערפון וואָס מ'מעג און מ'טאָר ניט.

חכמה פון זענאָ; חכמה פון פילאָ;
פאַרנונפט און סינטעז; אָן אָן עק, מיט אַ גרענעץ;
אָן אומענדלעכע וועלט; אָן עלמא פון כולה;
אַלץ מיט אַ שמיץ — און אַ ביסן אַ פענעץ!

— זינקט אין די טיפן פון וועלט־אַל אויפפאַסונג,
איר ווערטער, געשעענישן, וועזנס־חכמים!
עס טומטומט אַנדרוגינוס אין אייער פאַרמאַסונג
פון אחד, גאָטאַמאַ, דרייאייניקייט־צלמים!

די קוועלע איז אוראַלט. איר טיף ווערט באַוויגן
פון שעפערישקייט און טיפן פאַרשטאַנד,
און ס'טרערן זיך אויס די אַלוועזנשע אויגן
געפלעפט פון דעם פאָרלס דערשיינען ביינאַנד.

8

מיר זענען פֿאַנאַנדערגעגאַנגען זיך אַלע
דיקטירט פֿון געהירן מיט צומיש פֿון בלוט
אין וועזנס נאָרמאַלע נאַטירט, אַבנאָרמאַלע:
דער פֿאַרטראַכט, דער פֿאַרענדיקט דעם רעיון, דער טוט.

צעהעלפֿט און פֿאַרטאָפּלט — דאָס דענקען און טאָן
פֿאַרמישט אין אַ צוגאַנג פֿון רעאַליזירונג:
דאָס ערשטע פֿאַרנעמט ברייטלעך רום אויבנאָן,
דאָס צווייטע מיינט בלויז פּראָפּאַנירונג.

נאָר ס׳וועלן זיך פֿעדערן ביידע באַשטענדיק
פֿאַרכאַפּן די ערטער פֿון איינער די צווייטע,
און אונדזער פּסיכע וועט פֿאַרבלייבן אָפּהענטיק
פֿון שמאָלן דורכגאַנג אין די רוימען די ברייטע.

אויף חכמה באַשאַפֿן דעם בחיר־היצירה,
דעם מענטשלעכן מאַרך מיט בינה פֿאַרצווייגט:
רוטין דאָך מאַכט שלאַבעריק, פֿויל די גבורה
וואָס וואָלט זיכער פֿאַרצייכנט אין פּנקס: „ער שטייגט!“

9

אין ביידע הענט נעם איך דעם חסד פֿון מיין טאַטן,
דאָס מיטלייד און דעם גרויסמוט פֿון די אריך אנפּין
און זע אָן פּחד צו דעם דין פֿון וואַריאַטן
אויף מיין מוטער בינה פֿון דעם שטאַם זעיר אנפּין.

שטאַרק און שטרענג און פֿאַרכטיק און גרויסמוטיק
פֿאָרן זיך די ערשטע מיט די צווייטע
כאָטש גרויסמוט זעט ביי שטאַרקייט אויס — אָרמבלוטיק
און גדולה־דין זענען שורשדיק צעצווייטע.

אָבער פּאָטער־מוטער פּראַגע איז אַ פּלאָנטער
פון אַלע חושים פירנדיק אַ שאַרף געפּעכט
אין אַ באַציִונג שונדיש־שטאַרק געשפּאַנטער
וואָס שפּראָצט אַרויס פון אַקט געשלעכט.

און ס׳ראַזשעט, אין דער שיינקייט דורך די פּראַכט
פון תפארת־היפטן אויף תפארת־ברוסט און לענדן,
די פרייד פון נצח אין דעם הוד פון נאַכט,
אין דעם נאַכט־רום פון תענוג־פּיינלעך בלענדן.

10

די עמודה דאמצית קומט צו שטאַנד אין ווונדער:
די נייע זון, דער זון, צישעט אין געפלעכט און מאַכט
צעשטראַלן שיינקייט, פרייד, און רום באַזונדער
שיין פריידיק און גערימט אין דעם יסוד פון נאַכט.

ווי שטורמדיק די היפטן פון דעם מאַן!
ווי ס׳ריזלט אין די לענדן פון דער מוטער וויל־לוסט!
נאָר דו, יסוד פון מלכותדיקן זיין,
די מיטלסדיקע זייל צוגלייך געבורטסט און קוילעסט.

דיין גרונט איז פול מיט סוד, דער באָדן פון דיין רייך,
דיין קיניגרייך אין וועלכן שטייסט אויף צווי פיס
אין דעם פירפיסיקן צווישן, אויפן שליאַך
פון יענער און דער וועלט, און גייסט אָן מיט דיין מופת.

נאָר ס׳גרוילט ווו לייב פּאָר אַריינפּאַלן
אין דיינע הענט, יסוד, די הענט פון אומבאַקאַנטן;
און ס׳ריזלען אין די אָדערן די שקוואַלן
פון מיטלזייל וואָס לייזט זיך אויס פון בלוט פּאַרסמטן.

11

אַ קרוין באַשטראַלט אָדמס קאָפּ מיט אַ רחבות
פון נצח, תפארת און הוד,
אָבער חכמה און בינה דיקטירן דעם מלכות:
ניט חסד, גדולה — פחד, דין אין יסוד.

אָדם מגולגל אין קליפות־עשיה
רינצלט דעם שטערן און זוכט צו פאַרשטיין
דעם יסוד פונעם סוד פון יצירת־הבריאה
און נשמה פון יחיד אין אצילות אַליין.

קאָמבינירט זיך די ספירות אין געהער פון זיין אויער
און טאַשט מיט די אותיות כ״ב ווי מיט קאָרטן:
און ס׳באָדן זיך פריידיק קבלה און זהר
אין דעם חכמה־טייך פון זיין בינה־גאָרטן.

נאָר ס׳זענען די אותיות געוואַלגערט אין שטויב
ווי די ספירות געפאַלשמינצט פון סוחרשן לויער:
און אָדם דער ערשטער — און לעצטער — איז טויב
צו די נעפל־חקירות פון קבלה און זהר.

דער סוף איז אומענדלעך: דער אָנהייב — אין־סוף
דער קץ איז סוד־צמצום; זייט אדרבה אַ בריה,
און פלאָנטערט פון דעם געוויקל אַ צוויקל אויף:
מיסטעריע פון אַבסאָלוטן — אַבסאָלוטע מיסטעריע.

פּראָצעסיע פינף

[AB OVO]

פון די פינצטערע וועגן

פון די הוילע צאַפּלעניִשן

פון די סכעמאַטישע טאַראַנטעלאַ־מאַטיוון
פון געגוגנדיקע מאַכינאַציעס אָנגעזאַפּט מיט העלן שימערשייך
פון די שטילע רויכנדיקע פאַרענדערונגען
פון די קילע בלויע טומאַנען פאַרשלייערט אין פרימאָרגנליכט
פון די האַווענדיקע מאָטאָר קאַוואַלקאַדעס
פון די אויסגעצויגענע אומגעשטערטע לופטזיילן

פון נייטראַלע זשאַנרן אין גאַטורגעמעל
פון געזונקענע וואַסער־סודות הוידענדיק "u" ־שלופּקעס
פון תמעוואַטן געהער און שוואַרצאַפּל באַקבליקן
פון פאַרלעגערטע טיולפּעס און שוועסטער־בלומען אין לאָנג־איילאַנד אָראַנזשערעיען
פון A-g מינאָר קאָנצערטשטיק
פון פאַרוויקלטן באַגריף איבער גאָטלעסטערונג, כינעזישע צעפּ און בלאַסע פאַרנאַסיער
פון פערלדיקן זומער־שטורעם אָניאָג

פון איילנדיקע געוועטן איבער צופעליקע יאָס און רעלאַטיווע ניינס
פון רוחניותדיקע שפּראָצונגען און גשמיותדיקן וועלקן (און קאַפּויר)

פון טראַמוויי־קלאַנגען פאַרגוואַלדיקט דורך ראַדיאָס פּילפּאַכן הו־האַ
פון דער מידיקייט פון שטאָטגאַסן־פאַרבייגייערס טריט
פון דער אינערציע און געניטער זשוואַוועקייט פון קליידער־ און אַנדערע
געשעפט־באַדינער
פון גלעקער אַנגעלוס־צוזאַמענרייד אין קלויסטער־טורעמשפּיצן
פון נאַכטוועכטערס באַלאַדענע אויגן
פון מוטערס און ניאַניעס מעכאַנישן נאָכפאָלגן נאָך קינדערוועגעלעך אין
סקווערן, גאַסן, פאַרקן
פון פאַרזאָטענעם רעווען פון פּראָדוקטיווער און דעסטרוקטיווער מאַשינעריע
פון בלינדע קעלערס מיאַזמאַטישער אַטמאָספערע
פון געניטן איינבויגן זיך פון הויכגעוויקסיקע אונטער פלאַכלעך נידריקע
סטעליעס
פון מגונהדיקע ברואימס זשיפּען אין הויזלעכער
פון פייגלס מיטלופט הייכן
פון אַלזייטיקע לופטשיף סיגנאַלן
פון געדולדיקן וואַרטן אויף ע פּ ע ס ב יי ס

ס'לעבן זאָל זיך אויסלעבן

גענערירט זיך באַיאָרטע ענערגיע:

טויט

ו.

[אַ מעשה מיט אַ מויז]

אַליין. איינערליין, אַן וועמען, אַן ז י ך
בין איך
(מיר). ס'זאָל אימיצער, ווער ווייס,
אַפילו דורך אַ שפּאַרונע, אַ שפּאַרונקעלע די גרייס
פּרווון אַריינטאָן אַ שפּיץ פון אַ וועזן, אַ נעגעלע

פון אַ דראָהאַנט, — וואַרפן אַ געדאַנקלעך קישעלע
דעם איינגעשפּאַרטן קאָפּ ווי ס׳רוב
צווישן יונגע ברויזנדיקע הברטעס דעם פרימאָרגן נאָכן שלאָף.
איך פרילינג זיך פאַרשטעלטערהייט
דעם צווישן־ זומערווינטערדיקן־האַרבסט. אָנדייט:
מיין פרוי
איז מיר (וואָס די וועלט דאַרף זיין) דער אַלטער ייִדישער כל־בו;
מיין מוטער —
דעם בעקערס ברויט, דעם פּאַכטערס פּוטער;
מיין פּאַליסאַדן געראַם הויז —
דער מוזיי פון יעדן צוק און ברויז
וואָס אויסשטעלעריש די חושים; פּאַראַדנע די געהירן. —

אַ סקרוך אין ווינקלצימער פון אַ מויז:
די פולמאַכט פון אַ גאַטס סופלירן.

[דאָס זעלבע: מער תכליתדיק]

בוזעמטייבלעך. מיינע, אייערע, יעדן איינעמס —
קיינעמס.
חלילה, איך הייב ניט אָן צו זיין אַליין
און זיסער ווי אַ וואָרעם אין כריין
איז מיר דאָס צווייזיין (אונדזערס): מויזס
און מיינס. אַ מענטשן פון איינזאַם! אַ יענע
באַרימטע נכבדים, וואָס דרייען זיך אומאָפּהענגיק אַרויס
פון, אַריין אין, געשעענישן ווי פון־אין פלאַקס אַ ווערעטענע:
רויבט דער שלאָף פון אייך אַ האָר
קומט דאַן צו פּאָעזיע־לאָר;
שלאָפט איר איבער אַ פּאָר שמיצלעך
רייסט איר ס׳לעבן (ביילאַג צו דער פּראָזע) אויף פּיצפּיצלעך —
מיט בוזעמטייבלעך לעבט מען ווי זיך אָפּ די זשמענקע יאָרן,
זאָל נאָר ה יי ־ י אָ ר ס׳קאַפּל גלות־בוימל סטייען:

לשנה הבאה — אין סאָוועט־רוסלאַנד, אין מעקסיקאָ, אין גאַלוועסטאָן;
פאַר אַ נויט — אין ירושלים.

[די טייבלעך ווילן זיך ניט שיידן מיטן בוזעם]

די מויז וועט מיט אונדז ערגעצוווּ שוין קריגן רו
אַפילו ס׳זאָל אונדז דאַרפן קאָסטן טויזנט־און־איין קראַפּ!
מיר וועלן זיך פאַרפירן מיט אַ קו
אַ בוהאַי, מיט אַ ציג און צאַפּ.

פאַר זיך וועמיר אַ הויז (אַ היים?) אויפבויען,
די פּי — אַ שטאַל. און דעם שקראַבנדיקן מייזל?
מיט לעכער מעג׳ מיר זיך אויף גאָט פאַרטרויען
פאַר אונדזער דינסט אין קלויז און קלייזל.

מירן ווי עס פּאַסט אונדז קריכן פון דער הויט
דורך אַלע שפּאַרעס צו דערלייז: סיי אַלס וועכטערס
פון אונדזער אייגענעם אויפלעב — זייען קרויט
מיט צוויבל, ווערן בעקערס, פּאַכטערס;

סיי אויפגעבנדיק פּראָפעסיעס קאַרופּטע, „פרייע״ —
מיט דעם צי אָן דעם אינטערנאַציאָנאַל; דער כל־בו
אויפסניי ווערט אונדזער ליבע — מיזאַמע און נייע,
און ס׳וועט זיך טראָגן אַדורכויסעט שיר לה׳.

און שונאי־ישראל וועלן ווערן צעירי־ציון,
און אַלענבי און באַלפור — משה און אהרן,
און מירן נאָך ווער ווייסט וווהין אַנציִען —
מיר גייען שוין — מיר קומען — טאָ מאַכט פאַר אונדז אַ וואָרע!

[שיר להי ולמשיחו]

דער בליק פון פּאָפּעליאַטן וווטנדיקן שמאַי,
אַן אָנגעגליטער שפּיז, נעמט אַדורך מיין האַרץ.
אַליין אַ האַרצמענטש, זיכער; נאָר ס׳איז דער קנאי
וואָס דינט אים אומסובטיל אַלס שיצערישער שטאַרץ.

זיין גאָט האָט זיך געקעלבט: געבוירן אַ משיח.
פון לעצטן צווייגט אַרויס אַ באָלשע־גולמש ריטל.
ער האָט זיך צוועקמעסיק אַ קרייץ געטאָן אין דיך
און יוסטעוודיק פאַרלייגט אַ האַנט אויף הינטן: ב ט ו ל!

און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער זיך געקאַלופּעט
אין די נאָזלעכער, אויסגעזונגען פאַר אַ וואָרע
אַ האָרעפּאַשנעם שיר ליהוה. דאָן, פּאָציאַפּעט
דעם גרויסן רום וואָס אַלע עגאָיסטן גאַרן.

און — שוין? „אומשטערבלעכקייט” גילט גאָר ניט לקאַטאָוועס
אויף סאָוועט־„אָוונטן”, אין פּוילישע קאַוויאַרניעס;
די פּענטע איז עלאַסטיש דויערנדיק פון זעווס אָן
העט ביזן סאַמע לעצטן קריטיקאַלן פּרנס.

און ס׳שוואָמען־אויף פּראָבלעמען — טומלדיק געלענדער —
געפּיטערט אויף אַ „פרייהייט”־ניגערשן קוראַזש,
פּאָרטיסימאָ באַטאָנט פון ליטוואַקאָוו, אויסלענדער —
די זרע פון מלחמה־גלות־סאַבאָטאַזש.

זיין האַנט, „די האַנט פון גאָט”, געזעגנט זיך. דער רוח
ווייסט ווי ס׳וויל ווי טאָן ס׳מויל באַווירקט פון פּראָלעט־יאָך;
אַ מענטש אַ באָלשעוויק, אַ שרייבער אַ משיח
קריגט לויב און אָנערקענ — און ע פּ ע ס פעלט אים דאָך.

[די קורטיזאַנע:
פון סאַבאַטאַזש און האַרעפּאַשנעם שטאַנדפּונקט]

וועך האָט אין רייכקייט פון פאַנטאַזיע
פאַרלוירן גראַציעז אַ גענעץ?
— וואָס איז, מיין טייערע אַספּאַזיע? —
„...צו אַלץ איז דאָך פאַראַן אַ גרענעץ!

„שוין חנדלט זיך דער מאָרגן אין זיין רויט;
„די גלידער מיינע בעטן שלאָפן:
„אויסגעבוימלט שוין דער קנויט."
און וואָרהאַפטיק, די בריסט אַנטוואָפנט

איצט זענען איר — דעקאָר־ראַקעטן:
וואָס פאַראַ מאָדנע קערפּער־יאַטן!
ווי אויסגעסמאָקטע זאַפט־ראַנעטן —
וויל זי מער געלט, צי ז'טאָקע מאַט, האַ?

אַספּאַזיע דרעמלט. אַרום זיך, די הענט
ווי קרויזן־שטענגלעך אַרום חורבות:
אַ האַלאָוועשקע אויסגעברענט
אַספּאַזיעס שוואַמען־לייב וואָס נאַר־וואָס.

כ'פאַרלאָז איר בעט. און גופיק שווערלעך
אַ מאַנסביל קומט נאָך מיר באַשיידן:
זי וועט זיך, מירצעשעם, פאַרדינען ערלעך
אויף ברויט, ער — אַ לעכטיקן גן־עדן.

[אַ ברעקל אויסקונפט כלאחר־יד]

„נו זאָג, מיין גאָט, וואָס טויג אַ וויזלטיר
אַזאַ וואָס מ'קען אָנכאַפּן פאַרן עק?

מחשבותן: ס׳אַ ביטער און וויסט פּיר־
אַכץ פון אַ וויזלוועלט: איך לייג פּאַר דיר
אָט דאָ מיין אַקט אָן מינדסטער וויזלשרעק.
נון, איינער איז אַ ייִד, דער אַנדערער — אַ גריעק;
זיי קומען מיט די ווייבער אין באַריר —
און זע: אַ ייִדיש־גריכיש וויזלשנעק

דאַן רעזולטירט: — אַזוי שפּייט קלעק
אַ גאָט אויף מילדער זרע פון אַ „טהיר״?
דער האַר פון מילדקייט טוט זיך גאָר איזדעק־
עווען אויף מדבר־ווילדע ציגן, בעק, —
שוינט ניט די עובדא פון אַ וויזלניר?״
און ער: „כ׳מאָנאַרכיזיר. כ׳באָלשעוויזיר.״

[T R A G E D I E T T A]

„וואָס פאַראַ מחותן ביסטו מיט יעזוסן?״ האָב איך געהערט אַ קריסט פרעגן אַ ייִדן, ווען דער לעצטער האָט זיך געשווירן אין יעזוס׳ נאָמען.

1

קריסט: „וואָס קער דיר אָן יעזוס? וואָס קער דיר אָן יעזוס?
ייִד: — נו זאָג מיר ווער האָט דיר דיין יויזל געשאַפן?—
וויץ־גייסט: — מיין גאָט איז אַ קבצן, און דיינער אַ קרעזוס, —
קריסט: — טאָ זענען מיר האַרן, איר — פשוטע שקלאַפן.״

דער געקרייציקטער: „כ׳בין אַ מענטשלעכער זון, כאָטש אַ פרווו צו באַרויבן
„מיך פון דער פריווילעגיע איז ערגעץ פאַראַנען
„ווי פאַראַן איז אַ גלויבן אין מעכטיקן אויבן
„פון רעכטגלויביקע אייזלען אין מיסטיק־טומאַנען.״

2

— ווי ווי אונדז, די ישוס וואָס לייזן אויס וועלטן
פאַררעטערש אין אָפּקלאַנג פון זילבער־מטבעות
אויף אָפענע מערק, אין געהיימע געצעלטן
מיט יידישע בערד, טלית־קטנס און פאות.

אַ ליבע פון מענטשלעכן אורשטאַם וואָס חנדלט
צעפונקט אינעם פלאַקער פון האַס־שייטערהויפן,
דו האָסט מיטן יויזל געוואָרפן אַ ביינדל
אַ כשרס דעם וואָלף אינם פּיסק אינם טרפהן.

און ס׳קאַפּעט דאָס בלוט פון פאַרצוקטן לאַמס אבר
זיך בעטנדיק אויסלייזן, צו קבורה דערברענגען;
ס׳קומט גרוילנדיק שוואַרצער דער מת אויף פון קבר
ווי אין אונדז דאָס לעבן טוט טיפער פאַרזענגען.

II

(א)

וויפל פרילינגס באַזונגען שוין זענען (מיט שיק!)
פון אונדזערע דיכטער — ווו ניט? איבעראַל:
אַ ליד — אַ פינפּרובלשטיק, אַ ליד — אַ פינפדאַלערשטיק,
אַ ליד האָנאָראַרלאָז אין אַ „יונגען” זשורנאַל.

[פרילינג, אוי!]

(אַן אילוסטראַציע מיט קאָמענטאַרן)

גיי איך ווען פאַרביי אַ גאָרטן
זע ווי אַלץ דאָרט גרינט און בליט
וואַכט אַ בענקניש אויף אין האַרצן
דליבעט, נאָגט, פאַרמוטשעט, ציט

ביז ס'פאַרבלאָנדזשעט אומגעריכט אין
וועמעס לידער מיינע אויגן
און איך זע עס האָט שוין דיכטער
פ אַ ר מיר לאַנג געגאָגט, בעצויגן.

זע איך פייגל ווייסע פליִען
אין אַ פרילינגדיקער נאַכט
טרוים איך פון פאַרגאַנגנע פרילינגס
אין מיין אומעט, בענקשאַפט, שמאַכט.

פון אַ זאַך פּאָעטיש איידל
האָב איך ליב צו טרוימען תמיד;
נאָר דערשנאַפּ איך ווו אַ קליידל —
וואָס מיר שמאַכט און ווער מיר אומעט?

פיל איך זיך אַזוי אומגליקלעך
וואָס איך בין שוין אַלט און מיד
ווען איך גיי פאַרביי אַ גאָרטן
און זע אַלץ דאָרט גרינט און בליט

בייזקל ס'גרינס און בליאונג וואַקסט אויס
צו אַ לאַנגווייל: בו, אַ סוף און...?
ס'איינציקע וואָס איך קאָן טאָן בלויז
איז אָנשרייבן נאָך אַ סטראָפע,
נאָך און נאָך און נאָך אַ סטראָפע:
ס'דולדן טינט, פּאַפּיר און פען,
נייערט — צוליב וואָס־און־ווען?

(ב)

האָ, זומער־לעב! דער זיסער זומער איז געקומען.
דער אָפּגאַנג פון פּאָעזיע זומער איז ניט ווערט אַ „כ'בעט
איך איבער". בלויז די פרייע ליטעראַטלעך זומען
ראָמאַנטיש אויס אין בלעטערווערק זייער פויגלש טעט־אַ־טעט.

[אַ זומער מאָטיוו פון פּאַרצייטן, פונדעסטוועגן]

די דאָזיקע וואַלדוועזנס. איך וואָלט זיי פּאַראייביקט.
— מאַלאַרמע.

ער האָט אַרומגעגנישטערט געטלעך ביי וואַלדטירן און בערגפּענצטער,
געזוכט צו טרעפן ווו דיאַנע, מענטשלעכס עפּעס זאָל מיט איר געשען;
שטאָט זיסן וויין פּאַרפולט זיין כשוף־בעכער מיט געשפּענסט־געשפּענסטער
און אין געשפּענסט־געפּלעכט האָט ער דאַנאַיעס׳ ווילדע אָנבליקן דערזען.

דאָ האָט דער הויכער צויבערבאַרג פון שפּרייענדיקע ציטראָנוועלדער
אים אויף אַ וואַקכאַנאַלער טאַץ דערלאַנגט אַ בלוטיק קעפּל פון אַ האָז
וואָס די דאַנאַיעס האָבן אויסגעלייזט אין די עליזיענפּעלדער
אַרויסן זשום פון שפּילנדיקע פייערפליגלעך אין דעם טוי־טאָל גראָז

באַלד נאָכן לוסטיקן געיעג אין שלל פון העלע שטראַלנשטאַנגען
פּאַרבלאָנדזשעט יעגערן דיאַנע צו סאַטירן אין זיין ווילאַיעט:
סאַטיר איז אין דעם ריטואַל ווי אַן אַנטיקלעכט אויסגעגאַנגען
און מאַסטאָדאָנען גריזשען זיינע ביינער ווי אַ פערדישן סקעלעט.

(ג)

האַרבסט איז האַרבסט: אַ האַרבער צייט־פּעריאָד. אָפּצוזעצן איז
ערגעצוווּ שוין שטימונגפול אַ לירישע פּאָעמע;
הימלען פּליוכען רעגן, וואָר, און וועלק דער בליונג־פּאַראַדיז,
און דאָך פּאָרצוגלאַכער ווי זומער אַלס אַ דיכטונגטעמע.

[דרויסן רעגנט ליריש]

(האַרבסט־אימפּראָמפּטו)

דרויסן רעגנט — אַ געוויטער.
איינזאַם־האַרבסטיק, מילד און פרום,

קלאַמערן שאָטנס מיך אַרום
און מיט גייסטערהאַפטע הענט
דראַפּען זיך אויף גלייכע ווענט.
כ'זיץ אין ווינקל שטיל, און ציטער

ס'זאָל קריטיק ניט, אָט־דער מום,
זאָגן, אַז כ'האָב בלויז געקענט
די שאָטנס נאָכטאָן דראַפּענדיק זיך... איי ווי ביטער

אימיצער איז מיך באַפאַלן
טרעט ניט אָפּ אַ לעק פון מיר;
נאָך אים אַנדערע דורך דער טיר
האַרבסטיק אין מיין צימער פּראַלן.

„אימיצער" — ז'אַ האַרבסט־וואַמפּיר,
„אַנדערע" — כ'בין פּאַרקעלטערט — זיינע קאַמעראַלן.

אויסגעשטאַרצטע פוילע ציינער
זע איך האַרבסטיקן ביים טיר
ער פוילט זיך ניט, סוביעקט געמיינער,
טאַנצט אַריבער גלייך צו מיר —
הענט ווי קלעשטשעס: קלאַמער־פעסט
מיט זיי דריקט מיין ברוסט און פּרעסט.

דיכטער־ברוסט איז שוואַך, ווייסט איר,
פון נעקטאַר־טראַנק; און דיכטער־ביינער —
ס'אַרא מאַכט קאָן האָבן דער וואָס בלויז אַמבראָזיע עסט?

וואַרפט אַ בליק ווי אַ געניטער,
שפּרינגט אַרויף צו מיר אין שויס
ער, און וואַרגט מיך... האַרבסט אין הויז.
דרויסן רעגנט אַ געוויטער.

ס'רעגנט. זייט־זשע וויסן, ביטע
בלויז אַלס ליריש חנדל אין מיין האַרבסטיקן צעברויז.

(ד)

„אַ שניי איז געגאַנגען" — ניט גערעכט זאָל זיין די שטאָט !
„די פערדלעך זיי שטייען" — אַ נכפה אויפן אַוטאָמאָביל !
וואָס מיר שניי און פערדלעך — ק ע ל ט ז'פּראָבלעמאַטיש : אַנשטאָט
בערעט אויף ווען אַ ווינטערווינט — און ווייטער איז בלויז קיל.

[בענעדיק XV ש"ע :

אַ ווינטער פון אונדזער געשיכטע]

דריימאָל האָט דער זילבערנער האַמער
אויסגעקלאַפּט אויף דעם פאַרזיגלטן פאַרמעט־שטערן :
„דזשיאַקאָמאָ !"
און דער טויט עכאָ אין צינערנעם ווידערקול :
„כ'בין געקומען."
„דזשיאַקאָמאָ !"
„כ'בין דאָ."
„דזשיאַקאָמאָ !"
„כ'האָב געזיגט."

און פון אויגן בלענדנדיק מיט חשך פון פאַרצייטנס,
פאַרשלייערט אין גרויען שפּינוועבס פון מיטלאַלטערלעכע שפּינען
לעבט אויף אַ שוידערלעכער סימבאָל :
דעם פּילער פּעטערס רינג ווערט צעבראָכן,
רינג פון טויט, וואַנזין, גסיסה,
רינג פון דער מיסטישער צאָל ד ר יי —
דרייהונדערט — דרייטויזנט — דרייהונדערטטויזנט
ייִדן, דער אָפּשטאַם פון יענע וואָס האָבן די רינגען
אויסגעשמאָלצן
זענען
ט ו י ט.

אין דער איבערטריבענער שטילקייט פון נאַכט אַרום קווירינאַל, וואַטיקאַן,
וואַקסט ווילדפרוכט, אין עטלעכע טוץ צעווירענע קעפּ
פון וועמעס כתה ס׳קומט באַלד אַן אַנדערער
וואָס וועט אַ נײַעם רינג
מיט צוויי אַנדערע צוגלייך
אויף זיינע פינגער אָנצירן, און נייע ד ר יי —
דרייטויזנט — דרייהונדערטטויזנט — דריימיליאָן
ייִדן, דער אָפּשטאַם פון יענע וואָס האָבן די רינגען
געשמאָלצן
וועלן
זיין
ט ו י ט.

III

[גאָלד אין זאַמדיקן קאַליידאָסקאָפּ]

צוערשט קומט די פירזאָגערן אויף ימים־נוראים מיט איר פזמון
׳אַז גאָט וועט שענקען ס׳לעבן אויף איבער אַ יאָר׳,
אָדער דער רב מיט זיין ׳איה״ש בלי נדר׳;
דאַן דער פּאָסעסאָר: ׳ס׳זאָל נאָר זיין פּאָגאָדע׳.
דער קצב מיט פאַרשמאַלצעוועטע ליפּן:
׳דער שוחט זאָל נאָר ניט טריף מאַכן׳.
דער דאָרפגוי מיט זיינע צען אַקער לאַנד:
׳ווי רייך דער ייִד איז: זאָלסט זען חלות: איינע אין איינער׳.
דאָס שייגעצל: ׳ווען איך האָב אַ גניפּיקל׳;
דאָס ייִנגעלע: ׳ווען איך האָב אַ פּייפל׳;
דער געברייכטער גמרא־ייִד:
׳איך זאָל האָבן איוואַנס הענט, זיינע פּליִיצעס, טאַ...׳
דער קליינער געשעפטסמאַן: ׳ווען איך קאָן באַנקראָטירן׳.
דער געקריוודעטער שרייבער: ׳וואָס בין איך, אַ טאָלסטאָי, וואָס?׳
אַ ליאַדע רעפּובליקאַנער: ׳ווען איך בין קולידזש׳.

און ניט לאַנג האָב איך געהערט אַן אָפּגעריסענעם אבר
פון שטאָם, אַ מענטש אויפן וועג צו קאַריערע,
אַ פּראָפעסאָר
זאָגן:
וועך איך וואָלט זיין אַ ייִד
צווישן ייִדן
מיט זיי
ווי פון זיי
אָן אַ וואָס
און פאַרוועך
אָן אויסנאַמען
פאַר אַ צוקונפט
פאַר איינפלוס
פאַר באַרימטקייט
בלויז אַ ייִד
צווישן ייִדן
מיט ייִדן

[נענטער צו דער אייגענער הויט]

(שפּיטאָל־עטיוד)

שטעל זיך ניט אָפּ. קוק זיך ניט אום. גיי ווייטער, ווייטער. גיי ווייטער. קוק זיך ניט אום. שטעל זיך ניט אָפּ. וואָס הערסטו זיך צו צו דעם שלאַק וואָס חלפט אין געגנט פון דיין האַלדז?

טאָמער בליקן פאַרביי אויגן, אויגן מיט ווייסלעך פאַרגעלטע, אין קאָפּ טיף אַריין — מאַך זיך ניט־סענזיטיוו. פאַרשאַר זייער וויטיק מיט אַ שיינעם בויג פון האַנט. דעם זשאַר וואָס גליט אין זיי לעש, לעש מיט קילנדיקן דעך פון מויל.

עס קאָן געשען: דער קאָפּ וועט דיר שווימען אַנטקעגן. דיין גאַנץ וועזן דורכציטערן מיט זיינע היציקע געהירן. לייג זיך אַוועק אונטער אים. זאָל

ער באַלעבאָס זיין פאַר אַ ווייל... נאָר אַ ווייל. עס וועט ניט מער ווי־ אַ ווײַלינקע נעמען ביז ער וועט דיך לאָזן צורו.

פ ל י ק ו ו י י ט ע ר ד י ש ט ע ר ן !

ניט שטרענג זיך אָן צו ריידן מיט דער וואַרטערן. אין האַרצן גרייכט דיך אַ נייס אַז איר אויסזען שטייגט אַריבער אין צאַרטקייט די לידער פון וואַלאַס סטיווענס — קאָן זיין. עס מאָלט דיר אַלץ אין שאַרלאַך דער געצונדענער מאַרך. קוק זיך ניט אום. שטעל זיך ניט אָפּ.

[„אָבער די שטערן, די ליכטיקע שטערן...״]

(אַ פּלעיאַדע־מאָטיוו)

עס האָבן זיך געשלענגלט מיינע יאָרן איין און אויס:
צוערשט מיט דריבנע אומגעניטע ריר פון פינגער
פון מינדעריעריק קינד אין רחבות פון דער מוטערס שויס

ווו עס פאַרשפּילט מיט די באַוועגונגען דעם הונגער
וואָס נאָגט און קוועלט און פלאָגט די ברעקלדיקע מאָגנרער
(פאַרפולט — דרייט אויס די קרעלן־ליפּעלעך דער יונגער

אַ טראָפּן מילך אויף זיין נעזל — קאַפּ! ווי אַ הימלטרער);
דאַן, ווי אויף שנעלצוגס ווירבלדיקן וועג די רעדער
וואָס שווימלען, דרייען זיך צייט איין און אויס אָן אויפהער,

פאַרשלונגען פון נאַכטשטילקייט און פון טאָגגערודער;
דאַן, ווי פיסגייער מידע בעטלענדיק פון הויז צו הויז
ביז זיי דערשלאָגן זיך צום וואָרלאָז־וואָרן גדר

און אויס.

פּראָצעסיע זעקס

And I also will sing war when this matter of a girl is exhausted.
—*Ezra Pound*: "*Homage to Sextus Propertius*", V. 1.

My genius is no more than a girl.
—*Ibid.*, V, 2.

[SIRVENTE 1924]

עס לויערן אויף פּרינצעסנס רעוואָלוציעס;
אויף שוואַנען, ווו ביי וואַסערברעגן, יעגער.
דאָך רופט אַרויס דיין שוואַן־פּרינצעסן שטייגער
ב יי מ י ר פּאָעטיזירטע קאָנטריבוציעס
פון אַ פאַרערטער וווּנדער־רעזאָלוציע.
אַך, דו, מיין מזג־טוב אָט—אָט, קטגור;
מענטש־מיטגעפיל, ווייב־ליבע צאַרטער טרעגער:
דיין פרייד — ז׳גענוס, דיין לייד — מיין עקזעקוציע!

להכעיס אַ ל ע מאָדנע אַטריבוטן
פון דעם באַגריף אין ריטערשע סירוואַנטן
בעט אָנדייטן זיך איינפאַך אויף דערמאנטן
מיט שוואַן־פּרינצעסן פּאַסיקע סטאַטוטן:
מיר (ריטער — איך און דו — פּרינצעסן־שוואַן)
זענען (ווי סאָפיסטיש) פרוי און מאַן.

[ליד פון האַרמאָנישקייט]

מיין האַרץ איז קיין באַריידעוודיקער אינסטרומענט ניט, קיין דערמידנדיק אומאויפהער פּלאַפּלער; דאָך, דאָך רעדט עס איין, רעגט מיינע ליפּן אָן זיך לאָזן זוכן דיינע.

און שעמעוודיק מיין האַרץ ווען ס׳קומט זיך אויס אומאָרמען, דאָך קאָמיסיאָנירט עס מיינע אָרעמס אויפצומאָנען נאָך איבעראַמאָל מ׳עקסטאַטישן באַריר פון דיינע.

עס איז צוריקגעצויגן אַלס שיינווערטערהענדלער, און זע ווי מיין צונג געראַזשעט ווערט מיט לויטער אייפער פון אַ פלאַם אינמיטן וועלכן דו ביסט, סט׳זיין אַסבעסטאַס.

אין אַ באַשיידענער פּאַרשטומטקייט פונקציאָנירט האַרץ מיין בלויז דורך דעם פלעפנדיקן קומער, מי־צעשטרייט פון דיין אַריינברענגען אין דעם באַריר קיין דיסאָנאַנסן.

[מיטן וועג צו דערציילונגען]

לאָמיר זיין געוואָרנט, זיך אַרומזען אויפן ראָג,
איך מיט מיינע ריטמען, דו מיט דיינע פאַרבן
קעגן פליטער־פלאַטער פון היספּאַנאָ־סוויזאָ.
זאָ׳מיר אַזוי זיין באַוואָרנט פון צו שטאַרבן
ווי גערעכט דער זיידע איז געווען מיט אָפּטן זאָג:
„אָנזען זעט דער מענטש זיך ווי אַ מילב אויף געמיזע.“

באַלד ווע׳מיר דערהערן האָרנס רום־און־רוים געשאַל
צום באַגלייט פון פּיקאָלאָ, קלאַרנעט, טרומייטער;
קלעטער אין געהער־גן־עדן, אָטעם־גיהנום
אויף די לייסטלעך פון דעם אויסגעטרוימטן לייטער —
זע ווי פּנימער זיך איבערוויינדן איבעראַל
אין דער לייטערונג, אין שקוואַל, אין אויסלייז יענעם.

איך, אַ מילב וואָס זיך מיר גלאַט אַזוי דאָ לעבן דיר?
דו, אַ מילביכע געצייטיקט אין פּרוזדור־פּרוישאַפּט?
מיר — ביים לעבן עסן קעסט ווי שנור און אײדעם?
לאָמיר פאַרבן (איידער עס פאַרמעסט זיך לעבהאַפּט
שטעמפּלען אונדז דער טויט מיט ערד־געליענעם קאָליר)
ווי אין שאַרף־ריטמדיק אונדזערע געניסן קודם.

הער זיך איין און איך וועל דיר אויסכשופן אַ ליד,
„געווען אַמאָל אַ קייסער מיט זיין קייסעריניע...
אויך באַגלייט האָט ווילקלאַנג ס׳צערטלען פון די גלידער...
אירע אויגן שטראַלן; זיינע אויגן מיניען...
׳טייערע, מיר שיינט אַז דו ביסט איטלעך־גלידיק מיד...׳
דו, מיין טייערער, זעסט אויס פון מיר נאָך מידער... —"

זיך אַרומזען אויפן ראַג, זיין ווילגעוואָרנט, לאָז
סטאַטעק־אַרט אַזוינער וועמען ס׳האָט פאַרדאַרבן
אָטעם אָן אַ קעגנצוק, אָן געהער אָן אויער;
איך מיט מיינע ריטמען, דו מיט דיינע פאַרבן
מוזן ביישטיין י ע ד ן אַגרעסיוון צייט־סקלעראָז,
דעם היספּאַנאָ־סוויזאָס שינעדיקן לויער.

[ליד פון מיטאָג]

אין מיין צימער נעכטן אָוונט האָט זיך אַנטפּלעקט
פאַר אונדז דאָס לעבן פון אַ גייסט, אַ קורצגעלעבטן —
צוליב וואָס און וועןן? — ווי אַ בלום אין יונגן פרילינג
שפּראָצט אויף אין גערוך פון פעטאַלן־געפאַלב צו דער זון־צו.

טאָגפאַרגאַנג, ווי אָפּגעוועלקט די קווייט.
גייסטציקל, ווי קורצאָטעמדיק דער דויער.

ניט אינגאַנצן אומפאַסיק האָבן מיר אַרויסשפּאַצירט
פון דער אַנטפּלעקונג־הייל אין אַ געפעכט־סטעזשקע פון פילאָסאָפיע.

ס׳געשעענע אין מיין צימער נעכטן אָוונט
איז אַ ריטם פון אַ קאָדע
שטילער ווי דער קלאַנג פון סטרונעס אונטער אַ סורדין:

פרעליודן, אינטערליודן אין אונדזערע געמיטער
וועגנדיק אונדז בלינד אין איבערפאַלב צו דער זון־צו —

אונדזער האַלבטאָג... שטראַלן פאַלן גלייך ווערטיקאַל
דיסטאַנצירט פון זון־אויפגאַנג און פאַרגאַנג.

[אַרגומענט]

דיינע ווערטער זענען טיפגעזונקען אין מיין מיטנגאַכט שפּאַציר
און געצונדן מיין קוריאָזיטעט מיט אַמוזאַנטע שפּעקולאַציעס —
— פּרווו? — דאָס וואָרט אויפפאַלנדיק ווי אַ רעליעף,
אַ פלאַכער טאָן אַנטרונענדיק פון אַ מאַגישן פאַרווילערס ליפּן.

— פּרווו? — וואָס פאַרא באַוויז? צו וואָס פאָדערט זיך אַ פּרווו?
האַנדלט ווער דען אויף קרעדיט? באַמבלט ווער דען מיט פאַלשע קלינגערס?
נעמט און גיט שוין דען ניט גלייכער ווער פון אונדז אויף גאָטס באַראָט?
וואָסער גליק טראָגט אויס איינעם קריגן מער, ווינציקער צוטיילן?

ניין. עס האָט גערעגנט. אַ פוילער ווייַ
פון ווינט. געשפּרעכלעכער באַצוג אויף אַ קאַמונע... די לעצטע
„אָפּגעטריבענע״ אַוואַנטורע צוליב אַן אורזאַך
וואָס איז קיין אורזאַך נ י ט... פּ ר ו ו?

ניט האָבן דיינע ליפּן געפּליסטערט דאָס וואָרט
צום געפינען אין אַן ענציקלאָפּעדיע פון סטאַטעטשנעם חשבון;
ניט האָבן מיינע אויערן פאַרנומען
דעם וואָרטס שוידערלעכן קאָמבינאַטיוון סימבאָל.

[ליד פון יאוש]

איצט ווייס איך פאַרוואָס נידער איז דיין קאָפּ געבויגן
ווען אונדזערע טריט קלינגען אָפּ בײנאַנדער,
דיין קאָפּ, ווי אַ הענגל עדן־טרויבן
באַשיצט דורכן וואַיניקן אינהאַלט
אין דער ווייסער היץ פון זון:

עס איז דיין רגע פון געבעט.
אין דעם אַנטראַקט קרייזסטו אום
דורכמאַכנדיק אונדזער לעבנס קורצן דויער.

ווען קומסט ווידער צו זיך,
דיינע ליפּן מיר־צו געווענדט,
ווער איך דורכגעדרונגען פון דער קעלט
אומענדלעכקייט האָט זיי פאַרזיגלט מיט.

[יולי נאָטיצן]

א

די בליטן
האָבן זיך פאַרוואַנדלט
אין גרינער פרוכט.
אָבער
אונדזער ווײַן איז דעם לעבנס
צײַטיקע רויטקייט:
מאָנונג
רייף.

ב

ווּ ביסטוּ?
געווירבלט פון שלאַבערן אומגעב
אין אַ געוועלבטן קאַזעמאַט פון וועגטבאַדעקטע לאַנדקאַרטעס
אָדער
פּאַראונטערטעניקט גרויען וויסן?

אין אַ בייוועג סמאָלע־כאַלופּקע
ווּ מיר האָבן געגנאַשט
איינגעמאַכטס פון איין סלאָי?

איך געפין דיך בלויגעצייכנט
אין איבערפליסיקן כאַאָס פון
אַ דיאַפראַם איבערגעוועלטיקט פון אימפּעט־פרייד.

ג

מיט יאָרן צוריק האָב איך געדרוקט אין אַ זאַך
־י שורות (איך ליג זיי איצט צו דעם זוים
פון דיין קלייד): „וויין די אויגן אויס אין איין לאַך!
לעב דיין זעל אויס אין איין טרוים!"
דערמיט בין איך ניט אומיסטן פאַרלאָפן (און בין קוים!)
דעם וועג פון דיין קומענשאַפט צו מיר.
נ ע נ ט ע ר, אָ, נ ע נ ט ע ר, מ יי ן ג ו ר ל, צ ו ד י ר.

ד

ס. איז אַ קליין און נישטיק ערטל
(ווּ באַנען גייען אָפּ אין אומרעגולערע שעהן)
פלאַך און אומגעאיילט ווי וואָס פּאַראַ דאָרפטאָל —
אויב איך דערמאָן זיך אין גן־עדן, וואָס זאָל איך טאָן?

ה

ס׳אַראַ טומל אין שטאָט.
די דעמאָקראַטישע קאָנווענשאָן האָט נאָמינירט אַן עלטסטן
פאַר דער נאַציע
דער המון האָט געפונען אַ הערשער
גרייט צו לעקן די שיך אים
ער פון זיין זייט איז גערן
צו סווישטשען און פאָכן
מיט דער בייטש איבער די רוקנס פון די יאָקלס
די וויכטיקייט אין פאַרגלייך
מיט דיין אָפּוועזנהייט
איז צו די פאַרגלייכבאַרע ווערטן
פון אַ פילאַקערדיקן הויפּן גנאַי
און דעם ברילי‌אַנטענעם אָפּשטראַל
פון אַ געשליפענעם דימענטפלאַך.

[ליד פון געמאָסטענער און געוויגענער האָפנונג]

איצט הענגען מיר איבערן אָפּגרונט פון צעשלאָגענע חלומות
פרעגנדיק: ווען וועלן מיר פאָדערן די אַרבונג און דאָס האָבנגוטס פון לעבן?
דאָס האָבנגוטס וואָס איז אונדז באַשערט
אויס דער אַרבונג פון נעכטיקן זיין?
דער זומפּ מיט זיין נעפּלדיקן צודעק
האָט דערגרייכט דעם מיטוועג פון דערשעפּ.
דער סוף צייכנט זיך אויפן אומבאַקאַנטן האָריזאָנט.

(ליבעליבשאַפט, בלאַסער לאָם, פּיטערט זיך
אויף דער זיסער לאָנקע פון אונדזערע געפילן.)

פאַרוואָר, ס׳ליגן גענוג שטיינער אין וועג —
ביז דיין צוריקקער־טאָג וועט שפּראָצן.

האָרך: ווי ווייט איז די דערלייז־שעה?
פון איצט אָן, אין די דריי וואָכן פון הפסקה, איז פּאַסיק
פאַר אונדז צו שאַפן וואָרנענדיקע געדאַנקען
און טרייסטנדיקע וואָרנונגען —
פאַר אונדז, פאַרוואָקסן אין געמויזאַכץ
פאַרטאָפּיענדיק די ברעגן פון אונדזער צופרידנקייט.

(ליבעליבשאַפט, ווייסער לאַם,ווימלט אין
דעם רויטן פּיין פון אונדזערע געפילן.)

אַזוי וועסטו אַרומטאַנצן אין פּראַכט
פון גאַנג פון דיינע יונגע פיס;
אויך וועט סאָלידקייט פון מיינע אומפאַרשעמטע יאָרן
זיך אָפּנייגן מיט דעם פאַרויסגאַנג פון אונדזער צובונד —

אויך וועלן אונדזערע פּיין רויטע געפילן
האָבן דעם טעם פון ווין
אויף די ליפּן פון אונדזער ליבעליבשאַפט לאַם.

[אַקראָפּערזן]

עווענטועל, אַרום בין־השמשות ווען דו קוקסט די אויגן אויס אויף מיר,
וואָיעווען אום וויזלטירן דזיאַבענדיק עלעגישע צוקערקעס.
ענדלעך טאַנצן שטראַלן־רעלסן אונטער באַנרעדער
לייזנדיק מיינע דערוואַרטונגען אויף פון פאַראַליזירנדיקן בענקען.
יאָ, דו ביי דער פּעראָן־ראַמפּע: אַ גאָלדענער שטויבפּלעק
נייטראַליזירנדיק אַכזר אויסדויער אין אַ גראַציעזן לעבנסרעטערישן אַקט.

עראָס שענקט מיר דעם ערשטן בוכשטאַב פאַר דיין נאָמען.
ווענוס, מיט די עטוואָס היפּשערע היפּטן, דעם צווייטן.
ווענוס איז צו מיר מיט דיין קומען געקומען
יובלענדיק. (איך, משטיינס געזאָגט, בין דער דובליקאַט פון עראָס.)

איך פאַרזוך צו פאַרדינען פאַר זיך לאָרבערקרענץ
(יאָלדיש ווי די אַרבעט זעט אויס פאַר אַ דיכטער)
וועגדנדיק מיין מוח־חוש צו אַקראָבאַטישע פערזן.

אויב איך זע, אָסור, לויב פאַר זיך אין די כאַראַלע הייכן פון אָלימפּ
יום־טובדיק ווי כ׳שמעלץ שורה נאָך שורה:
ווייזט אויס די געטער זענען זיך מצתער איבער מיינע
אין־אַ־געוויסן־זין פאַרעטערישע ליריק־פּרוון.

חנעוודיק און אומדערבאַרמיק אַטעסטירט דיך ס׳לעבן
(ווי געהעריק) אין אינהאַלט־פאַרצייכעניש פון ראַסן
האַרב און מילד. דערפאַר טוישט זיך דיין נאָמען
לויט אָרט און צייט
ענלעך צום קלאַנג קאַלירלויף פון דיאַפּאַזאָן.

[באַמערק צו אַ פאַרווייל]

....און באָריס „וויאַ״ שאַליאַפּין איז דערשינען
פאַרטרעפלעך שיין, געטלעך טרויעריק צוליב קיין
אַנדער סיבה ווי צוליב וואָס דיינע זיפצן
פון באַוווּנדער האָבן פאַרפולט די בליירנע
לופט אַרום און אַלץ איז ציטעריק
געהאַנגען אויף דעם גאָף פון אַ האַרצקלאַפּ.

[איינקויפנדיק זאַכן פאַרן הויז נאָך איר אַוועקגיין]

איך האָב די פלוימען און די עפל,
די קאַווע, ס׳ברויט און דעם טאָגבלאַט.
מיין האַרציקע, הלואי וואָלט איך
אַנשטאָט דעם אַלעם דיך געהאַט.

אינדעסן ניט געזאָרגט, מיין ליובע,
ווי שווער ס׳איז זיך באַגיין אָן מיר:
איך וועל מיט גאָטס הילף צוריקקערן
אַם סאַמע שפּעטסטן שוין האַלב פיר.

[ליד]

זיס, זיס ביסטו, מיין מיידל
זיס ווי די ערשטע קאָרנבליטן.
ניט זיי מוטלאָז: באַלד ראָלט זיך איבער ס׳דריידל:
עס וועט זיך אויסלאָזן צו גוטן.

דער סוף וועט מוזן זיין צו גוטן
כאָטש ווי איז איצט: באַלד ראָלט זיך איבער ס׳דרידל.
נייך, פון די ערשטע קאָרנבליטן
פיל זיסער איז מיין מיידל.

[ליד פון טרייסט]

שיינקייט רייפט זיך אין שפּעטן פרימאָרגן
פון דיין לעבן צו גאָלדגעשפּינטע שאָטנס.
דיינע הענט — שנעל באַוועגטע הירשן —
צעפּעדימען די לופט־אינערציע
מיט זייערע הערנער־פינגער.
דיין פנים, איינגעראַמט אין גלאַנציקע זשמוטן האָר —
אַ מיסטישער אָאַז בין־הערבים אין אַ מדברדיק געוועלדל.

מזלדיקער הייל־געטראַנק אין טאָטאַ וואָס שטאַרקט מיך
אויף אַלע אופנים פון באַדייטנדיקער עקזיסטענץ
מיט מיזאַמער שכרות און דער לאַסט פון פרייד.

[אין וויִפל יאָרן אַרום...]

קנייטשן מאַטוזרן שוין דיין אויסזען מיט דעם שטאַמפּ פון לייד;
מיינע האָר באַהויכט אַ נעפּל פון געוויאַנטן אומעט.
ערשט ניט לאַנג, דוכט, איז געווען דיין פּנים אומגעקנייטשטער זייד;
מיין פּאַרקעם, אין מאַנסביל־חן, אַ בלאָנד געדיכטקייט סאַמעט.

שעמעוודיק פלעגסט מיך אומאַרמען אין עקסטאַז ווען אָנגעלענט
איך האָב זיך אויף דיין האַלב־רייף אָנגעדייטער רונדקייט;
מיט עקשנות צו דער עלטער־מי איצט קנאָכן מיינע הענט
ווי עס גליווערט מער און מער דער אייפער פון דיין בונטקייט.

היינט איז בלויז אַ קאָדע און רעפרען פון נעכטיקן געווערק.
רייד אַ וואָרט אויס, אין דער שטיל, ווי סאַזשעלקעס אַ פליסטער.
פראָסט האָט אין דער פרי אַ שויב צעפּלאַצט. עס גרויען זיך די בערג.
ביימער־סנאַסטן קעגנאיבער טונקלען זיך ווי פריסטער.

וואַרעם דיינע פיס ביים פייער. שטריק אַ בליטשקע־יאַקל, זעל.
לעז דערינערלעך דורך האָנאָרע באַלזאַקס *) ראָמאַנען.
פאָרפּל זיך מיט ווינטער־בלומען אין דעם פּאָרצעליי־געשטעל
נאָר פאַרשווועך ניט, זע, דעם סוד פון זייערע בוטאָנען.

ס׳אויסזען מיינס גראַווירט פון לידן און דיין קאָפּ געמאָלט מיט קרייד.
דרויסן שנייען אונדזערע יאָר, אונדז אין האַרץ — זיין אומעט.
ערשט ניט לאַנג, דוכט, איז געווען מיין פּנים אומגעקנייטשטער זייד;
דיין שיניאָן, אין פרויען־רייץ, אַ בלאַנק געדיכטקייט סאַמעט.

*) אָדער מאַרסעל פּרוסטס.

פראַצעסיע זיבן

א

המם — לאָמיר זאָגן: געוויסע ציווילע העפלעכקייטן קאָנען מיר אַוועקמאַכן.
דער מאָדוס פון נאַטור איז קנאַפּ־וועז ניט־אוטיליטאַר.
און כמאַריקע פירהענגלעך באַזאָרגן מעטעאָראָלאָגן מיט פרנסה.
יעדער ווידמעט זיך עפּעס אַן אַזאַרט. אַ קינד, דער צוקונפט אַ גאַב.
אַ ליולקע, אַן אַלטן מענטש געמיטלעכער צו שלעפּערן.
זע ווי ער זיצט אויף דער פריזבע ניט ווייט פון טיר.
ער איז אַ וועכטער, אַליין אַ שטיק גאַטערישער היטער.
אונטער זיינע פלייצעס דער ליימיקער שליים פון אַ צעקאַכטער אַרכיטעקט־פאַנטאַזיע.
אַנדרימלט אַן דער הילף פון קרייטעך, ניקאָטין.
מיר ציִען ווייטער: אונדזער פּאַטריאַרך אין חומש בראשית האָט אויך געצויגן.
אָבער, אַנקומען? — אונדזערע אויגן, ביים לעצטן טראָט פון מאַרשרוט,
שטעלט זיך אויף פּאַר אַן עוג, אויב אַפילו ניט דער רעגירער פון בשן,
דאָך, מיט זיין אַרויסרוף צו ווירקלעכקייט ווערט דער רוציל ענדגילטיק צעגאַרנישט.

טראַכט ער זיך: פּאַרטיק מיט אַלעמען, און וואָס ווייטער?
טראַכסטו זיך: זאַכן הייבן זיך אָן פון אַן אויסלאָז.
און איך קאָמענטיר ווייט־פון־גלייכגילטיק די געציפערטע קאַטעגאָריע
פון זאַלבן, כעמיע אַם פלאַץ, און מיסט, אומווירדיקע מאַטעריע.
ווער האָט געצאָלט מיט שקלים פאַר פּריווילעגיע
און ווער מאָנט אויף די עסקא?

לאָמיר זאָגן: ניט אַלעמאָל איז אַמאָל ווייל דאָסמאָל איז עס געוויס ניט
דערפאַר ווייל ס'איז ניט, ווי דער אומלייקנבאַרער געזעץ מיט צוויי מינוסן.
איך בין מיין פאָטערס. פאָטער איז מיינער. ביידע, דער וועלטס
און די וועלט אָדער גאָט איז יעדן קיינעמס פאַרגרייזטער שטח.
אָן צייט־אויסמעסט וואָלטן מיר געקומען צו עפּעס אָן אָביעקטיוון בליק
שטעלט זיך דער טיזול הערנערדיק אַוועק קאַפּויר
און בטלט אַלע שדישע חלומות אויס
צו גאָט וועלט פאָטער און מיר.

[רעציטאַציע]

איך וועל פאַר אייך געפּעליק איצט פּירלייענען אַ פּאָר לידער,
נאָר ניט דערפאַר וואָס איר וועט אָן שום צווייפל זיי פאַרשטיין:
אָפּטמאָל ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן, אין האַרמידער
פון זייער שטורם־און־דראַנג פאַרשטיי איך זיי קוים־קוים אַליין.

„בתמיה?" — פרעגן די וואָס זענען אויפריכטיק נייגעריק;
און אַנדערע, צעפרעסן פון לצניש זלזול־בלוט,
ברעכן אויס מיט בטול (אָסור אויב עס אַרט): „נו, ליריק,
פּאָעזיע — לידער זענען גאַנץ פאַרשטענדלעך א ו י ב נ אָ ר ג ו ט!"

ועל כולם האָמיר געמאַכט אַ ברית מיט קלאָרקייט*)
און ס'לעצטע שיינט איעדן אויס צו זיין גאַנץ איינפאַך, קלאָר!
דאָך ווער ס'געפינט ניט, זעלטן־ווען, קיין זיסן טעם אין טערפקייט,
ווייסט ניט אַז אַ גלאַטער ליגן ז'נאָך ניט וואָרהאַפט אַ ס ו מ ב ו ר..

די זון איז קלאָר פאַר אייך? אָך, ניין? טאָ לייקנט אָפּ איר בלענדן.
דער ים איז דורכזיכטיק? ער ז'ניט? טאָ ס'ווייסט איר פון זיין טיף?
ווי גרוילנדיק די קראַפט פון אומגעאיבטע לענדן,
נאָך ווי פאַרהילט פון אויגן־נערוו איז אַן אַנטפּלעקונגמיף.

ווען איך באַהויפּט אַז ס'איז פאַרבאָרגן אָפט דער זין פון ווערטער
פון מיר אפילו גופא וואָס האָב זייער שטורם־און־דראַנג פאַרצייכנט,

דאַן מיין איך: איך, דער לעזער, האָב קיין אָנונג פון די ערטער
וווּ מיין ליד אַלס גאַסט געוויילט האָט אין די גאָרע הויכן.

און דאָרט קאָן זיין האָט עס געשיינט אין ליכט פון יענע ז ו נ ע ן,
געוואָרן מיטן מ יי ן פון יענע ז י נ ע ן דאָרט באַהויכט,
וואָס אונדזער אויג קאָן בלויז מיט גוואַלדיק אָנשטרענג אָנען,
וואָס אונדזער גייסט נאָר אין דער זעלטנסטער מינוט אויפלויכט.

דערפאַר טוט קלאָרקייט וו ע ן־גראַד מיט פערפעקטן סוד לאַווירן,
און דאָס פאַרהילטע טיפט ווי ים, שטראַלט ווי זון, און בלענדט;
נאָר זיכער ניט פאַר די וואָס בלויז מיט שפּלות מאַנעווורירן,
און ניט פאַר בעלמעלייט אויף אַ געאַנקערטן אָקרענט.

[קטורת]

מיין זיידנס ווערטער זענען פאַרגאַנגען
מיטן כראָפּ פון אַ נאַכמיטיק דרעמל...

וואָס האָט ער געמיינט מיט „רבקה רחל,
גיב אויף, זיי מוחל, דעם באָרשטש"?

אַמאָל, אין אַלקער, צו זיין חצות־אָפּריכטן,
האָט מיין אויערל פאַרנומען „גאָט דו זיסער!"
און „שלאָף, שלאָף!" צו מיר מיט אַן אָדערדיקער האַנט.

צו באַטראַכטן: אַז ער וואָלט גאָט באַפוילן
זיידע־שטרענג צו שלאָפן,
מיר, דעם באָרשטש דערלאַנגען

*) אַ פּרינציפּ פון דער אויפגעלייזטער געזעלשאַפט „1925", ווו דאָס ליד איז צוערשט רעציטירט געוואָרן.

און די באָבען אינמיטן דרינען אויפנעמען
מיט „רבקה רחל זיסע!"
מאַכט מיך שטוינען האַלב פאַרווירט.

זיינע געדאַנקען: שטיינער אין דער וואַנט
וואַסער אינעם ליים
פייער אין די ציגל
שטרוי אין די שפּאַרונעס
קאַלך
פליגן
מייז
ראַזרוכע.

נאָך אַלעמען: די גאַנצע וואַנט
מיט מאַמין פאַר רעשטאָוואַניע
און גאָט אַלס קראָקוועבוי פאַר דעם דאַך אויסדויער
און אפשר אויך דער גאַנצער בודינעק.

דאָס צו אָנען איז אַ גליקלעכע מערכה
וואָס פאַרגייט אין נאָז
מיט דעם גערוך פון מאָילציין געצירטע
שטאָלצע שמות־בלעטער
אין דער פרעמדסטער שפּראַך
אין דעם אייגענעם מוזיי
אויף דער וויטסטער פּאָליצע — — — —

און דאָס צו אָנען איז אַ גליקלעכע מערכה

ד

מיין ליד וועל איך אין קאָן ניט שטעלן. אַלץ וואָס איך פאַרמאָג.
טאָג נאָך טאָג
אויפן ראָג —

קאָנט איר זיך איינהאַנדלען זון־און־הימל פריידן ערד־באַגנעדיקט
ביז דער עפּיר־עדיקט
איז דערליידיקט —

רויזנוואַסער פאַר דער הויט און גאָלד פאַר לוקסוס זאַבובאַנעס.
ווייב און קינד מתנות
געשלעכט און נאַנעס —

אַלץ וואָס פאַרגעניגן שאַפט און פאָדערט צינז — גייסטס זאַפטן־טריף,
אויב אינהאַלט איז מיף
מוז פאָרם זיין שטיף — — —

ווי אומדערטרעגלעך ערנסט אַלץ, ווי לעכערלעך די ערנסטקייטן.
דאַנקען גאָט און לייטן
ניט אויף לאַנגע צייטן —

צעבייס, צעגריזשע מיך, עקזיסטענץ! דיין שקלאַף צעקיי, צעפּרעס.
איטלעכער מעת־לעת
איז אָרדינאַר, אַ נס —

ה

אין אַ דערפל, אין קליין רוסלאַנד, האָט רב ייִד אין מיל
תבואה גויִשע געמאָלן, פיין, און שאַ, און שטיל.

דורכגעקומען, דורכגעשטופּט זיך, — גוטע, שלעכטע צייטן,
גאָטבאַשטראָפט, און גאָטבאַלוינט, ס׳פּאַסיר פון אייביקייטן.

ס׳ערשט ווייב האָט געהאַט פיר קינדער, און אַוועקגעשטאָרבן,
נאָכאַמאָל, כדת פאַרבונדן, אַ ניי ווייב דערוואָרבן.

ניט געהויזט האָ׳ן צווישן זיך די שטיפמוטער און קינדער —
טיף אין האַרצן זיך אַ וויטיק, פאַר דער וועלט ניט לינדער.

הייבט פרעמד קינד אָן קלאָגן, ענטפערט פרעמדמוטער מיט יאָמער —
שלינגט רב ייד אַלץ טיפער אין זיך שטומען פּיין און קומער.

האָט רב ייד זיין צווייט ווייב ליב, און ליב אויך זיינע קינדער —
טיף אין האַרצן זיך אַ ווייטיק, פאַר דער וועלט ניט לינדער.

עלטערט זיך רב ייד פון צרות, און פון קליינקייטן —
דורכגעקומען, דורכגעשטופּט זיך, ס'פּאַסיר פון אייביקייטן.

שוין ניט מעל פאַרווייסט די האָר פון זיין קאָפּ באָרד און פאות,
ווייסן ווייסט דער שוואַרצער נענער, און פאַרציט די שלייעס.

ווי געלעבט, אַזוי געשטאָרבן, ווייט פון פרייד, אודאי־זש!
טרייסט בלויז וואָס אַ זון וועט זאָגן נאָכן טאָטן קדיש.

נאָר אַן אייניקל דערשטוינט איז פאַר דעם סוד פון לעבן,
זוכט באַשייד, דעם זיידנס פלאָנטער ווי איז צו אַנטוועבן.

אויף אַמעריקאַנער באָדן טראַכט פון זיידן אין דער שטיל
ווי אין דערפל, אין קליין רוסלאַנד האָט געמאָלן מעל אין מיל.

און די זיידע־פאָטער־קינד נאָט איז צעשטעפּט אין פלינדער;
טיף אין האַרצן זיך אַ ווייטיק, פאַר דער וועלט ניט לינדער.

[שורות צו ב. ש.]

1

(שפּיל אין 41 סצענעס. פּראַסטיקער נאָכמיטיק. טעאַטער: אומקינסט־לערישער אורשפּרונג באַוועגלעכער חלום. שיידוועג. דערפולונג. Rienzi Overture; Gretry: Cephale et Pro-cris; Debussy: Printemps, suite. דערלייז: גרינע קוזינע, אָב הרחמים, חופּה־מאַרש — איסטסאַיד אָרקעסטער אויף וויקטאָר רעקאָרד. אָנגענעצטע וויעס. מוטערבענקעניש. אַזוי: טעג, נעכט, ביז, פון)

פאַרהילט פון דיר די ווטיקע קראַפט
וואָס טונקט זיך אין דיינע תמימותדיקע וועגן.

דיינע הענט ווי אַווגוסטזאַנגגען
מתפּללדיק געהוידעט אין אייפּעריקן ווינט.
איך דער אויסדערוויילטער „צוצווזען"
צאָל מעשר פֿאַרן פולן אינהאַלט.

זאָל ניט דאַנקלאָז בלייבן דיין מתנה מיר.

2

(אומדיאַגנאָזירטער פּאַראַליז. האַרצבלינד. עראָס און פּסיכע ווערסיע פֿאַרנויאַרקט. פֿאַרניינצנדרייאונצוואַנציקט. שוואַרצע טאַשמעס אַרום אַ שוישפּיל מאַנוסקריפּט. גרוס פון לאַנד צו לאַנד. טומלדיקע ריי: „צאַר פּיאָדאָר" אַרומפּאַדקעווענדיק אין „קאַרשן־גאָרטן". לאַנגער שפּאַציר פון דאַנען ביז דאַנען. צופעליקער פּאַרקיל. קאָמוניקאַציע מוטלאָז געזוכט. נאָך איינע, נאָכגעצנישטערט. מוטיק שטילשווייגעניש. מיר לייענען געטעס דיוואַן־לידער. אַסאָנאַנץ דערגרייכט דיס)

פֿאַרבליבן מיר פון אַ קאַרב „קווין ען לייס"
ד ע ר קילער אָוונט,
י ע נ ע ר גליענדיקער ד ר יי בייטאָג,
דאָס פֿאַלן פון געקרויזטע בלעטלעך צו דער כלהס פּיס
אין טאָג ווען אומשולד בלעזלט זיך
צו געוואַגטער רייפקייט. כ׳זוך אַ תּיקון
אין שלל גלות טרייבנדיק דיך צו
מאַן־פּאַרטיידיקער, קינד־טרייסט.
רעטראָספּעקטיווע אָוונטן פֿאַרענדיקן
ציקלען פון העלשייניקן ווירוואַר.

3

(דזין־דזין. צייטגלאָק סיגנאַל: טויטפּאַל. פּאַסוס פון עגיפּטישן חושך. אַ מעווע פּאַרפּלייצט צווייַ בערג. אַ ים־מעווע — צוויי קאָנטינענטן. אַ באַגער־מעווע — צוויי דראַנגשפּיצן. גאָלע פּאַרטרענקעניש אין גאַרניט. יאוש

John Milton: "Take away then my tortures. Nay. Take them not away!... Loving is such sweet wretchedness!")

אין ריזיקן געפּעכט פון אונדזער שטומעניש
פאַלט דער פּיינט, אונדזער ערשטוויילִיקע
פרעמדקייט. דער רכילותדיקער ים וואָס פליסט
אין אונדזערע פריינטס פאַרוואונדערטע אַקסלקנייטשן
טראָגט אויף זיינע כוואַליעס
אונדזער שיפלס ריפּנשפּענער.
ס'שיפל האָט געזעגלט רוישיק
אין אומעטיקן ווירבל פון דיין ניטפאַרשטיין
דעם חלומס באַדייט אונדזביידן מיטגעטיילטן.

פליטיקע נאָטיצן פון אַ זייגעזונט
איבער דיין פאַרזינדיקטער מתנה מיר.

ז

כ'וואָלט זיך וועלן אַנטקליידן
פון טינט און פען פאַרפּיינערונגען צוליב אייער גלויבן.
אומצוכט טוט דורך מיינע ליפּן ריידן:
— זענט איר ווירקלעך ווייס און ריין ווי טויבן?

כ'בין אַ נאַרנקינד, אין אייגנרעכט אַ נאַר.
אַ קלוגן דורס אַ זרע, איינער פון די קליגסטע.
כ'שעם זיך, און איך ווייטיק פאַר דעם דריבנעם וואָרעמס צער:
— מיין נאָז־פאַריסנקייט און עגאָטיזם איז אָן גרענעץ, זאָגסטו?

כ'היט דאָך דיינע ווענט, אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג אָן.
קיטעווע די גלעזער וואָס שניידן מיר די פינגער
אין די טאַפּליעס פון דיין אומגלויבן און אומרעזאָן.
אין דיר בושעוועט די זעט. מיך נערט דער הונגער

כ'וויל אייך נענען ווייל איך בין פון אייך דערווייטערט:
— האָבן ווירקלעך לײדן אייך געלייטערט?

ח

לאָמיר אַרויסכשופן איינס פון די געבורטן
וואָס האָט דערצויגן ביז צו די פאַרגייענדיקע יאָרן.
געטראָנקען זיך שוין וויפלמאָל אין זומפּ פון ראָרן
און איצט — ביים ענדציל פון אויפגעבליטן גאָרטן.
דאָס לייב איז געמאָזאָליעט, און דעם גייסטס די לאָרן.

פּעטער מיינער, פינצטער פאַר די קינדער, זיך אייגנליכטיק
קאָן ניט, האַ! פאַרגעסן ווי געהאַנדלט האָט מיט טייכן,
וועלדער — (יונגע קינדער, אייגן־פּרעמדע, לאַכן לאַכן לאַכן.
ווי ליישגאָלדיק זייער העטעראָדאָקסיע, זיין אָרטאָדאָקסיע געוויכטיק!)
וואָס קאָנט איר, פּעטער ליבער, מאַכן מאַכן מאַכן?

וואָס קער איך אָן זיין גייסט? — איך אָן ניט.
ער איז אומצופרידן. איך בין אומצופרידן.
ערליידט פון מערידן. איך לייד פון מערידן.
אים קומט ניט, און ער מאָנט. מיר קומט ניט, און איך מאָן ניט.

[ניט „חוה און דער שלאַנג״... ניט „אדם און חוה״...]

דעם כסא־הכבוד אָנלען וועל איך ניט דערגרייכן
סיידן אין די קולואַרן צווישן שיר ניט אָפּגענאַרטע
שטיין און תמעוואַטע שמייכלען
טשאַטעווען די ברויטזאַנג, פליייש און פעל פון אָקסל
און, ניט אַכטנדיק אויף קרישלדיקן שניי און צוואָגרעגן, פּעכנען
ביז דעם עטאַפּ פון סעזאָן אָפּוועקסל

— מיין קול פאַרדומפּן אין אַ וויסטעניש —

אַ צעבראָסטעטן גאָט וועט מיין אויג ניט דערוויסן
ניט שטאַרבן וועל איך, הייסט עס. —

אינעם ראָק ניט זוכה זיין צו זיצן ביי דעם בעכן טרערן
בלויז אַ שטיקל ברויט אַ פּיסנע
מעלה־גרהן
ניט אַפילו, מאָל דיר, עמיצנס אַ בייזער הערן
פון דער אויבערבאַנק אין תפיסה

— דיין עכאָ רעווערבערירט אין גלוסטעניש —

וואָס נוצט מיר דען דער זונבראָק
דער ראָצימאַרענער שטראַל
געשפּיזלט אין דער קאַלוזשע ?

ניט די בלומען —

און ווי עגאַל
צי אין סאַזשע
אָדער קלואַזאָנע וואַזן
ווי ס׳פּאַסט דעם דיכטערשן פּאָסאַד
— וועלן מיינע אויגן פרייען
מיין נאָז גערוכיק שפּייזן :

בלויז אָפשניצלעך פון זומער, צעדרעליעט קאַרשנווייז, אין מיין אַנזען.
ווי דער שיינקייטס פּאַסקווינאַד. —
אַזוי ז׳אַמאָל געווען
מיטן עדן
מיטן נחש
מיט עדיפּן.
דער סיגנעט פון זויער און גערונענקייט
שטעמפּלט דעם פלוס פון חלב־ודבש
מיט אַפלאָמב פון עגאַליטאַרקייט
לייגט זיין חותם אויף אַלעמען אַרום : אויף קינד און אַקושער.

זאָל דאָס אַמאָל ניט זיין די באַווילטע סטיפּענדיע

פון מיינע פאַרנייגנדיקע יאָרן?
דער חפזון־טעמפּאָ דאָ־הי?   און דאָרטן?
וואָס זשע לויבט דאָס גיין ביגראַנדע, סטאַטעק גלייך,
מיטן יאַמשאָון שטאָק פון אָנשטעל?

רימפּלען אויף דער קיכפּאַן
צעעפענען דעם דוממס שליוזן
פאַרנעמען ספּריטנע ווערטלעך
און געשווינטע בליקן

זעמלמעל פאַרוואַנדלט אין יאַטער
אויסגעשפּיגעוועטע אַנטיקן־קאַליזיעס קלישירט מיט אַ סטיסאַק
וואָס וועט שוין דער גוליע לינדערן דער יאַכנפּלאַסטער
ווען צעווייטיקט איז דער גוטסקייטס באַק

דער ברית, דער מאַראַטאָריום
פון אייביקייט ביז אייביק
צווישן שטויב און שטויבל:

אַזויפיל דייזשעס צו האָדעווען אַ מענטש, און נאָר
אים!
אַזויפיל בעק און לעמער מיט פעטע בריסט און
זאַדיק
אַזויפיל קעלט פאַר שליאָמען הערמאַלין און סויבל

אַזויפיל רוטיניזירט לייב צו האָדעווען ערדווידמונגען

אויף טרוקעניש, דער וואָרעם
אין וואַסער, פיש און פראָש
אַז ל ע ב ן איז דער נישטער פון אַ פרעכן חומרן שפּיגאַן
מיט אייפעריקע לאָזונגען
ווייסן קינדער אין די וויגן
פליגן

ווייסט די צויג ביים פלויטנאַש
די ליאָכע אינעם זשליאַק פון קאָרעטע פאַרטאָן

[צו ח.]

האָמיר ווען פון אייך אַ בריוו געקראָגן,
פלעגן מיר צווישן זיך אַזוי דאָן זאָגן:
„איבער אָפשיד הענגט אַמאָל אַ הימל אויסגעשטערנט,
ליכטיקער ווי איבער אַ צוזאַמענדיקער פרייד.
צוזאַמענקייט איז אָפט אַ קלייד
פון גראָבסטע שטאָפן.
אָפשיד — פון פעדים דין צום פלאָצן אַ געוועב".

ווען אַ טעלעפאָן פאַרשפינט אויפסניי געפלאָצטע פעדים,
אדרבה! לייקנט אין דעם פאַרשריטצויבער פון טעכניק.
צוערשט האָט אייער קול מיר בלייך געמאַכט דאָס פּנים,
און באַלד, געמאַכט עס רויטלען ווי אַ צוויק.

מיר קוקן איצט אַרויס אויף אייך ווי איר
וואָלט זיין ס׳געווינס פון אַ סכנהדיק געוועט.
זאָל ביי אונדז אין אַלקער היינט זיין יום־טוב:
יום־טובדיק דער הונגער, יום־טובדיק די זעט.

פאַרבאַקן טיף אין האַרצן אונדז אין משך שוין פון יאָרן,
ווי האָט איר ליאָדע פיר חדשים ווערן דען געקאָנט אין מח פאַרבלאָסט?
גייט שוין גייט! זאָל ווער עס וויל זיך טשמאַטשקען
מיט דער מעלאַנכאָליע פון צעשיידטער פריינטשאַפט.
אונדז איז פרייד גליקזעליקט היינט
מיט דעם קומען פון אַ פריינט,
אַ גאַסט.

[ניימאַדיש שורהגרוסל]

„אַ גליד־געשוועסטער־קינד איז געפֿאָרן קיין וואַרשע נאָך סחורה".
די „ליט. בלעט." האָבן אים געגעבן אינטערוויו־קרעדיט.

ער גיט זיך אויס פֿאַר פֿאַניבראַט מיט זשיטלאָווסקין,
געהילף־סטרוזש אין אָפּאַטאָשוס „פּוילישע וועלדער",
אָן אָטעמצוג אין בלאָזזאַק פֿון לייוויקס גאולות.

ער איז אַ גאַנצער קנאַקער אין דעם „וועק־מיך־ניט" דעפּאַרטמענט
פֿון דער מאַמע־ליטעראַטור;

דער מלויאיקער שטראָדל אין וואָסער צייטונג־קאַפּעטעריע
נאָך יעדער קאַליע פּאָרציע גולאַש־נייס.

דעם וויפּלטן זמן ביים דרדקי־מלמדס סדור,
פֿאַררופֿט ער זיך גאַנץ ברייט אויף „טוירע".

(אָפּשטאַטנדיק אין פּאַריזש וועט ער אויך עפּעס נאַשן:
אַ נאַפּקע־לעק, איינהאַנדלען אַ מאַנטל, אַ פּאָר קאַמאַשן.)

...העט־העט קיין וואַרשע איז אַ גליד־געשוועסטער־קינד
געפֿאָרן טוישן אייגענע מיט „ליט. בלעט."־סחורה.

יב

מיין באָבע האָט געוווּסט מוזיי־מין־ווערטן
לויט איר צדקניותדיק עסטעטישן באַנעם:
געווען ז'ניט „ווי צו האַלטן?" קיין פּראָבלעם
פֿאַר איר די קופּערפֿאַנען, קאָכליעס, קווערטלעך,
דעם טשייניק אָן אַ נאָז, דעם קב־הישר
אַ גאָרן (ערשטע אויסגאַבע) אַנטיק,

דעם שטערנטוך געבלעטערטן (צעפליקט):
מציאות כ ל ל וואָס מאַנען טעכניש לשון.
איר גוף פאַרדינט באַזונדער זיך אַ נישע
צווישן אַלע חדושים... איר גרייז פּנים
באַווינט אַזויפיל האָט געאויגטע קושן
וואָס ס׳כאַפּט גרינג אויף דאָס האַרץ נאָר ניט דער גומען.
עס האָט איר צוגעשפּילט אַלס קונסט־קוראַטאָר
פון איר מוזיי צו זיין דער יוגנט־קוואַטער.

[סע פלעגט זיך טאָן אויף טיש און אויף בענק]

מיר לישטשען אונדזערע טעג ווי דיניעקערלעך
און זידן אויס די נעכט אין סעקס־קאָרדאָן.
אַ ניין מאָס רייד צעבעבעט פאַנטאַלאָן
ביז ס׳לויפט אויס די געוועלטע מענערמילך
צונויפגעדראָלט ביי „איר״ געזימס. דער מלך
געפלעפּט פון זיין געפּראַזשעטן פּעאָן
זיצט ווייטער אויסגעטשוכעט אויפן טראָן
פון טעג געלישטשעטע ווי דיניעקערלעך.

קיין טאָלק דערגייט ניט, בוצים, אָט דער „לבן״,
כאָטש וויסנדיק אַז צ יי ט דער ליטשעקרופּניק
איז מילד מיט אים — ניין? — ווען אַלס אַלטער טשערעפּ
מיט פוילע יאָדרעס נערט זיך ווי אַ סופּניק
מיט פוילער ליבע; מאַכט זיך פאַר אַ „יון״,
דער וויסבילעטניק, ציִענדיק דעם זשערעב. —

פראָצעסיע אַכט

[ערשטער לאַמענט]

איך וואָס ערשט האָב באַזונגען דעם גליקלעכן עדן
דורך איין מענטשנס אומטרייהייט פאַרלוירן, זינג איצט
דעם פאַראַדיז צוריקגעוווּנענעם פאַר דער גאַנצער מענטשהייט
אין דזשאַן מילטאָנס ווערטער,
און ווידער פאַרלוירן.

אָ וועלט פון האַסט! אָ וועלט פון טיפן שלאָף! אָ פודן שווערער סכך
פון יעדן איינעמס אַספּיראַציע און ליידנשאַפט! אָ וועלט
פון נישטיקן געקליבענעם שטויב־פּרעפערענץ! ניטאָ קיין סך
צום איבערקלייב. פון אַלע עקן שפּאַרט צו מיין צעלעכצט געצעלט

אַ זערנע אַ צעצוויטעטע פון „רעפּובליק" פון פּלאַטאָס לאָר;
אַ טראָפּן טוי פון קאַמפּאַנעלאַס „שטאָט פון זון": און אויך אַ קנאָפּס,
אַ מעטעאָריש פּלעמל פון „אוטאָפּיע" פון טאָמאַס מאָר;
אַן אָפּגעסמאָקעט, שופן־שטעכיק ביינדל פון „לויתן" האָבס!

פון צייט צו צייט האָסט וואָס געוויזן, וועלט, נאָר אַלץ געווייקט אין בלוט:
ספּאַרטאַקן פון אוראַלטער און כאַרטיסטן אַרום רענעסאַנס;
אַ 1776, און 1848 גלוט,
העט ביז דער קעגנוואַרטיקער (רע 1917) אינסטאַנס.

פּראָצעס „יציאת־מצרים" איז אַן אומפאַרענדערלעכער בונט:
עס דראָט מיט טעפּפלייש פּרעסגעפאַר אויך איצט אַן אויסגאַנג־סוראָגאַט;

די שטייף פון אויפשטאַנדס שטריקגעפלעכט פאַרהאַלט צייטווייליק בלויז
אַ שפּונט — — —
ער פּוילט מיט צייט — און ווי צרעתדיק צעבליט זיך קאַזעמאַט!

אַ וועלט פון גראַדנוויזע שיינקייטן און אַלץ וואָס מיאוס איז,
מיט דיינע האַבנגוטסן אומריכטיק צעטעכערטע אין הענט
פון אייניקע; דער גאָרטן פול מיט אויבסט איז בלויז דעם שדס קאַפּריז
און ס'יאַטערט זיך די מערהייט, וועלט, דיין הערשערווילנס אָפּאָנענט?

אַ וועלט, פאַרמידיקט פון פּאַרלאַטען אַלערליי פּראָבלעם־תחתונים,
געקאָרטשעט, אָפּגעטראָגן און געפליקט פון איבער איבערנוץ;
האָרט ביי די ראַנדן פון דיין וואָר, וועלט, טריפען זיך מציאות־קונים
און שטשאָבען דיך מיט רעטונג־נבול־פה און טעאָרעטיש שמוץ.

מעפּיסטאָס היפּשע פּושקע מיט דער זאַמלהורבע צירונגשטיינער
מאַכט מענטשן בלויז צו לאַכן אַ געלעכטער איבערפילט מיט סם;
עס קרענקט דער גוף, זעל ווייטיקט, און די גאַל צעפּלאַצט — אַ הויפן ביינער
פון אָנגעדייטע עפּיזאָדן שטופּט פון ברעגן אויס דעם ים.

און ק י ו ם איינפאַך, גראַזיקע און ביימערדיקע עקזיסטענץ,
איז אונטער יעדן שכלדיקן שוין פאַר מענטשן באַלד פרעגצייכן;
און האָפנונג — האָפנונג וועפּט זיך אויס נאָך האָפנונג; בלויז די פּערמאַנענץ
האָט האַפט אין עסן, ווי ניט איז פאַרדייען, און אין זיין זיך מכין.

פון אַלע פאַרבן איז בלויז געלעניש די קלענסטע רעזיסטאַנץ,
און געלעניש פון גאָלד שאַטירט דעם קנייטש פון איטלעכן עמבלעם;
דער לעצטער קינסטלער, ווי טריבון, צי מאַן פון וויסן, טראָגט דעם קראַנץ
פון געל — ניט מאַריגאָלדן געלקייט! ניט געלער כריזאַנטעם!

האָסט, וועלט, דערפילט דאָס דראָען פון דיין וועזנס שטויס צו ראַנדגעפּאַר
און פּרוּווסט אויפסניי איצט וועקסלען דורכפּאַל פון פּאָליטישן צעפּיענען.
געוועזן אַמאָל אַ טעראָרמאַכטיקער זעלבסטהערשנדיקער צאַר.
שוין אויך אַ מעשה פון „געוועזן, ניטאָ״ וולאַדימיר איליטש לענין.

[סעסטינע]

מיר זאַלבן היינט אַ קיניג, דעם בראָנעמאַן,
דעם מאַן פון אַקעראייזן. נעגט זיך, נענט.
און בירגער פונקט אַזוי ווי אונטערטאַן
איז אָנגעלייגט. שטרעקט אויס די בענטשונג־הענט.
דערפרייט וועט ווערן הרעטשקע, גערשטן, מאָן,
פלאַקס, סימניע, קאָרן פון וואָלין ביז קענט.

שטאָלצירן וועט אינדוסטריעלער קענט
אין אָנזיכט פון וואָלינער פויערמאַן
באַפרייענדיק פון יאָך זיין מח און הענט.
דעם רוקן וועט דער שקלאַף אויסגלייכן. טאַן־
פאַרקוקטער פרייער מענטש, דערפרייט, זיך נענט
אַוועמעס גאָנפאַלאָן ז׳ווי בליט פון מאָן.

און וואָס אַז זיין סימבאָל איז בליט פון מאָן
ווען די פאָרשטעלונג־קראַפט וואָלין־ביז־קענט
איילט נ י ט צו די רעאַקציע פון מאַן
אַוועמענס ק אָ פּ געפּענטעט איז, ווי הענט
די זייניקע פריי זענען? אונטערטאַן
פאַרבלייבט דער בירגער כאָטש זיך פריימענטש נענט.

די פירער האָבן אים צו וואָס דערנענט,
געבראַכט גאָר נאָנט צו סטאַדיע פון מאָן־
פעטאַלן. ס׳ווייסט דערפון דער ראַשער קענט?
דערהויבן זיך דערהויבט (אַזוי גלויבט מאַן)
נאָך אַלץ ניט דורך דעם מח נאָר די הענט,
צי איז ער בירגער אָדער אונטערטאַן.

ווען ער פאַרקוקט זיך ווען אויף שטאָלצן טאַן
זעט ער זיין הויך בלויז וואָס די וואָלקנס נענט
און באַלד זענגט מעזשע־צו, מאַשין־צו מאַן

פון אַקער און טעכניק. וואָלין, ווי קענט,
פאַרנעמט קוים דעם סימבאָל פון בליט פון מאָן
וואָס כלומרשט איז געזאַלבט פון זיינע הענט.

און פענכערדיק די ערד־ און טעכניק־הענט
צעאָדערט זענען — שלאַנק די הענט פון טאָן,
פון דער פאַרצווייגטער שקלאַפונג, אָפּאָנענט.
אָך וואָס וועט טאַקע ווערן פון בליט־מאָן
ווען שקלאַף פון זייען, טעכניק, אַזש ביז קענט
העט פון וואָלין אָן איז נאָך אַלץ דער מאַן?

דערהייב זיי איבער דיינע בענטשונג־הענט,
באַזאַלב מיט האָפנונג בירגער, אונטערטאַן
פון פלאַקס־וואָלין ביז איידל לייוונט־קענט.

[פלאַנד]

פאַרוואַרף אין כף־הקלע
די קרוין.
טו אָן די העלע
די קליידער —
פאָזומענטלאָז!
פאַרניכט די כאָפּטע
בורזשויען,
פליכיק,
האָרלאָז!
און דו וואָס ביסט ניט טשובלאָז —
פאַרוואָרלאָז!
פאַרזינק זיי שפּורלאָז.

אינצווייען און אינדרייען
די ביינער גוט אָנברעכן

אַיעדן וואָס אַ קעכן,
אַ דינער האָט,
אַ ניאַניע!
קיין צייט ניטאָ אומשמייען
די אויגן יענעם שטעכן
מיט ריידן, ברייען.
כהרף־עין,
צעך פון אַלע צעכן,
באָסורמאַניע!

די גאַל אין זיך צעקלויצע,
געזעל!
אַ נו, צעטעסע!
פאַר וועמען זיין דאָ יוצא?
יהוה און די טראַיצע,
פאָעט און פּאָעטעסע — —
צענישט די גאַנצע מעסע!
מאָלויצע!

[באַלאַדע]

א

צעיאַכמער זיך שוטה בן פיקהאָלץ!
— וואָס הערט זיך מכח די „איזמען”?
צעפלאָסן, טינטיקע ריקעס
קייקלט וואָר זיך פון פזמון צו פזמון.

ב

נו קוק צו, מיין ליאַלע, דעם שלאַמבאָן
ווו טריפוואַקס פאַרגוואַלדיקט קאָנאָפּליע

אויסזינגענדיק צאַרט אויף דער טראָמבע
דעם רויטמיץ פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל!

אַ רוחן דעם בלאָנדינקן ביקל
ווי ער האָט די ציין אויסגעוואַלעט;
די פּיזשאַלעס ווערן אַנטיקן
און חתנים אויך ווערן צעכלהט.

אָט איינעם געפעלט גאָר אַ זונה,
דעם צווייטן איז ליבערשט מזונות,
דער דריטער איז „הגם חרבונה",
דער פערטער איז גאָלע חסרונות.

ווען נאָר ניט דאָס פינצטערע מזל
פון דיכטער וואָס צעלאָפּאַצאַנעט
דאַן וואָלטן מיר, שעיר לעזאזל,
געגומען נאָך ריצנאייל אַ קאַנע.

מיר וואָלטן „זיי" דאַן אויף דער האָצקע
אַ הייב געטאָן העכער און העכער,
ווי איר זעט מיך אָ ראָטשילד, אַ טראָצקי
וואָס שפרינגט ווי אַ באָק איבער דעכער.

ג

צעיאַכמער זיך גלאָמפּ פונעם שפּינוועבס!
— וואָס הערט זיך מכּח דעם „אמת"? —
מיר וועלן די אומקלאָרע אָנהייבס
ענדגילטיק אויפלייזן אין רמז.

מיר וועלן דעם רוימיקן שטח
אָנקליידן אין צייטיקע שפּאָרן;

אַ דראַניצע פּונקט ווי אַ פּעטאַך,
וועט קומען צו ערלעכער קבורה;

אַ קוואָקע וועט אויסזיצן מאָילן,
אַ שישקע וועט דליבען טשוכאָניעס;
די קונסט וועלן פליאַסקען אין הוילן
במחילה מאָזאָליקע דלאָניעס;

און שוואַרץ וועט זיך אָנהייבן ווייסן
ווי ווייס וועט אָנהייבן פאַרשוואַרצן;
און קאַלט זיך פאַרוואַנדלען אין הייסן,
סענטיאַבס וועלן ווערן די מאַרצן.

—

צעיאַכמער זיך זכאי און חיב!
— וואָס הערט זיך מכח די „מיטלע״? —
זיי זענען במילא פאַרטאַיעט:
מיר וועלן זיי פערטלען און דריטלען!

ה

נו קוק צו מיין ליאַלע דעם סדר —
— וואָס הערט זיך מכח די „זאַכן״
פאַרזונקען שפּורלאָז אין האַרמידער
פון זיבן־און־זיבעציק שפּראַכן?

[צווייטער לאַמענט]

O Captain! My Captain!
—**Whitman**

דו פירער, אָ! פון שיפמאַן, מעזשעאַקערער און סטעלמאַך,
פון שינדלדעקער, שוועלער, שמיד, בורלאַק פון געהילץ־טראַטוועס;
פיינט פון גאָלדשפינער, פערלציר און בורזשואַזן למך
וואָס ווייסט רק פונש, און ווייב, און פוכקע זיסע קוראָפּאַטוועס.

אָ, פירער! פורפור פלאַם וואָס לעקט סכנהדיק די שויבן
פון זאַטער פוילקייט מיט געשאַרפטע העק, געצאַקטע זעגן!
ווי סומנע שטרויכלדיק פאַרציט זיך נעפלטאָג פון אויבן
צו הילן נעפלנאַכט פון דיינע אויפגעברויזטע וועגן!

די באַלקנס פאַלן איין אין צונטער פון דער ראַנגלמעסע
פון גאָלדגעשטעפּטע טופליעס און קאַמזוילן צו צוביסלעך;
אַ שפּאַרבערנעץ אויף פּאָליט־עקאָנאָמישע מעטרעסעס
פאַרוואָרפן האָסט, אָ פירער, קונסטהאַפט, קינסטלעריש און קינסטלעך.

האָסט לויז געמאַכט די לייצעס: ס'זשומט אַרויס פון הינטער פלויטן
אַ „דזשין״ וואָס איז די יאָרן זיינע אָפּגעפּאָרן נאַשפּיץ;
דעם „נעפּ״ האָסטו אַליין באַווילט אַ שמץ פון די צויטן
וואָס אונטער אַלע דיינע טאַבוס האָט געזוכט, געקאַשפּערט.

ער מינזשעוועט עקזעקוטיוו מיט דיינע אויפלעב־פּלענער
און וועקסט שוין אויס די דילן פאַר זיין פריינטשאַפטס טערפּסיכאָרע;
פאַרנעם אָ! דעם געפּילדער פון די יובלענדע באַלשמענער
וואָס סימולירן אין אויפפירונג דעם אָקאָרשטן שררה.

דיין גייסט פון ראַדיום־קוואַליטעט, געערטער מאַן, בלאַנקייעט
אַרום אין מיר, מיין דראַנג נאָך דיר, דיין מענטשלעכקייט, דיין צויבער!

מיין האַר, אויב כ'האָב זיך קעגן וועמען פֿון דיין שיכט זאַזנאַיעט,
איז בלויז ווייל גייסטיק יענער איז אַ לאָמער, שטומער, טויבער.

פּאַרוואָר: אויף קוראָפּאַטוועס האָב איך זיך ניט אויפגעכאָוועט;
געטרונקען, אויסער וואַסער, טיי, ציקאָריע — אפשר סליוווניק;
(מיין באָבע, צו פאַרקלעפּן טשאָלנט, האָט אויף וועג סקאַרבאָוון,
פאַר פּענציק־ קוגל־ און פּעטשאַ־היץ, בלויז „געגנאַשט" אַן איווניק);

און פּופּצן טעג אין שבת האָב איך געקראָגן טייטלען, באָקסער;
מיט וועלש און האָזניס זיך געשפּילט אין גריבל אַכט טעג פּסח —
איך בין אַ קינד פון פאָלק: מיין עולם איז אין יאָך ווי אָקסן
באַשטענדיק איינגעשפּאַנט — איך שעם זיך ניט, און ניט איך גרויס זיך.

איך ווייס: דיין ציל געווען איז לויטער שימללאָז, אַ פּירער!
און צאַרט ווי ס'איז אַ טובערויז, טולפּאַן, מימאָז, ראַנונקול —
ס'פאַרבעקן דאָך די פּיסקעס דיינע טאַטזאַכן רעגירער
און ס'ליכט פון דיין העלזען ווערט אין די הענט ביי זיי אַ טונקל.

דערלייזער דו און קאָלאָסאַלער וועלט צעטרייסלער,
דער לעצטער שפּראָץ פון צויבערוואַלד ווו ס'וואַקסן טאַן־טיטאַנען.
געווען אַמאָל אַ גרויזאַמער זעלבסטהערשנדיקער קייסער —
שוין אויך אַ מעשה פון „געווען, ניטאָ" וולאַדימיר איליטש לענין.

פּראָצעסיע נײַן

די נאַטור איז נאַטירלעך

[אַ דאַטשע מאַרשרוט]

דער הימל אַ געשטרײַכלטער, די זון
מאַכט זיך אַ קאַרדינאַלע פּיסבאָד דערפֿון,

פֿאַרגײיענדיק צונטער ווי אַ טראָט וואָס איכ׳ל
מיטן בלאָסן סערף זילבערן זײַן קנעכל.

קווינטיליאָנען מילבן פֿאַרשלונגען דעם טאָגשײַן,
אויספּלוס פֿון טאָגטוגנט, צופּלוס פֿון אָונטשײַן.

בוימשטאָנג, געצוויג, און בלעטער־וואַרג
צערונדלט, צעקאַרבט, און אַראָפּ פֿון מאַרק.

ברויט־און־פּוטער בלימלעך שאָקלען מיט
די גלעקלקעפּלעך זאַנפּט זעפּיריש, שאָקלען ניט.

זײַן געלאַף, אין געאײל הויערן שטערן
איבער דעמערס טאַראַנטעלאַ פּאַינטיליסטיש.
פֿון קוימענס האַלב־רוזנירט מויל רויכערן
זיך דיאַגאָנאַל אַרויפֿצו טרומנעס, ראַציאָנאַל און מיסטיש.

פינזלען, איינגעטונקען אין נייטראַלע פאַרבן,
טינטלען וואָלקולאַקן, שדים־סילועטן.
אויוונזשאַר, בליצלאָמפּשיין — פייערגאַרבן
פלעמלען גייסטעריש אין שויבן, קונקל־מונקלען פירועטן.

מעלקשעפל ביים טיר.
בילן פון אַ צויג, ליבידאָ־געיאָגט.
מוניע, גאַרנדיק ביים געגרויזטן סעדלס פאַרטקע, זאָגט:
„דאָס זייט א י ר?"

פון דער ריטשקע דרענגט מיט אייזערנעם געדולד
קוואַקוואַקוואַ פון זשאַבעס.
נאַכט יאָכצט טאַלאַנטפול, אוממיטלבאַר אין קולט,
און שאַרכט אין שלעפעריקע שקראַבעס.

אין טוי אַ רויז
זשעברעט יעדן ברויז
דורך דער געהאַפטער קאַפּטע פון אַ מיידלשויס.

[אויף דער טעמע: „קיך־קנאַים און לאָוועלאַס־לאַר"]

זינג מיר אַ ליד פון
מעגעלעך־זאַטע פאַרנאַכטן
פון גלידזעט
צו שעפּן מיט צעבערס

אויף אַלע מינוטן
אויסגעגאָסן צאָרן
פון בראַנדיקע רגעס
אין פלאַטער פון שעהן:
מיר זינג

זינג מיר אַן אורלויב
פון קישקע טיראַנען
פון ריינלייב
אויף ריינלייב פּאַרמעסט

פון ווילן וואָס שעלמעט
רויקן באַראָט
מיט טאָפּ־
און פּאַן־בראָט :
מיר זינג

זינג מיר די באַנקראָטיק
איבערן לאַנגן שליאַך
פון זויף
און עראָטישע צופּוץ־היכלים

פון מענטשלעך געפּעסזאָט
פּילבאַר געפּייניקטן
„צענזאָר נערוו" אויסראָט :
מיר זינג

זינג מיר אַ ליד פון מעגעלעך־זאַטע פּאַרנאַכטן
פון ריינלייב אויף ריינלייב פּאַרמעסט מיר זינג.

[ליד]

אָווו און ווען איך זאָל ניט זיין
באַרוישט פון ניטזיין — ווי פּאַרגאַפּט
וואָלט איך דאַן יאָ, וואָלט איך דאַן ניין
פּאַר קיומס שיינדלינג, קיומס האָפּט

אַראָפּגעענידערט אין „זייב"טייך
איינזאַפּנדיק דעם אַראָמאַט

פון דעם פאַרפּליסניעטן וויוואַט
אַרטיקולירט אין בלומענרייך.

בלויז איינע דאָרט... ווען איך זאָל נאָר
דערנענטערן זיך צו איר גראָט
פאַרוועבט פון דאָרן, ווײַנריב, ראָר —
און איר אַליין — וואָלט איך זײַן גאָט.

[אינצידענט]

אַ צייט האָט ער זי ניט געזען;
און פּלוצים, זעט ער זי. ער זעט זי
(געקומען איז ער האַלב נאָך צען)
ווי ס׳זעט אַ מאַן אַ ווייב בלויז. „וועציע!

„איך האָב דאָך אייך געזאָגט איך קום —
אַנטשולדיקט, כ׳ל אַוועקגיין—״ „ס׳רעדט איר!
איר זייט אַ גאַסט ביי מיר!״ אַ בלום
שטייט זי; צעבליטע די פּעטאַלן.
און ער טראַכט זיך: נו, גוט, פאַרפאַלן!
איך בין עקספּערט אין פּעטי־מעטי.

זי קעמט די האָר, און ער — ער קוקט
עטוואָס פאַרלאָרן. זי באַמערקט עס,
באַמערקט ווי אים אַ אַקסל צוקט,
און ווענדט זיך צו אים, „הערט, כאַלערטעס,

„ס׳טוט אייך ווי וואָס? „יאָ, דער קאָפּ,
די פיס, דאָס האַרץ; נאָר עס איז גאָרניט.״
„איר זייט אַ גזלן! נעמט אַראָפּ
פון זיך די קליידער.״ „אָך, מען טאָר ניט!

„איר, וועציע, זייט פון אַלעמען
די שענסטע פרוי ס׳איך האָב געזען.״

„אין אייך איז גרינג זיך צו פאַרליבן.“
געקומען איז ער האַלב נאָך צען.
אַוועקגעגאַנגען האַלב נאָך זיבן.

[פאָרוואָרט צו אַ שטימונג]

זיצנדיק דאָ־ווען אין פּאַרק באַצירט מיט אָסיען־חן
האָט מיך אָנגערירט די שיינקייט זיינע ביזן ביין.

בלעטער, קרייזן־רונדלענדיק, אַרום דעם שטאַם פון בוים
ששש—שעלעשטשען אומבאַוועגלעך, אַ שעלעשטשע קוים.

געלנדיק, שטרעקט גראָזיק דין דעם דינעם האַלדז דאָס גראָז —
ניט אַ פּיפּס אַז ווו איז דאָ ס׳באַהעלטעניש פון אַ האָז.

אין געצווייג פון שיטערן געוועלקטן בלעטערוועדק
בלייכט זיך אויס דער עכאָ פון אַ פויגלשן געצווערק.

ניאַניע־רוף. קינד־פּרעפּל. און די ניאַניע ווידעררופט
אין דער טערפּקער אַטמאָספער פון פּאַרקס אָקטאָבער לופט.

אַוטאָמאָביל קאַוואַלקאַדעס שיבן דורך דעם שליאַך
גלייך ווי גאָרניט וואָלט פּאַסירט די מינדסטע אָסיען־זאַך.

און קיין זאַך פּאַסירט ניט אפשר, אויסער ס׳מיין געביין
קלעפּט סקלעראָטיש צום געוועלק אַרום אַן אָנשפּאַר־שטיין.

בלויז דער לעצטער איז באַוואָרנט קעגן שאַרפן טשוואָק
וואָס דער וועכטער טראָגט פאַרביי־דאָ אויף אַ לאַנגן שטאָק.

[בדחן]

„לאָמיר זיין ווי די פייגל אין הימל“
איז איינע פון די אומציילקע באַנאַלע שורות

וואָס קלישע־דיכטער האָבן אָפּט ליב צו באַנוצן.
אויב ניט בוכשטעבלעך, טאָ אין אינהאַלט.
„לאָמיר זיין ווי די גראָזן אין די ווינטן"
איז ניט נאָר אַלט: עס איז ניט איבערצייגנדיק.
קיינער האָט ניט פעסטגעשטעלט אַז דער מעטאַבאָליזם
קאָן דאָס אונדז מאַכן דערגרייכן.
(אָפּגערעדט פון דעם צי וואָלט געלוינט זיך
פאַר אונדז מענטשן, פלייש און ביינער
אַרטעריעס און בלוט, דאָס אויסצופירן
ווען מיר זאָלן עס אַפילו קאָנען.)
שוין צייט ניט איבערחזרן, שוין צייט פאַרגעסן
אַזאַ ליגנעריש זאָג ווי אַ שטייגער
„לאָמיר זיין ווי די זאַרגלאָזע כמאַרעס!"
איך באַנוץ זיך מיט דער שורה
נאָר דערפאַר ווייל מיין פאַרלאַנג איז
ווי זיינע נודנע ברידער דעם אויסדרוק אָפּטוישן.
זאָלן די איינפאַכע אומפּרעטענציעזע פערזן דינען
פאַר דעם מין פּרעפערענץ־אויסדרוקס אומעלאָקווענטער מצבה.

[דער הונט]

די פּילקעס פליען הין־צוריק אין שפּיל פון קינד צו
קינד בעת מיך האַלט עס אין נענטער נענטער שטופּן
מיט אַן אַכזריותדיקער האַנט אין צוקונפט נעפּל.
צו עמיצן באַשטימט אומאיידל מיטן רוקן

שטיי איך. און עמיצער איז צ יי ט, פאַרשוועכדערישע —
וויי! אוי וויי! — „וצדקתך", קאַרגע היפּאָקריטקע.
זי מאַכט פּילבאַנעס אין מיין לעבן. אָן איר שטירצן
וואָלט איך במילא ניט געהאַט קיין תקון.

און צו דער צייט ווען קינדער שפּילן זיך אין פּילקעס
שפּילט אויף אין מיר די בובנע טויז. איך מאָן (כאָטש איידל

נאָר ניט צווײדײטיק) פון דער זון מײן שײן. דער הונט לויפט
שטום, רעזיגנירטערהײט, פּיס־צווישנדיק דעם װײדל.

און װען עס שטומט אין מיר די מורא פאַר אַ פּיגצטער
װאָס טריפט דורך שויב װי לעצטע טראָפּנס פון אַ זיפּ,
פאַרגינט ניט מײן פּחדנות מאַנכן דינאַמיזם
אַנטפּלעקט אין מײן געלעגערס צאַפּלדיקן סקריפּ.

דאָך זי, װאָס זעט אַלץ צו פונויבן, ז׳פּאַרט לבנה,
צו װעמען ער, מיט אַגרעסיװער שפּראַך, אָן אַכט,
קומט בילנדיק — פאַרשװײגט — ביז װײטערן אויסטענהן:
אַ הונט, ט׳ער האַװקען װידער־װען אַנאַנדער נאַכט.

[„װי דורך אַ קעפּל פון אַ נאָדל״]

לויזגעזוימט די קעשענע מיט דרויבלעך בײם צוהאַפּט פון געװאַנט.
דער אַרבל פאַרװישט מיט פּרויקעס כראַניש סטרעמפּל.
„קומסט פון חדר, פּרויקע?״ — סאָסל צאַליעס איז פאַרגאַפּט
פון ליגנערישן ענטפער. „כ׳ל דיר שוין בײם טאַטן צושטעלן אַ לעמפּל.״

דעם ייִנגלס אומפאַרשפּיליעט פּאַלטעכן איז נאַטנוויז צעפּאָרן
(בײטאָג איז אין חדר אַנגעגאַנגען הײסער מסחר מיט קנעפּלעך);
פאַרפּלוסטערט און פאַררויגט די לאַצן, דער גאַנצער פאַרנט זײנער
פון סאָסלס פּיש, פון אירע קנישעס, אירע קרעפּלעך.

ראַזעװולקע פאַלדעװעט אַרום די שבת פּיס רב צאַליעס;
און סאָסל, צאַלקעס װײב און פּרויקעס מוטער,
פּוצט זיך אויס אין „אַצענעם ־ורנוס אין קלויז אַרײן צו גײן
און טרײבט פון הויז (ביז אויסנעמענס) דעם פּעטן קאָטער.

און מאָרגן רודעװעט שוין סאָסל צאַליעס אין קלײט.
פּרויקען נעמט דער רבי נגעגן. רב צאַליע אין אַ רײזע־בורקע

דעקט צוויי דריי דערפער מיט אַ טייסטער פאַרסאַליעטע פּיזיטלעך.
אין אָוונט טאַסקעט אים אַהיים דער בלינדער פליאַרקע.

דער סטעפּ איז ברייט. דער וועג איז לאַנג.
לאַנגער וועג. ברייטער סטעפּ.
אָ גאָט! די קלייט, דער ייִד, דער גוי, דאָס ייִנגל —
קריעה אויפן לאַץ; און אויפן אַרבל, קרעפּ.

[מאַרקירטע שטימונג]

זאָלכע ערנלייט ווי מיר רבותי
שטעלן זיך מיט ווינציק־וואָס צופרידן
צי ס'איז די עליה צי די מרידה
אָט ז'דער ווייַן און לאָמיר מאַכן אַ כוסה!
אַלטע העלדנס טאַטן קליינע גרויסע
פיבערן אין אונדזער בלוט געדודער
פון פאַרשידענעם פאַרמעסט: פאַרשידן
יעדנס ספּעציפיק — גענוג! עד־מתי?

רויז מיט שטעכלקעס פול, לאָזט זיך פּאַקן
בליציק ווען איר גלעט דעם סאַמעטראָזן
זיסן ריח: — אָ פאַרוואָס איר עכו"ם
זאָל דער אָפּרוף שטענדיק זיין געדעגלט
פון זאַך „שיין קווער מיאוס", „שטיל קווער העזה"
— שיינע הענט דערגאַנצט מיינט שיינע נעגל

[ליבעדערקלער]

ניט לאַרבער
ניט רויזן אין צעבלום
קאָנען היילן אַ האַרץ־מאַנסון

מיין פריינט, איידעלע דו, זאַזוליע
אַה!

איך אַ אוקראַינער פּעסטונעק
אַ מערב־באַדנדיקע זיניע דו

דערפאַר וואָס דיך ציט שטענדיק צו יאַדערדיקע זאַצן
האָב איך אין אַנזיכט פון אַלע געשפּרעכלעכע „פויקן און טאַצן”

געקאָנט דען אַנדערש ווי „אויסגיסן די באָד”
אויף אַ געגעבעכטער ליבע, מיין געפּוידערט נעזל —
אין געבליאַקטן צוויט (ווער לאַרבער?
ווער רויז?) אַפילו ניט קיין גרעזל

[פליג, פערד און שטאָרך]

זיי האַנדלען מיט באַוועגונגען
מעכאַניקער געזונט אַן אייזן אַלע:
אויף פליגנפּאַפּיר, אויף ערד, אין לופטן

מאַכט דען אויס אויב סענט־בעוו
האָט זיי פּאַרזען אין די „מאָנטיקדיקע געשפּרעכן”?
מיט איין אויסנאַם זענען צוויי
איינגעבירגערט אין „סיד”

אין אַ דאָרפישער סטאַניע
ביי דער קרעניצע
איבערן קלעפּיקן פּאַפּיר
אויפן פענצטער געזימס

צו פאַרענדיקן אַ קאָנסטרוקציע:
די שקאַפע ווערט זיך
קעגן די דערקיטשלעווע בייסערס
דעם הייסן מיטאָג

בויגנדיק איר נאַקן זייטנווייז
צו דעם עמערציער
טי ־ די ־ די ־ דאַם ־ טי ־ די

דער טאָג גענעצט
אין אָפּענטפער צו דער מוזיק
זיינע זוניקע ברעכנדיק פּיסקעס

[קאַוואַלעריאַ אורבאַנאַ]

שפּאַצירנדיק מיט דער פינפטער עוועניו
קנייפּט זיין בליק אויס מאַנעקענען
פּילט זיך דערשלאָגן
אין אָנשוי פון אַ וויטרינע מיט הינטלעך

רוים־ניט־סטייענדיק
פון קוק־טור וואָרט־און־בילד געפילדער
באַדויערט ס'טאַבואירן
פון געטאָקטע קאַרניזן אין די לעצטע געבויען

ניין, ניין!? יאָהאַן כריזאָסטאָמוס וואָלפגאַנג אַמאַדעאוס
קלינגט אַזוי אַגרעסיוו „פלײשיק" אין קאַרנעגי האָל
מחמת צוליב און איבער
דעם שפּעצערישן אָנשיקעניש אין דער זייט

[די צווייטע רעליגיאָזיטעט]

זוען טראַגעדיע לעבט איבער אַ מענטשן, לעבט זי אים איבער אין פּראָזע, ניט אין פּאָעזיע. מר. טייפלסדרעק, נרו יאיר, דער געטשמאָטשקעטער לייענער, קנייטשט דעם שטערן, לעקט איינצייטיק מיט אַ פּאַרקעלע אויס שפּינאַט פון צינערנעם שאָכטל, בלעטערט איינצייטיק אַ נישטיק ביכעלע, מיט נישטיקע אותיות. „ווי גייט געשעפט?" — „אַ דאַנק, ניט צו פאַרזינדיקן. און באַניך?" — „אַ דאַנק. דאָסזעלבע". — „באַווייבט?" —

„יאָ.“ — „קינדער?“ — „שייך זאָגן?“ — „און לידער?“ איך ווער איינגעשרומפּן פון דער פראַגע. ניט שעמעוודיקערהייט, נאָר פון פאַרוויר. „לידער? ווער פרעגט זיך נאָך אויף זיי?“ — „מיין ווייב וויל וויסן... זי איז מעסיק אינטעליגענט... פאָלגט נאָך דער נייסטער ליטעראַטור... נו, און קינדערלעך וואַקסן אונטער... גייען אין לייב ניידוסעס שול...“ — „שוין אָן אויפגעבויטע?“ — מע פלאַנעוועט ערשט. אַ ביסל געלט פאַראַן“. — לידער? „לייענט“, זאָג איך, „צייטגעגנאָסן אויף צו געפעלן. די טעפּ זידן דאָרט ביי זיי ווי די גזלנים. ווייזט אויס ס'קאָכטציך עפּעס אינעווייניק.“ — „דער,“ זאָגט ער, „איז באַנאַל. דער, קאָן ניט. דער, וויל ניט. דער, האָט ניט. דער — קאַסטרירט.“ — „וואָס ווילט איר, מאַרצי־פּאַנעס אונטער די ווערטער? גילדענע זייגערלעך אין דער יויך פון געמיט?“ און האַלטנדיק ביי קיך־ענינים פאַרשטענדלעך פּאַרזעט מען ניט דאָס ביסל אָפּפאַל אין צעבויגענעם עמער. „דאָרטן“, גיט ער אַ מאַך מיט אַן אויגל, „בלייבן ניט קיין אַביי״ס אומפּאַרענטפערט. די מוזיק דאָרט מייזלט זיך. כשוף? אַ לעק ניט. די כנופיות זענען וואַנצנדיקע. איר פאַרשטייט. כ'מיין לידער.“

ער מיינט לידער.

לידער זאָלן זינגען זאָלן הענגען זאָלן קלאַפּן זאָלן שטעכן זאָלן שפּילן
זאָלן שיינען זאָלן שיסן זאָלן שפּאַסן זאָלן קוצקען זאָלן שמעקן
זאָלן קלינגען זאָלן זענגען זאָלן וועקן

לידער זענען מורא פאַרן טויט.
טרייסט ביים לעבן.
אָנזאָג פון אַן אייגנמאַכט.
דער אייביק הערמעטישער פאַר־איצטיקט.
אַ קרוין דער אָנמאַכט.
אַ פייג דעם צעשטערער.

דע־פּראָוואַנס פאַר די אומגעהיילטע וווּנדן.
אַ פייערפונק קעגן דער קעלט פון קעלט.
אַ צאַצקע דער גאַל.

לידער ווי דראַבעס אויף שבת ביי זיי בלייב עס ——————

II

פאַר „וועלוועלען"

באַטראַכטונגען

וועז אַלץ וואָס איז ליבוועט וואָלט טאָן
זיין אין עבר
וואָלט עבר געגוגט; אָבער —
ווי דער אויסגוס פון אַ שטראָם
דעפינירט ניט אַלע מעגלעכקייטן פון טייך,
יעדער וואַסער־צוג, אָנקניפּנדיק זיך מיטן הויפּטגוס,
איז אַ נייע שיינקייט, צוגעקומענער קאָליר, פרישער זין,
אַן אינדיווידואַליזירטער רין־שליאַך,
אַן אָפּגלאַנץ פון פרישוואַסער
זיך אויסלייזנדיק אין טייכס גירן. און אין דעם שטעקט
אַ שפּאָגלדיקע נאָר־וואָס פון־דער־נאָדל ליבע. פון סאַמע אָנהויב שוין
מוז איך מודה זיין,
אַריינפלעכטנדיק אומפּאָעטיש,
פאַרעלטערט אַפילו קעגן צוגענגלעך פּרוגישן,
פאַרגלייך און ווענד,
מיט ווייטיק אויסגעדונגענע האַלב־אמתן, לויט די אומשטענדן.

ווייל אַזוי איז דאָס גאַנצע לעבן. און פון זיינע אומפּאָעטישע לענדן
שפּרינגט ווונדער אַרויס פון אומוווּנדערדיקע געוועבן,
אַ זעלטנהייט, אַ פּאַרצייטיקער גאָלדענער שקל
אומשאַצבאַר אין אַנטיקוואַרס אויגן,
אַ רעגנבויגן אין אַ זומער נאָכמיטאָג,
נאָך גרייפּלדיקן רעגנס פּאַרפּלייצן די שפּאַרעס
פון פעלזן, און געוויטערן פּאַרטאָפּיענדיק
גראָז הייכן און טאָלן — אַ לאָקנדיקע דערשיינונג
פון וואָס־ניט־איז וועמעס מאַניפעסטאַציע
פּאַרוואַנדלט ערשטווייליקן תוהו אין כשוף־אָרדנונג
אָדער נאָרמע־געשפּילט אויף די קלאַווישן פון זמרדיקן כאַאָס.

ווייל אַזוי איז דאָס גאַנצע לעבן. און צו ווידערהאָלן, אַ יאָקל טאַאָס,
צוגעבן עפּעס צו דעם ווערט:
אונטערשטרייכן פּונקטן וועמעס וואַקלדיקע קאַטעגאָריעס
זענען טעמפּ מיט היפּערנוץ פון שפּראַך, געדאַנק,
וווּ מיין איז אַריינגעשמוגלט צווישן רויזן
וואָס צוויטן הימלדיק אויף אייביק און אונדזערע
מיזערנע געשעענישן זיך קייטלענדיק אָן ציל.

ווייל אַזוי איז דאָס גאַנצע לעבן: ווונדערזאַם און סטאַביל,
אויסגעצערט און מיסבאַהאַנדלט, אומפעשענעבל אין צעריסענע טראַנטעס
און אין בגדי־מלכות אויסגעפּוצט.

איך, אומפּערזענלעכער מייסטער פון לעבן (וועמען עס דוצט),
רעגירנדיק אין מיין שוואַכן געזונטצושטאַנד,
פּאַרפּאָלגט, דערהויפּט, פון זיינע איראָנישע אָנצוהערענישן איבער
מיינע רגעס אָפּשטאַרבנדיק, מינוטן אָפּשטאַרבנדיק,
וואָכן און חדשים אויסרינענדיק אָן וואָס פּאַראַ קעגנשטעל
דורך יעדן אָטעמצוק און גלידנציק —

איך, מיסאינפאָרמירטער שלאַק, שוישפּילנדיק
אין דעם אומשטערבלעכן בדחנס (מק״ק סטרעטפאָרד־אויף־אַוואָן)
רעפּרעזענטאַציע פון דער גאַנצער וועלט אַלס בינע —

איך, דער יידישער מאַנעקען „פון לעבנס אימפּאָטענטער פּופּנשפּיל אין כינע״,
הוידענדיק זיך צווייגלמעסיק מיט בלאָז פון ווינט,
בעבענדיק אייזל־אַפירמאַציע צו דער לייכטקייט פון דעם עול
און צושטים צו דעם קריך־און־שלעפּ־און־צי פון דער הליכה —

איך, נעבעכדיקער זייפבלאָז, צעווירענע טפּה־סרוחה,
בייזהאַפט אָפּהענטיק פון דעם פּאַטומס אויסגאַנג,
צעגערער,
שטאַמלער,
און הינערפּלעט,
פאַרטרויערט צי דערפרייט — טרערנדיק,
אַזוי און אַנדערש מיט איין צאָק —

איך, מיסטיש אויבערשט פון רעליגיעזן שטייסל, פּיפּערנאָטער, באָק,
צוליב וועמען די זון ציט זיך פון איר פּיטערפּאָס,
געווערן וואָס ווערט צו ניט, אויסגעזייערט
אַ דאַנק דער צווייפּנימדיקער גאָט־און־מענטש אויפפּאַסונג —

איך, פאַרקערפּערטער שפּאַן פון יאָך, מיט מורא פאַר פאַרמאַסונג
אין מיינע אַנטצינדענע אויגן וואָס נישטערן נאָך דעם יחידס שטעג,
אָפּקאַפּאַרייענדיק ס׳ביסל באַשערטע יאָרן
מיט פאַרווינטער טרייסטלאָזקייט
וואָס טאָטשעט יעדן פעסטטאָג־דיך —

איך, מענטש, האַלט אין קווינקלען זיך,
זוך אין צייטלויף מיין פר׳עריקן שפּעטער
פון יענער טונקעלער דעטערמינירונג
וואָס מיינע עלטערן האָבן פאַרפּיקסירט
אין דער ליידנשאַפט־ירושה פון זייער גלות.

אָבער אַלע לויבווערטע זאַכן (איך נעם זיך אָן מיט מוט)
זענען ניט דעם עברס. — טשיקאַוו: ע ב ר — ווו האָב איך צוערשט
געהערט, אָדער שקאָציש דערשנאַפּט דאָס וואָרט?

מיינט עס עפּעס פאַר מיר, אָפּגעזען פון מיין גיין,
אומזיכער ווי דאָס קומען,
מיין געדאַנק — די פינקלדיקע בליצן פון מיין מאַרך,
אָפּגעזען פון יענע סודותפולע, שלאַנקע סאַלוטירונגען
פון מיין בלוטס שוידערהאַפטן „ווי גייטס" אין די נירן?
פון וואַנען וואָרצלט דער ביטערער,
פאַר מיר הוילער באַגריף פון דעם עבר?
איז ווען געווען „געוועזן" אויסער, א ו י ס ע ר ה א ל ב מיר?
וואָס זענען זיינע מאַגישע עפעקטן אויף מיר, אויב יאָ?
וועמען האָט ער פאַראונטערטעניקט,
וואָס זענען זיינע געזעצן?
קלעפּ איך זיך דערצו? איז מיין פינגער שטייף אַרום דער פען,
געפורעמט צוליב עברס עפּעס אָן עצם קאַפּריז?
איז די האַנט וואָס אָפּ־ט און צו־ט איבערן פּאַפּיר
פאַרמירט, אומפאַרמירט
אין הסכם מיט אַ צייט־אַטאָם פון דעם עברס גרעלקייט?

ס'איז דאָ, איך ווייס, אַ געוויסע „לעבעדיקע" פעסטגעשטעלטקייט
מיט נויטווענדיקע שלוסן אין נאַטור־וויסנשאַפטן
וועגן דער האַרבער פראַגע. איך קען די אַלע אָפּהאַנדלערישע,
יכוחהאַפטע דיספּוטן, און דאָך — איך,
ערשטער, אַנדערער און דריטער פריִער אויסגערעכנט,
זאָג זיך אָפּ דערפון, פאַרוואָר.

און ד אָ ס, ניט נאָר ווייס איך, נייערט פ י ל, ווי יאָר
פאַרגייט נאָך יאָר, גלייכצייטיק ריזלענדיק דורך אַלע געפעסן,
קאָנוואָלוציִעס, שפּאַרונעס און שפּאַלטן,
דורך אַלע מגושם־מעטאַלן וואָס שטעלן מיך צונויף,
פונקט ווי אַלע אַנדערע עלעמענטן, ניט ספּעציפירט דאָך אָנוועזנד,
אַזוי געגאַנטע, מיין באַגריף פון גערעכטיקייט,
עכטקייט
אַכטונג
שיינקייט

ווילן און ענערגיע
צוגעפּאַסטקייט און אַנשטענדיקייט
און אַלץ וואָס האָט צו טאָן דערמיט —
דאָס ווייס איך: אַז ע ב ר באַציט זיך אויף בבא־מעשׂות
באַשריבן אין ביכער פון חכמים
אויסגעשיילטע אין די פּעריאָדישע אויסברוכן פון צייטאַלטער
רעפּראָדוצירט פון יענע פּאַטע זקנים
וועמעס רום איז געווען צו קלייבן זשמעניעס מענטשנשטויב,
אָפּגעשטעקט אין מוזייען, ביבליאָטעקן, מאַוזאָלייען,
פּאַרטענאָנס, קלויסטערס, רוינען פון אוראַלטע ווינערטער

דאָך איך — ערשטער, אַנדערער, דריטער
דאָ אַזוי אומסיסטעמאַטיש אַנגערעכנט,
הייב ניט אָן צו וויסן, פילן עס,
בין ניט ד ע ר פ ו ן, פיל ווינציקער ע ס.

איך, שוידער־ליידנשאַפט געגעזונג פון אַ געוועקסלטן שאַך־און־מאַט־צוג,
איך האָב אויך פאַרזוכט צו בויען אויף שטיין מיט אונטערשלאַק פאַר ראַזורכע,
איך האָב אויך צונויפגעזאַמלט שערבלעך פון פאַרצייטיקע וואַסערן,
און ציגל פון אייביקן פעלזשטיין,
און שוועבל פאַר ליכט און וואַרימקייט צילן,
און סמאָלע פאַר פלאַסטערוועגן, וואָס פאַרלייכטערן אַ צוטריט —
אויפצובויען מיין טרוימלעבן, דאָך געוואַגט צו פאַרניכטן מיין טרוים.

אַזוי אייטלדיק צו באַשטעטיקן מיין געוואַגטקייט, אין צייט און רוים,
בין איך, ווייל מיין פאַרלאַנג איז הויפּטזאַכלעך
ל ע ב ן וו י ל ע ב ן א י ז;
ניט צונויפצולייזן אַ געשעדיקטן רינג
פאַרשטשאַבעט, פאַרלאַמפּיטשעט פון אור־דורות,
מאַכן מיין וויטאַליטעט אויפפלאַצן צום עכטסטן שוואַנגערפונקט
אין אַ וועזן...
....
וואָס האָט איך געגלויבט... און אַזוי ווייטער —

וואָרן צו זויגן פון דעם עברס אייטער,
אָנקייטלענדיק זיך אין עברס ספּרוזשינעס
ווערט אַלגעמיינלעך פֿאַרשטאַנען צו נעמען אין באַטראַכט די צוקונפֿט.
דאָך, פֿאַר אונדז איז לויבווערטיק בלויז דער א י צ ט,
וואָס איז אונדזערער, בעת טייכן זינגען דאָס לעבן פון זייער איצטיקן שטראָם
און זייער מורמלענדיק רײזלען איבער מאָך, טשערעפּאַכע און שלייעז
איז זייער א י צ ט, און א י צ ט איז דער נאָמען פון הימלען
אין דעם הויב פון בלוי; און א י צ ט זינגט דער שניישטורעם
זיין פרירנדיקסטן ווינטער־שיר; פֿאַרשלינגט דער שלאַמבאַן
פֿאַרביירעאָלנדיקע מאָטאָרן וועמעס גורל איז איילעניש פון ערגעץ ניט
אין ערגעץ ניט; גלימצערט דער לאַנדשאַפט ווי אַ טויזנט־צענטנער דימענט
וועמעס רעמל איז די זון, פֿריש פון אַ לקוי־חמה.
א י צ ט איז פֿאַראַן בלויז א י צ ט און א י צ ט.

ניט אַלע לויבווערטן וואָס דער עבר שמיצט
אָפּ פון זיך אין טויבנשלאַק פון צוקונפט קאָנען צעטאַכליעווען
דעם א י צ ט אין וועלכן מיר זיצן אויף אַן אויסגעבעטער
גרינער קאַנאַפּע, מויל צו מויל און היפּט צו היפּט געהעפט,
מיט צונג וואָס ראַזשעט אין פֿאַרגעניגנס באַק,
באַרוישט אין אַלץ וואָס איז א י צ ט. מיר וועלן זיך, אַגב,
צוריקציִען אין אַמוזאַנט־באַזאָרגטער ליבשאַפט
איינער וועגן צווייטן אין דעם א י צ ט, א ו ן ד אַ ן,
אויפשטייגן געוואַשענע אין דער נאַכטס טרוימגענוס,
צו באַגריסן אַ ניי אויפגעגאַנגענע זון.

דאָס ליד פון מיין שוואַרצן ברודער

ער איז געקומען צו מיר, מיין שוואַרצער ברודער;
זיין „הויז פון גאָט" גרענעצט זיך
מיט אַן אַנאַבאַפּטיסט־אוהל
און אויבן פאַרקויפט מען שקלים פון פאַרהאַפטן מאַרקוס גאַרוועי.
איניינעם צאָלן זיי בסך־הכל
(שטוינט!)
ביי היינטיקן יקרות אויף לאָקאַלן
קאַרגע הונדערט אַ חודש
אין אַ פאַרוואָרפענעם עק לענאָקס וועניו.

אַ געפלעקטע סמיכה פון אַ נדבה־זאַמלער
מיט אַ געפעלשטן אַדרעס פון אַ געפעלשטער „חברה"
האָט פאַרפעלט מיין האַרץ פון סקעפּטישער געניטקייט.
זאָל זיך וואָרים אָפּרופן מיט אַ פּיזיטל, זילבערגעלט,
צי ניקל („געבן זי, מיין ווייסער ברודער, וויפל־ניט־איז.
אין אונדזער געמיינזאַמער תורה איז יעדער געשאַנק
אַ געשאַנק, דער גרעסטער ווי דער קלענסטער").
ער האָט פאַרזוכט צו עטאַבלירן אונדזער ביידנס יידישקייט
מיט הייליקע ציטאַטן. אין די ווענט פון מיין הויז
האָט אָפּגעקלונגען מיט שיר־השירים. זיינע ליפּן:
„כרמי שלי לא נטרתי." מיין ווילינגערישקייט:
„ י ש ק נ י " — אָבער מיין נבול־פּה האָט געקראָגן צוריקגעשמיסן,
און געלייטערט זיך באַהעפט מיט זיינע זינגעוודיקע ברוינע ליפּן:
ער האָט אויפגעכאַפּט — מנשיקות פיהו וכו'

ער איז געקומען צו מיר, צוערשט אַ שוואַרצע קראָ,
מיט שוואַרצע פּאות, שוואַרצער באָרד, און שוואַרצע אַפּלען,

מיין טונקל־הויטיקער ברודער. אָבער ווען זיין שוואַרצקייט
האָט צוריקגעוואונען ס׳גלייכגעוויכט מיט מיין ווייסקייט
(אַלס סימבאָל בלויז, ווייל מיין הויט איז גאָר געשפּריינקלט)
האָט ער אָנגעהויבן, מיט דער באַסאָווער שטים,
הללויהדיק
אַזוי צו זאָגן:

„כ׳וויל דיין ווייסע הויט פאַרמעסטן מיט מיין ווייס געוויסן.
ניט קנאה פון דעם מערדערישן טונקל
לויערט אויף מיין ווייסן ברודער, דיר, נאָר ס׳פליסן
פון דערזעלבער עטאַס־לאַווע אין אונדזער בלוט;
אונדזער עתיד טראָגט אויף זיך דעמזעלבן מום־קאַרבונקל,
אויףביידן גליט דער ברי פון שונאס רוט.
ניט שוין האָסטו קיין מגע־ומשא ניט מיט מיר
ווייל ס׳איז אונדזער פאַרשיידנקייט הויט־טיף?
פאַלש מעג זיין די טינט, פאַלש איטלעכס וואָרט אויף ד ע ם פּאַפּיר
זוי היליק־אמת ס׳וועקסל פון אונדזער יחוס־בריוו.
אָנונסטן דאָ אַריינגעקומען אין אַ הויז
ווו געפּלעקט איז אַלץ — דער לעבנס־שטייגער,
בליק אויף זאַכן — ווייס בלויז דער באַגריף פון זייער הויט;
און עקל האָט זיי אָנגעכאַפּט צו מיר ווי איך וואָלט זיין אַ ראָץ, אַ לויז;
כ׳האָב (איך קלאָג זיך ניט) אַ רגע
פון גסיסה־צאַפּלען דאָן אין זיך אַריינגעזויגט.
כ׳בין זיי נאָענט, יענע: רייניק זייערע אָפּטרעטן,
טרייב די פערד ביי זיי אָן, שייער זייערע הינטערטירן;
מיין ווייב איז וועשנע דאָרט, פאַרבעט די בעטן,
קריגט דער באַלעבאָסטעס טראַנטעס — סוּווענירן
אין צוגאָב צום מיזערנעם לוין. זיי דולדן אויך
מיין זון אַלס עלעווייטאָר־, באָן־, האָטעל־יונג; און מיין טאָכטער
טאַנצט אויס זייער לײדנשאַפט אין קאַבאַרע־סיגאַרנרויך
מיט ברוינער רעגונג פאַר אַ בונטער שמאָכטע...
...געגוג צינז געצאָלט דער שרץ־ניגער?
בין איך דערצו אַ ייִד, און מיר איז ליבערשט ׳קול״ ווי ׳יד׳:

דזשעק דזשאָנסאָן ז׳קיינמאָל ניט געווען מ יי ן זיגער
און פלאָרענס מילס ׳ניט איינגענומען האָט מ יי ן ב ר אָ ד׳.
נאָר טאָמער קומט מיר אָן אַ גרוס פון ווייטע קאַנטן
ווו ס׳ווידמעט זיך אַ חלוץ טריי דעם לאַנד פון שמן־זית
קומט מיר אויף אויך אַ פ ר י ק ע מיט אירע וואַלד־גיגאַנטן,
טשערעט־כאַלופקעס, פוטערניס און שבט־ריטואַל־העויות.
איך בין צעצווייט: מיין גליק טראָגט אויס
אינסטינקט פון לאַנד ווו כ׳בין געבאָרן,
זיך אָריענטירנדיק אויף פעל און עלפאַנטביין;
און ס׳מאָנט אויך ׳מילך און האָניק׳ אַן אינטויטיווער אויפברויז
ווייל כ׳בין ב ן ־ א ב ר ם, לויט פיל עלטערע לאָרן,
קעמפנדיק מיט אַפריקאַנער ווייסלען, יאַסלעס, ציין.
אויך דו ביסט ניט דערזעלבער ד ו ר ך וואָס פריער —
דיין גורל רינגט בלויז אָפּ ג ע ש י כ ט ל ע ך מיט אַן אַנדער פלוס:
מיר זענען איין גוואַלדאָוונע וועזן בלויז מיט אַנדערשדיקע ריסן;
שוואַרץ מיין הויט — שוואַרץ אַמאָל דאָס האַרץ אין דיר,
און כדי מיר זאָלן ניט פאַרלירןביידע אונדזער עטאָס־מאָס
וויל איך דיין ווייסע הויט פאַרמעסטן מיט מיין ווייס געוויסן——״

ער האָט גערעדט... און קלאָרעוודיק אַ פלעמעלע
איז אויפגעגאַנגען, הילנדיק אונדז ביידע:
איינער אַ געפיטערט לעמעלע;
איינער, אַן עקדה.

עקס

די פּאַריזשער וועגן זענען שאַ.
זענען שאַ.
זענען שטיל.

„פּאַכאַזשע."

ענלעך די פּאַריזשער וועגן
זענען שאַ מיט דעם גרויסן לאַרעמשאַ
קריגשאַ, קאַמפּשאַ, ראַשראַששאַ.
ענלעך זענען די פּאַריזשער וועגן צו דעם גאַנג פון די מזלות
אויף די דרעמלענדיקע הימלען מיט דעם אָנלען, מיט דעם גלי,
מיט דעם פיינעם רונדן אָנלען, און געגלי
פון אַ פייערדיקן שאַ,
אַ געבלוטיקטן, געזאַלבטן, אַ ניט גילטנדיקן שאַ.
רק אַ קירזשנער מאַכט אַ היטל,
און אַ רימער רייסט אַרויף דעם דאַשעק צו דעם לופטבאַלאָן.
ווערזשע פליט עס, ווערזשע פאַרגעט,
קירעוועט, מאַשטאַלערט,
שלייכט זיך אין דער נאַכט פאַרביי מזלות טויזנט ליכטיק אָנגעצונדן
און שלינגט אין האַוועדיקן מיטנדרינען פּאַסמעס אייביקייט אין לופטן
מיט אַ לונג וואָס איז צעלעכערט, מיט אַ לונג העט אָנגערירט?
רק אַ פופצן טויזנט פוס וואָס מיינט נאָך ניט אַז ס׳איז צו הויך
הייבט זיך ערדענע השגה איבער ערד ווי אין אַ ספּאַזמע קוימענרויך
(און ס׳איז זיך פון אַ ניט־געווינטשטן גראַם — אַ פּחד! — גאָרניט אויסצוהיטן).
אויף די ליכטיקע און בלאַטיקע קליינשטעטלדיקע וועגן
פון דער גרויסער שטאָט פּאַריזש וואָס האָט אַ שם

ווי סדום
ווי שכם
ווי אַ הינטערהויף מיט אָפּפאַל און אַ שניטל זונשיין צווישן צישנדיקע ווענט.
אונדזער וועלט איז נאָך ניט אַלט, און קיין באַשעפעניש אויף צוויי פיס
אויף פּאַריזשער וועגן וועט ניט גלויבן
אַ דראַכמע אַז זי׳ז ניי.
ניט ניי, ניט אַלט, איז זי פאַרביי.
ווייל עס איז שאַ
שאַ
שאַ
(און כאָטש איך וויל ניט וויסן
פּונקט די מינוט אַז אַלע ליאַנדע האָפנונגען אין מיין געמיט פאַרימערט זיסן
לעבן אויס אַ קרובהשאַפט פון איינצלמענטש מיט אַ געוויסן הויז אין פּאַרק,
אין פּאַרק ווו כ׳זע מאַרצאָווע סנאָסטן,
ב יי מ ע ר ווי מאַרצאָווע סנאָסטן
שטרעק איך זיך, און פּיפּס, און רוף, און ענטפער אַ צעכעסטן
שאַ! אויף די פּאַריזשער וועגן
וואָס קומען מיר אַנטקעגן
און זעגן
מיך, און שיבן מיך, צעדראַלן מיך, וווהין איך טו זיך נאָר אַ קער)
איך הער
דעם טלאָזיק פוסיקן קוים־עכאָ פון פּאַריזש באַרימטן פּאָון.
דאָס האַרץ איז אים פאַרגאָן
אין איבערדריסיק שלימען טע.
ביי אָווידן, דער הייד. דער דיכטער — ביים פּאַריזשער מאַלאַרמע
שפּרענקל אונדז דעם אָוונט אויס מיט אויסגעשטערנטע מתנות.
זאָל מיין צונג ניט זיין געשטרויכלט מיט לעסטער און מיט שפּאָט.
איך וויל אַזוי דערלאַנגען מיט מיין אייזהאַרץ אַלע מענטשלעכע אמונות.
איך גאַר אַזוי פאַרבלאָנדזשען אויב אַפילו ניט אומיסטן אין דעם היכל פון
אַ ווערטפּול כאָטש ווי קליינעם גאָט.

ווער טשאַדעט מיר פאַרביי דער נאָז מיט אַפּיקורסישע געדאַנקען
און זוכט ביי מיר אין דמיון זיך אַ נעסט פאַר אַן עמפּירישן באַנעם פון וועלט?

איך שטאַרב פון הונגער און פון דאָרשט ביי מיר די צונג טוט קליאַקנען.
כ׳גיי ממש ווי אַ שאָגע ליכט אין ווינט אויס פון דער האַרבער קעלט.
נאָר ניט אָפּטרעטן די פּאַריזשער וועגן,
די בערלינער, ווינער, ווי בראָדווייער וועגן,
די שטראָזן ווו עס שלייכט זיך שעמעוודיק אַ ניי געשטאַלט פון לעצטן
מאָדע אַנשטאַלט פלינק געטראָגן.
איך וועל זיך פּלוצים ווי פאַרווירט אין שאַ אין זייערן צעיאָגן
און ס׳וועט ביי מיינע טריפעדיקע פאַלעס אין פאַרבלאָטיקטן געשפּאָט
זיך נאָכשלעפּן, אויך אין וואַנזין, אַ לאַנג שוין ניט דערקענטער גאָט.
(און כאָטש איך וויל ניט געבן
קיינעם גאָרניט פון מיין מיזאָם זיין, וועל איך פאַרוועבן,
אפשר וועל איך גאָר פאַרוועבן אין פאַריזשער וועגן שאַ
אַן אָטעמצוג, אַ הער, אַ הויכעלע, אַ קוק, אַ דראַנג, אַ פאַ
וואָס זאָל שוין קאָנען ביישטיין אַלע קינפטיקע מהומות פון יעדן מין אויסראָט.
און דאָרט, און דאַן וועט צו מיר לאַשטשען זיך פון ביימער, גרעזלעך,
זשאַווער שטיקלעך פאַר מיין טיר, און בראַך אויף די פאַרלאָזטע שטעגלעך
אַ לאַנג שוין אַנערקענטער, אויסגעדינטער, אַלטער אייביק יונגער גאָט.)
די פאַריזשער — אָבער כ׳שטרעב זיך ווענדן צו אַן אַנדער שטעג.
בלויז זיין מיט דריבנע ערשט אַרויסגעשפּראָצטע גרעזלעך
פילט מיך אַן מיט פאַרגעניגן אַן אַ ברעג.
זונטיק. זון.
מאָנטיק. מאָן.
רועץ זונטיק?
מאָנטיק טאָן.
אויבן פליט אַ פישיק פאַרמיקער באַלאָן.
גרעזלעך נייערט וויסן ניט פון זונטיק, מיטוואָך, פרייטיק,
ווייסן בלויז פון בליען, וואַקסן, ווערן צייטיק
און פאַרגיין
אַן עמיצנס אַ שטילן קרעכץ, אַ הויכן וויין.
און אויף וועגן פון פאַריזש, און ענלעך גרויסע שטעט
גייט מען אום אויף וואַלקנקראַצער קאָפּפאַריסן, לייענט מען בלעטער, ביכער,
אַ זשורנאַל, צי אַ פאַמפלעט.

און אין די ווינ־ פאַבריק־ קאָנטאָר־סטראַשידלעס איז פאַרשטיינערט אַ
געבאָט
אַז דו זאָלסט מער, מער ניט גלויבן אין אַ הײדן־ אָדער וואָסער אַנדער גאָט.
און דער טשאַקנדסטער באַוויז איז אין פאַמפלעט, בוך, צי זשורנאַל, אָדער
אין דער צייטונג. שרייבט די פלימאַשין:
„דער אַלטער גלויבן האָט מער שוין, שוין ניט דעם מינדסטן אורזין."
שרייבן שרייבט זי עס גאַנץ ריכטיק מיט איר שווימענדן באַראַט
אויף די הימלען פון מלאָכים, ביי דער שוועל פון יעדנס גאָט.
אַך! דער פאַון;
דאָס האַרץ דאָס אַלטערטימלעכע איז אים פאַרגאַן
און ס׳ווייסט ניט ווער ווו זיינע איבערפוילטע ביינער וואַרטן אויף דעם
שופר־של־משיח
ווען צייט וועט זיך אויסלעבן ביז צום לעצטן דאַטום אין דעם לעצטן לוח.
(און פאַר מיר, וואָס וויל ניט איצט פאַרלייגן
אַ האָפנונגל אויף ווייטער שפּעטער וואָסער קינפטיקייט
ווייל כ׳בין צופרידן מיט דעם איצט, און שוין, אָן תנאים,
שיינט מיין שטיקל גראָזיק שטחל
אַזוי אַנגענעם, און ליב אַז כ׳זע אָן אין דעם קינדער־קאַראַהאַד
וואָס טאָפּטשעט זיך ביים אומפאַרגרויזטן בידנע אָפּגעלושעט װעלדל
דעם צאַרטן אַנווייז־פינגער פון נאַטור דעם גאָט.)
איך שפּאַן, און איבער מיר די לופטמאַשין.
וווהין?
וווהין פאַרמעסט זיך איר הויך ריטמדיק געשווים און מיין געשטרויכלטער
פוסטראָט,
איר מאַשינאָווע מאָטאָר און מיין האַרצפּולס זענען איינעם שאָ און שטיל
פאַרמאָסטן בלויז צו גאָט־צו און צו גאָט.

פאַר אַ בלאַסער פּאַווע

א

(ערגעץ: איינמאָל: און ס'איז געשען —
אין אַ לאַנד וואָס ליגט צווישן אַ הויכער „פאַרענהייט"־
וואַרעמקייט און אומגעמאָסטענע, אומגעהויער היציקע געהירן —)

גרונט באַשאָטן מיט אַש־פלאַנצן.
אַסטראַלע כימערן

— דאָרט שפרייט זיך אַ גרויסער פייער־ים מיט פלאַמען־פּאַליעס,
האַלט אין איין אומאויפהערלעכן זידן פון אייביקן געבערן.

(אַש־פלאַנצן
היציקע געהירן
אַסטראַלע כימערן)

צינגל־פלעמלעך בלעזלען אויף שוים־פאַנטאַנען
רויכיקע וואַסער־וואַלן אין אַ לאַנד ווו עס שפרייט זיך
אַ גרויסער פייער־ים.

אַ ציטערדיקער קרענקלעכער שטראַל
צאַנקט
צאַנקט
ביים ברעג פון פייער־ים
און יעדער בלעזל־שוים וואָס שפרודלט אויף אין אַ פאַנטאַן־ווירוואַר־קאַראַהאָד
פון שוים־בלעזלעך און אַש־פלאַנצן־גירלאַנדן פאַרטרענקט אויף אַ ווילע אַלע
אַסטראַלע כימערן.

אָ, צופעליקער גאַסט פון זעלטענעם לאַנד

(ערגעץ: איינמאָל: און

ס'איז געשען)

וואָס האָט מיר אויסגעטראָגן מיין „פאַרענהייט"־וואַרעמקייט אין צעגליטן מאַרך־בליי.

מיין סיביל

מיין פייער־ים טויב

ברעכסט אַרויס פון שפרייענדיקן שוים
בלעזלדיקע גירלאַנדן
אַוועק פון די אַש־פלאַנצן
דורך די אַסטראַלע כימערן

ביז דו דערפילסט זיך פריי פריי הויך
הויך איבער די לופט־קנוילן פון פייער ים
— סיביל
מיין שוים־שפרייענדיקע טויב.

ב

שווער באַלאָדענע שיפן מיט צימרינג אונדזערע שפיצנעגל צו ברוינען. ווייַן אין ציינערנע לאָגלען פאַר אונדזער פיין־זיסער נאַכטס סודותדיק געריכט. אַ הערבאַריום מיט סם־גראָזן — אונדזערע אָטעמס צוקנדיק דעם הויך פון אייביקע טרוימען: שווער באַלאָדענע שיפן

(פון וויַיטן ברעג שלאָגט צו אַ דעליריעזער
היציקער שירה־געזאַנג
שלאָגט צו אַ ציטערדיקער קרענקלעכער שטראַל
און עס ענטפערט אָפּ די סירען פון שיף
די האָפנונג ווערט ליכטיקער און די האַרץ־
[פייער־ים]־וואַלן שלאָגן האַסטיקער
באַנגער)
(— אַך די ליכטיקע האָפנונג.

— אַך

דאָס האָסטיקע באַגערנדיקע בענקעניש)

זעגלען איבער די פאַליעס־טרעפּ פון פייער־ים
זעגלען מיט פילפאַכע פאַרבן פון פאַווע־עק. זעגלען מיט שווער באַלאָדענע טריט. סוויש־סווישן. איבער גלאַטע פליסיקע טעפּיכער פון פייער־ים. זעגלען ברענגען היילונג פאַר דיר
ציטעריקער קרענקלעכער זון־נימב
פאַר דיר
מיין סיביל
מיין פייער־ים טויב.

ג

(דער קראַנקער שטראַל ציטערט אָפּ ביי דיינע עקסטאַטישע פיס
סיביל)

ס'קלינגען אָפּ קלאַנגען

(ערגעץ)

גלאָקן־קלאַנגען

(איינמאָל)

טומאָה־קלאַנגען אין אַ לאַנד וווּ ס'איז געשען

(רו־קלאַנגען).
— דער ציטערדיקער שטראַל האָט פאַרלאָזט שוין די אַסטראַלע כימערן. עס וואַכן אויף פאַר זיינע קרישטאָלענע אויגן די גרונטן צעבליטע מיט אַש־פלאַנצן אין לאַנד
(אין אַ לאַנד וואָס ליגט צווישן אַ הויכער „פאַרענ־הייט״־וואַרימקייט און אומגעמאָסטענע, אומגעהויער היציקע געהירן —)

סיביל מיינע
שוים־שפּרייענדיקע טויב

פון די שוים־פאָנטאַנען — צינגל־פלעמלעך בלעזלען רויכיקע וואַסער־וואָלן
אין אַ לאַנד ווו עס שפּרייט זיך אַ גרויסער פייער־ים
— און דער ציטערדיקער

קרענקלעכער שטראַל
צאַנקט
צאַנקט
איינזאַם ביים ברעג פון פייער־ים און יעדער
בלעזל־שוים וואָס שפּרודלט אויף אין אַ פאָנטאַן טאַנצט ווילד
סיביל־גלייך
סיביל —

קראַנקע
ציטערדיקע סיביל.
— אָ, צופעליקער גאַסט פון זעלטענעם לאַנד
(ערגעץ : איינמאָל

און ס'איז געשען)
וואָס האָט אויסגעלייזט דיך
ציטערדיקע
שוים־שפּרייענדיקע סיביל
און מיך
דעם

קרענקלעכן
קרענקלעכן
ציטערדיקן
ציטערדיקן
זון־נימב
מיין סיביל מיט אויגן ווי אַש־פלאַנצן ביינאַכט
אין שאָטנלאַנד פון דערהיצטן מאַרך
מיין שטילע קרענקלעכע טויב
ווי אַ זעגל וואָס גליטשט זיך
אין גרויסער פלאַמיקער געפאַר
צום ברעג פון מיין וואַנזין־לאַנד
אין די רוישיקע בלעזלענדיקע וואַסערן
פון „פאַרענהייט"־פייער־ים.

(ברעכסט אַרויס שפּרייענדיק פון
שוים־בלעזולדיקע גירלאַנדן
אַוועק פון די אָפּגעבליטע אַש־פּלאַנצן
דורך אַסטראַלע כימערן
ביז דו דערפילסט זיך פריי פריי הויך הויך איבער די לופט־קנוילן פון —)

— ערגעץ: איינמאָל: און ס׳איז געשען:
— אין אַ לאַנד ווו אַ ציטערדיקער קרענקלעכער שטראַל
צאַנקט
צאַנקט

סיביל
אָטעם־פאַרכאַפּנדיקער
פאַרווירנדיקער אָנבליק פון מיין סיביל־טויב.

פרילינג־אָדע: אַ פּאַרזוך

PAPYRUS
Spring ....
Too long ....
Gongula ....
—**Pound**

געוועזן זענען זיי
צוויי
און דער שניי.

געמאַכט אַ סוף דערפון
האָט די זון
—**גאָטה**

אַך דער שניי———
אַך די זון———

די צייט איז אַ פּראָיעקטירט זומערדיקע.
טל־ומטר סעזאָן.
דער בעז בליט באַלד, באַלד.

מ׳קאָן שוין הערן די שוועלבעלעך ווי זיי —
זאָלן מיר זאָגן, שטעלן אָן די העלדזלעך?
פּיפּסן, פּישטשען — זינגען, זינגען זיי יעדנפאַלס ניט.

וואָס נאָך אַ שטייגער:
אַריינוואַרפן אַ פּאָר ווערטער וועגן ביימער אין אַלגעמיין?
די מענטשהייט אין אַגלאָמעראַט,
באַניי?

פאַרלעך געליבטע קאָנען אַלנפאַלס ניט שאַדן.
אָבער דאָס האָט מער צו טאָן מיט אומעסטעטישן נאַש
ווי מיט אַנשטענדיקן דעקאָראַטיוון פאַרדייען.

וואָס נאָך: —
דערווייל ז׳דער שניי צעגאַנגען.
די זון פאַרגאַנגען. לעבלעך די לופט.
קאַלטלעך טאַקע אויף אַן אמת.
צו שווערן אַז ס׳ברעכט די ביינער, אַזאַ ביטערע קעלט.

און דאָס, מיט אייער גאַלאַנטער דערלויבעניש,
איז אַ פאַרזוך אויף אַ פרילינג אַדע.

וואָס, געפעלט אייך ניט?

אַהאַ, איר מיינט אַז דער קאָדעקס פון אָלימפּישן מפרעט
איז ווי־אַרום פאַרלעצט: אַמווייניקסטן זענען
פאַראַן שטשערבאַלעך אין געזאַנג־אינסטרומענטס שאַרף —

אייך קומען אויפן זין
׳שידנערליי באַרימטע געדיכטן פון סעזאָן —
זיינע טעג,
זיינע נעכט —
(לידערשע, ביכלדיקע)

(איר ווייסט, איך אַליין טראַכט אָפּטמאָל פון דער רייכקייט פון דער צייט
וואָס דיכטער, אַלע צוזאַמען, האָבן געמאַכט פון אַלע פרילינגס אין ראַנישן,
פראַנקן, פּעזאָס, לעיס, רובלס, מאַרקן, יענעס, דאָלערס, פונטן)

וואָס, געפעלט אייך טאַקע איינמאָל פאַר אַלעמאָל נ י ט?

מיר פערזענלעך, ווי אַמאָל.
אַזוינאַזוי.

ס׳געווענדט זיך וואָס איר מיינט.
וווהין איר צילט.
וואָס איר באַצוועקט, פאַרלאַנגט און ווילט.

(דער גראַם איז מער עכאָלאַליע ווי עכטער פריילינג־כעך)

דאַך, זעט. פאַרגעסט אָן אַלץ. געדענקט
בלויז איין זאַך: פ ר י ל י נ ג מיינט פּראָיעקטירטער זומער.
ווי אַלט — פּאַרט, וואָרהאַפּט, פריילינג־פּליסיקייט פאַרשווענקט
יבשה; געמיט פון פריילינג—קומער.

אַ קימאַ־לן:
יבשה (רעאַלגאַר און גראַפּיט);
גרענאַדין דרינגט שטופּנווייז אַריין אין צוויט.
ערשט תמוז ברעכט אויף העלפּט דעם פּורפּור־ברוין סעזאָן.

האָט פריילינג שטאַנדהאַפּטיק געמאַכט דעם דיכטער־מין
צי שטאַמט זיין רענאָמע פון ז יי?
ווער איז עלטער: ה ו ן
צי א יי?

צו נעמען דיכטערשן רעוואַנש:
דער הימל איז פון זאַקסיש־בלוי —
לאָמיר אים באַזינגען דאַדאַיסטיש, אומגעגנוי
אין סטאַנסן אַפּריקאָז־אָראַנזש!

פריילינג ז׳אויך דער אָנהייב פונעם סוף:
גינגאָלד גילט ניט ווען ס׳איז ניט פאַרמעשט
(אַ גראַם־מעטאַל): אַ ד ר ו י ף
און ר ע ש ט.

דער לעצטער סטאַנס פאַררעדט
די ציין, קאָנצענטרירנדיק זיך בלויז

אויף גאָלד־מעש: ד ו ר כ ו י ס
ר אַ נ ע ט.

פּרילינג קאָן אויך הייסן פסחדיקע מצה וועלכע (גראַמיק: וואָס)
ווערט אין שמאַלץ געפּרעגלט. אויך — אַ בורעק־קעזל.
צוליב קאָנטראַסט, נעמט: (אַלאַן פּאָ) אַ ווינטער־נאָז
און (איילין פּאָ) פּרילינג־נעזל.

אין פּרילינג חמץ־רייך:
צימרינג אין די קיכלעך,
זאַפּרען אין די חלות —
אַלע מיידלעך ווערן כלות;
ל״ג בעומר גיט קוראַזש פּאַר נייע א י כ ל ע ך
(פון אַלעם לאָזט זיך אויס אַ טייך).

אָבער טייטשן פּרילינג ד ו ר ך פּרילינג
איז ניט פּאָעטיש: בילדער־בלאָס און אָנונג־אָרעם.
וואָס איז פּרילינג? מינדסט גרעזל וואָס קאַלופּעט זיך אַרויס
פון דער (גראַמיק) מוטערערד־שויס,
אַ גרעלער רויער פויזנדיקער וואָרעם —
ד אָ ס איז פּרילינג. דאָס איז ב אַ ל ד פּרילינג.

געמיטלעך לויזער אָפּצאָ פון אָפּצאָס
פון דערוואַקסענע, פון קינדער אויף דער גאַס;
הנאהדיקער בליק וואָס שנײַדט אַוועק אַ היפּשלעך רייפטל הימל
און שלינגט עס, מיט האַרץ־סובסטאַנץ געווירצט שטאָט קימל;
ווען געפיל־אינדן פּאַרפּלייצן דעם פויל־מער־פוילערשווערנדן
גערדאַנק,
גענעזנדיק די חושים, בלויז שכל־הישר עטוואָס קראַנק,
אָנגעפּוישט (ערשטווייליק—ווינטער) מיט פּאַרלאַנג
פּאַרלאַנג **פּאַרלאַנג**
ד אָ ס איז פּרילינג. דאָס איז שוין א פ ש ר פּרילינג.

די נאַטור, מויללאָזע, רעדט מיט שענסטער שפּראַך
און מיר, צונג־באַשאַנקענע, זשליאָקען, כליעפּטשען, ציִען
אַלע אירע זאַפטן (לאָמיר פּילן ווי צו קניִען
אין דער פרייד). פּלוצים, אַ צעשמוך און אַ צעלאַך
זיך גיט אין פּנים אונדז — וו ע ר? — זון. גיי, מאַך
עפּעס מיט איר! ווען ניט די ערד זיך מיִען
זאָל פאַר אונדז וואָלטן מיר געברענט ביז טליִען
גענומען אַשיק — שטויב — אויס. נייערט ווען די זאַך
מיט זון־בראָט הייבט אָן ווערן ערנסט, קומט
די ערד, ראַטונעק אונדזערער, און מאַכט קלאָר
דורך רזין־דרזין איר: „מיין זון, מיין יִ נ ג ל י נ ג־
טאָכטער, — טאַקע דאָ־און־דאָרט רינט זאַפט, זומט
אונטער אַ געווידמעניש, פאַרבן פלעקן זיך, נ אָ ר:
דאָס איז פרילינג. אינגאַנצן ל י אַ ד ע פרילינג.״

און אויפן שניי איז אַ ליכטיקער רחמנות.

און די זון טוקט זיך אין מיאַזמע.

און דעם פּאַרל וואָס פאַרלירט זיך דעם פאַרנאַכט
אין סקעלעטאָנישן גאָרטן, אַט דעם ווונדעראַלגעמיינלעכן סעזאָן
פון וועלכן מיר שמועסן דאָ

(און עמיצער וועט אים נאָך ממש באַזינגען,
לייגן ריטמיש־גראַמענדיקע פּערזנקרענץ
צו זיינע ווינטערפּיס אין זומערקאָפּ)

יאָגט דער צוציק־פרילינג נאָך מיט פּלענציע־פּליסיקייט
לונגען־אַנטצינדונג לופט —
אין בעסטן פאַל, מיט פאָרונג־דריזן לויזע צו פאַרקרעמפּעווען.

און ד אָ ס איז פרילינג.
און ד אָ ס, מיט אייער מיטלייד און באַוווּנדערונג
א י ז ע ר ש ט פ ר י ל י נ ג.

קליינע אַנטאָלאָגיע

די גאָלדענע קו האַטאָר

אונדז שיפּיעט נישט דער ריינסטער געלער מעטאַל:
מיר האָבן פרייד, און מורא, און קינדער,
די אייטערס אויפגעדראָלן מיט ריינסטער קראַפט פון מילך
צוכט און שטאַרקע ווערטער „פאַר אונדזער קיום."
ליבע מוטער! גאָלדן קועלע! שטאָלצע ערדאַ! זעליגע מאַיאַ —

משה רבנוס
רעטערנס
פאָטערס
אָבעליסקן־פעניקס לאַנדס בלענדיקע האַטאָר!

דער טויט פונעם געשפּרעך—דער קאָמענטאַר פונעם געשפּרעך

און יענע וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזן אויף נסים
שטוצן אום מיט אויסגעמאַרכטע קעפּ אין ליסינעס.

LA ORANA MARIA

געלזיכטיקע מרים, שפּיצניפּלדיקע, קלעפּיקע אייגלעך
מיט אָקסלען פאַר יויזלען אַ בענקל —
אין שענקל
טאָג טעגלעך.

אויף וויפל איך ווייס

זענען מיר די מידע איבונגען פון טעכניש אומגעניטע יעגער.
און אַלץ נאָך צווישטשערט פויגל. און זאַלב לינדערט.

דער ראַנטשאַר

אָ טאָפּ געליישט.
צעבראָכן אַ טאָפּ.
אָ! טשערעפּעס געדיינען אונטער פלויטן
שווימען אום אין דער אייגענער בלוט־יויך.

ראָנדאָ

ניט אַזאַ טאַנץ, די מימאָזע. ניט זי מיינט מען.
דער געלער רמאי, שקיעה. „מימאָזע, זיי געזונט.‟

טויבן, ריטער, טעלעגראַפּדראָטן, זשאַברעס

ווי ווייעט דער אונטערשלאַק פון שפּענצער. גאָלדענע עפּאָלעטן. און די פּיש דרעליעוועט אַן אַראַפּניק. שטאָלצער פערד צום רייטן. אַך! די יונגע טייבעלעך רימענדלעך און בענדלעך — שפּאָרן קלינגען, אַן קלאַנג אָבער. „ליוליו קינד, זלזול־טראָפּן, פּאַר־ און אויס־ און איבערמישטע, ריז און כניאָק און כליסט און רויז.‟

דרויסן ניט. אין הויז בלויז

לאָווע. לאַוואַליר. ליולקע. לענדן.
ליובע, לאָמיר זיך פאַרלענדן.
Mendin'. Tendin'. Never endin'.

אָט די אַלע ביכער

אויף הובליעווען, שניצן און טעסען.
מוטערמילך אָפּטמאָל ניט ווינציקער שעדלעך.
ווי קאָן מען שפּילן אויף אָפּענע פּיר טײַך?

גאַלוואַניזאַציע

איך אין קליידערוואַרג.
מיר אין חדר.
אין הויז.
דורך די פענצטער סאָפּען צענער העקער ביי דער נייער בוי.

אַלץ געהילט אין שטויב.

סעזאָן

אָט די געלע בלעטער אויפגעלייזט. דאָס האַקמעסער: קלינגל אין האַנט און הענטל אין דער לעגענדע פון מאַלעריי.

ציצעראָן

דייד ווי געפרעגלט אין פּוטער. און באַלד ווי אין שמאַלץ. טשיקאַווע
פּרעגצייכנס פלאַצן אויף אין אויסרוף.
רעטאָריק פאַרוואַשט פאַרווישט די רוימער.
דליבעט מיט אַ פינגער אַ טוריסט וועלקע וואַפנע אין דעם קאָליזיי.

מיר גייען אום שפּאַצירנדיק איבערן פּאַרנאַס

דער וועכטער קנאַקט וועלשענע ניס
און קוקט אויף אייערע קרעדענצן: „חשובער ה׳ גרונם? קיינמאָל ניט געהערט.״

זאָמען מיר זיך עטוואָס לענגער
שפּאַרנדיק אים אַריין אין דלאָניע שורות.
אַן אָפּגעשטשאָבעט געצל טאַנצט אום מיט אויגן פון אַ בלאָזן
און נודיעט מיט אַ ווענוסמעסיקן מאָטיוו,
מאָטיוו פון ווענוס, אַ צעגאָרסעטע, מיט פלאַכע פיס.

דער קלימפּער ביי דער קליינערס פּיס

דער אָפּריס פון אַ ליאַנדן קלימפּער: — מיידל, דיינע ציצן שוויצן.

אונדזערע קינדער

אונדזערע טראָפּן קאָנקורירן מיט דעם טויטלעכסטן ליקער.

טוגנט

וואָס ריצנאייל פאַרן מאָגן.
איר קינדס האַנטגלעט פאַר אַן אָפּגענאַרטער פרוי.
אַלע אַלע יאָגן
זיך נאָך דעם אַזוי.

שעלמישער ווונק

אַמאָל געזען ווי אַ בויערי־מענטש קוקט אויף אַ פענצטער אין לאָמבאַרד. פידל. פעלדגלעזער. אַ פּאָר זייגערלעך מיחושדיקע. נאָך און נאָך. אַ שאַכטל ט׳זיך געשטיקט מיט אַן אימפּאָטענטן פּיסטאָלעט.

דער ווינט

[אַנטקעגנגעשטעלט דער צייט, איז געדעכעניש. דאָס וואָס מיר זענען געווען, און דאָס וואָס מיר זענען, פאַרוועבט די צייט אין איין געדיכט שטיק געוועב. אָבער די קאָנטינויִטעט פון געשעעענישן איז פאַלש. נעמען מיר אָן אַז מיר האָבן אַן אידענטיטעט, מוזן מיר, אין באַצוג צו צייט, אָנווענדן די עמאָציאָנעלע דערפאַרונג פון געדעכעניש, כאָטש געדעכעניש קלעפּט צונויף גיכער, איידער ס׳פאַראייניקט עפּיזאָד פון איין רגע צו עפּיזאָד פון דער צווייטער, אַפילו פון נאָכפאָלגנדיקער. וואָס מיר קריגן אַזוינאָך איז אַ קניפּל פון צעפּיצלטע פראַגמענטן. דער געזאַמל פון אַזאַ קניפּל, ביסטו, בין איך, זענען מיר אַלע. דעם מענטשנס לעצטער מיטל זיך צו אידענטיפיצירן ווען ער פילט אַז ער אַנטלייזט זיך אין אייביקן שטראָם, אין דער אייביקער צערונענקייט, איז זיך צו דערינערן אַז דאָס בלאָס־אויפגעכאַפּטע, כאָטש עס איז ווי שטויב אין ווינט, איז דאָס העכסט נאָענטע צו דעם „הכל״. (פון „הבל״ ביז „הכל״ איז דער באַטרעף ח״י.) די אייביקע רויִנע פון דער עקזיסטענץ צעפאַלט זיך במילא. זאָל כאָטש דער אינדיוויד זיך ראַטעווען אין זיין אָפּשפּיגלען זיך אין דעם קאַלאַמוטנעם שטראָם פון לעבן, אין פיזישער דערפאַרונג, און אין די געזאַמלטע טראַדיציעס פון דער קונסט: דער אייביקייט, וואָס בליאַקעוועט ניט אין באַגריף, כאָטש דער פיזישער אורטייל איז אַזוי פאַרגענגלעך.

*

די נאַטור, דערקלערט אונדז אַ געעלרנטער, איז אַ היעראַרכישע אָרגאַניזאַציע פון גאַנץ־טיילווייזע סטרוקטורן; נאַטור איז דער־פאַרונג, און דער חילוק צווישן גשמיות און רוחניות, קערפּער און גייסט, קומט פון דעם אַנאַליז פון דערפאַרונג: די דיפערענצירנ־דיקע קאָנצעפּציעס פון פיזיק און פסיכאָלאָגיע זענען גיכער די אינטעלעקטועלע געבוידען ווי סימנים פון עקזיסטירנדיקע „ענטיטעטן״,

אַזעלכע ווי „פיזישע אָביעקטן“ און „געדאַנקלעכע צושטאַנדן“; אַלע שייכותן זענען אינערלעכע און אַזוינאָך זענען זיי טיילן און גאַנצ־קייטן דעטערמינאַטיוו און דעטערמינירנדיק; נאַטירלעכע דערשיינונגען זענען שטענדיק אַן אַנטוויקל פון אַזעלכע גאַנץ־טיילווייזע סטרוקטורן, און דערפאַר קאָנען אַלע פּראָצעסן פון טויש פאַרשטאַנען ווערן ווי דער פּאַסיר פון גאַנצקייטן אינערלעך דעטערמינירט.

*

זינט די כחות וואָס מיר קענען אַמבעסטן, אונדזערע אייגענע באַוווּסטזיניקע דערפאַרונגען, זענען קאָנדיצירט פון געדעכעניש, און אָפּעּרירן דורך אַבזיכט, און זינט, דורך וויסנשאַפטלעכן באַגרינד, איז נישט געדעכעניש ווי ניט פאַרשטעלונגקראַפט באַמערקבאַר אין דער ניטאָרגאַנישער וועלט, קאָנען ניט דאָס לעבן און ניט דער געדאַנק באַטראַכט ווערן ווי פונקציעס פון דער אָרגאַנישער וועלט, און ניט אַז זיי שטראָמען אַרויס פון דער ניטאָרגאַנישער וועלט.]

דער אַלטער זיצט אויף דער פּיציניע־באַנק.
זיין צעפליקטער טלית־קטן באַמבלט זיך
מיט צעווייטע ציצות.
איין אַרבל ביי אים אויפגעשפּיליעט,
און דער מאַנקעט איז ניט געמאַך
ווי ער שטופּט טאַביקע אין נאָזלאָך
נאָך נאָזלאָך מיט געברוינטע פינגער.
איין אויג פאַרמאַכט, דאָס צווייטע האַלב־צעעפנט:
ביידע שאָטענען זיך אין געדיכטן ברעמענמאָך,
פלאָנטער־טאַרטשענדיקער באָרד און וואָנסן.

דער טאָג איז כמורנע און אים שלעפערט.

וואָס פאַראַ מעטאַמאָרפאָזן סומנע
טוישן זיינע וווּנדערווייסע איבער־חלומות,

רייצן זיינע פּלויאיקע רעאַקציעס אין טוזליק.
זיין ווערק, אַ לעבן ניט דערפאָרן,
און די געזאַנגען אין אים שטאַרבן אָפּ צוביסלעך.

בעת ער זיצט אַזוי אומכמורנע
קוים געריירט פון פּאָפּעליאַטן טאָג,
דערחלומט ער זיין רעשטל אָפּשטאַרב,
דערשטומט זיין לעצטן, באַלד־שוין־לעצטן זאָג.

פּאַרנט ברוינען זיך דעם צווינטערס בערגלעך.
אַקטיוו־פּאַסיווע בליקן קריכן אום אויף זיי.
אין טייך דאָ ביי דער קרעטשמע
קיילט אַ גוי אַ חזיר:
אַלע קוויטשקעס פון דעם אייביק
האָבן זיך אין אויער אָפּגעשטעלט,
געמישט מיט דעם האַראַ־קירי רויש
פון ביימערצווייגן, בלעטער.

אַ זאַלבע איין־אַליינקייט, קומט אויס,
האַלט וואַך דאָ ביי דעם קרעטשמעטויער
ווו ס׳שפּאַנט אויס פערד אַ זיך מיט איבערמאָס
דערקיטשליוו־צלמדיקער פויער.

אָקאָרשט איז ער, דער אַלטער, דאָ אַרומגעגאַנגען
אין פינצטערניש פון ישובס ווילדע קלאַנגען
ברוין־און־גרוי אום מיטנוואָך,
ווייס־און־שוואַרץ אום שבת:
דער וואַלדגאָט האָט אים ניט באַשווערט
— ער איז אַ ייד —
און אין זיינע פאות ניט געפלאָכטן
גראָזסימבאָלן פון אַ ליד:
די מירטן זענען שוין פאַרגעלט
ווי מיטנטייך דער גאָלדענער שאַוואַר:

געווען איז אַלץ געדולד אין יאָך:
אים אויסגעדרעליעוועט האָט צער.

ער זיצט און שטופּט זיך טאַביקע אין נאָז
בעת די גרעזלעך וויאַנען פאַר די אויגן.
ממש אויסמענטש איז ער.
ער נעמט זיך פּלוצים צום אַרומשניידן די נעגל
און גישטערט נאָך אַן עדות
אין אַ פאַרפוילטן פּרוטיק.
טעסנדיק דעם פוילן קערפּער פונעם וואַלגערהעלצל
פילט ער שטילן אויפוואַך דאָ ביי זיך אין פּעלצל.
שטילער ווערט דער גאַנג פון ריטשקע.
דיביימער אויף די בערגלעך — דיק צעשאָטנט.

אין אַ נאַס פּיציניעווינקל וואַלגערט זיך
אַ קרעטשמע־שכור ווילד פאַרפּאַפּט.
מנחה, מעריב אָפּגעדעפּעשירט אין הימל.
אַ ביסן, אַ טרונק דעם אינגעווייד.
ער שלאָפט.

אויב איך האָב אים באַגעגנט פריער,
וועל איך אים שוין מער ניט באַגעגענען.
האָב איך זיך פריער געלאָזט גענאַרן —
לויערן שוין ניט די לאַפּעס פון מינדסטן גענאַר.
האַלט ער מיך מיט וואָס, מיט קאַלטענעס
אין באָרד, מיט לאָקן אין די פאות?
מיינע צווייגן זענען שווערער ווי די פּרוכט;
פון צווייגן וואָגיקער דער שטאַם.

גרויסער אַלטער הערמעטישער שלאָס —
ווייַן פונעם צאַפּן טרינקט די זון:
פאַרוויטלטע מיידלשע באַק.

די לופט אָטעמט מיט דעם קורצן האַרצשלאָג
פונעם אַלטן. ניט טרייב מיך, אַלטער,
פון זיך מיט דיינע ברעמען פון פעלזמאָך.
אַלע וואָס קומען מיר אַנטקעגן מיט „גאָטהעלף"
וואָלטן זיין שאָטנס פון דיין שאָטן,
דיין לעצטער, באַלד־שוין־לעצטער פאַרצווייפל.

— גרויסער דונערבליץ געהיימטער בוים —

די צווייגסט זיך גאַנץ געלאַסן.
מיין פלעכטריטל אין שפּינוועב פון דיין שאָטן.

אין אַ בערגלס גרינעם טעלער ליגן
קומט דער נעגל־פאַרסקאַרוזלעטער צאַפּ
מיט די קאָלטענעס אין באָרד. די קופּערנע זון
פיבערט אין זיינע שלשלת־געפלאָכטענע הערנער.

ווען טאָג הייבט אָן פאַרמאָלן פעלערן
און פאַרליישן שטיקלעך אָפּגעלושעטע קאָלירן
רוקן פינגער זיך אַרויס פון בערגלס וועלדל,
פינגער פון פאַרשפּינוועבטע שאָטנס,
ביז אַ זיסער טראָפּן פונעם הימל
וואַשט אַרום דעם אַלטן
פון זיין אויסערלעכן שימל.
די האַרטהייסע הענט ביי אים מיט בייזן מאָך
געל,
געל ווי אַמבער אין דעם זונגעשפּיגל.
נו, גוט. זאָל זיין איין־אַליין דאָס טראַכטן
פון דעם יאַדעשליוון באָק
ווי טיוטקע־ציגן פאָכן איבער אים
מיט זייערע עקלעך, ווי ער ליגט אויסגעצויגן,
דער אַלטער. דער ווינט קילט אים
ס׳פאַרמאַכטע אויג, צעווייט די שטעכלקעס

פון באָרד אים, און מיידט אויס
די בורשטינענע הערנער. דאָס וועלדל, געבשמימט,
פאַרזייט די מוטנעקייט פון טייך מיט ווערבע־בערעלעך.

אָקאָרשט האָבן די צווייגן זייערע אָרעמס געהויבן
אין פירוואַרף דעם מינדסטן דורך־ און פאַרבייגייער.
אָט ערשט, זאָג איך, איצט אומשפּראָצן בליטן,
אייגלעך אויף גלייך, צעעפנט, פאַרמאַכט,
און דער ברודנער מאָך ליישט זיך טרויעריק
פון פעלז אָפּ. מיט דעם געקיילטנס פעט בלוט
האָט זיך די ריקע אָנגעטרונקען
און זינגט באַזויפן קאָמישע שאַנסאָנס
פון אָפּגעהאַקטע וואָדעווילן.
דער שניי וועט אים קילן
מיט שטורמישן אָרגאַזם
בעת דאָרטן אין דעם מירטנבוימס נעסט
וועט דער אַלטער ליגן מיט צעריטשעט לייב
און זיך קראַצן פון אומפּלויט אין עליזיע.
אַ ביסן, אַ טרונק דעם אינגעווייד.
ער שלאָפט.

גייען מיר מיטן וועג צו בית־לחם
זאָל דער וועג אונדז זיין גאָר גרינג.
וואָגיק זאָל דאָרט זיין דער אַנקער —
מקריב זייענדיק אַלצדינג.

אונדזער אַלטער ט׳אונדז באַגעגענען
מיט מלכות־ברויט, מיט גאַסטיק זאַלץ.
זיינע פּלייצעס, היפּש געקאָרטשעט,
האָבן שוין פאַרטראָגן אַלץ.

אונדזער האָפענונג וועט אונדז שפּרייטן
פרישן לאָרבער פאַר די פיס.

אונדזער גלויבן וועט פאַרליאַמען
דעם סכנהדיקסטן ריס.

— מקריב זייענדיק אַלצדינג
טרעטן מיר בית־לחמס טראָט.
ווער עס וויל און ווער עס וויל ניט
גלייכט זיין שאָטן אויס מיט גאָט.

דער הונט איז דאָ דעם באָק אָקאָרשט פאַרבייגעגאַנגען.
די זון האָט דאָ געצערטלט
דעם געבילטן ווי דעם בילער.
עפּעס האָט געמוזט פאַרשעמען דעם קודלאַטן
ווי ער איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ וואָי אַ שטילן

(וואָסזשע האָט פּאַסירט מיט דעם קודלאַטן
ווי ער נאָגט זיך מיט אַ וואָי אַ שטילן?)

דער באָק צעלאָזט זיך אויף די צאַפּנפיס,
דריגעט קוידערש זיינע באָקנפיס,
בוצקעט מיט די אַמבער הערנער
אין דעם שאָטן פונעם זעלטן
— נאָר דער הונט ניט וואַוקעט מער:
זיין וואָי וועט באַלד אויפוועקן
אַלע טויטע אויפן צווינטער,
ווו אַ שכור, שליים־באַקלעפּט, מיטן דער פּיציניע.

דער הונט איז דאָ דעם באָק אָקאָרשט פאַרבייגעגאַנגען.

אַך די אויגן הינטישע
און ציגענע חלומות.
זונליכט שייט זיי אָפּ
מיט רויטע עפּלס אַפּשיי.
די בערגלעך דעקט צו

אַ געשטרייפטער נעפּל,
די אויגן ציגענע —
דעם אַלטנס ברעמען, ווײַס.
דער הונט איז דאָ דעם באָק
אָקאָרשט פאַרבייגעגאַנגען.

דער הונט
איז דאָ
דעם באָק
פאַרבייגעגאַנגען ווי די זון האָט שטיל געשיינט
מיט ליאָנדע אויגן פון אַ פּאָפּעליאַטן טאָג.
דער אַלטער חלומט דאָ זיין אָפּשטאַרב
אין דעם וואָי פון הונט. דער באָק
פאַרשטומט זיין לעצטן, באַלד־שוין־לעצטן זאָג.

דער
הונט איז
דאָ דעם באָק
פאַרבייגעגאַנגען
און איז זיך פאַרגאַנגען
אין אַ וואָי אַ ביטער שטילן.
די שאַרפע אַמבער האָק פון זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט
אויף הונט און באָק מיט רויטע ריקעס בילן.
אָ, גאָלדענע קאָנצעפּציעס פון שווערמוט
געהילט אין הימל!
נאָך זענען ניט אין בראָך געפּיצלט
אייערע ווינטיקע ברילן.

טייבל,
בלויז פון דיר וואָלט איך געקלערט אַפילו בעתן מבול.

קילער צויבער פון געפליאַמטער זון:
כ׳זאָג זיך וואַיניק אָפּ דערפון.

— וואָס אַ שטייגער וויל אַ ציגל ?
שטיין ביים טייכל,
הייבן ס׳עקל,
בלעקען,
קוקן אין שפּיגל ?

— אין זאַלבער איין־אַליינקייט
איז דער האָריזאָנט געצירקלט ריין :
דער טייך איז ניט קיין גאָלע וואַקס,
דאָס וועלדל ניט דורכויס קיין שטיין.

קריך, קריך דו אַלטער מיט די בליקן דיינע
צו מיין טייבל
דורכן שייבל.
— איר ווערק — אַ לעבן ערשט אַרויסצומפּאָרן
און די געזאַנגען אין איר שפּרודלען אויף
צוביסלעך : זי לויפט, אַ ליכטיקע,
אַ שוויטקע, אין דעם העלן טאָג,
און חלומט אויס די אַרבער פון דעם אַלטנס חלום
אויף די ליפּן אירע, די גבורה
פון דעם ערשטן קרעפטיק זיסן זאַג.

— אָקאָרשט איז ווער דאָ דורכגעגאַנגען
אין שאָטן פון פאַרהאַנגענע פּאָרטיערן
און ווער האָט שטיל געפּליסטערט
ווי דער באָק איז מיט די נימפן
נאָענט דאָ אַוועק אין וועלדל :
די מירטן גלאָריע־גרין
ווי מיטנטייך דער יונגינקער שאַוואַר.

— זאָל זיך ברייען אַז דו ביסט דער שענסטער פּאָדים
אין געפלעכט פון צער ?
דו געבליאַקטער אומווערט

פון די לעכערלעכע שאָטנס,
דיינע אומגעזייטקייטן
זענען אַלע פינצטערע מערכות בייז געראָטן.

אויך די זון ווערט מיד פון קרייזן
אַרום דעם אַלטן און דעם באַק.
אַ רויזל האָט אַ ווייַ געטאָן אין ווינט
און באַטראַכט לבנהס ערשטן צאַק.

וואָס פאַראַ מעטאַמאָרפאָזן סומנע
טוישן רעגן אויס אויף שניי!
מיינע ליבע אָנטיירוויזן,
ס'רייסט מיר ס'האַרץ אויף זיי.

פאַרנט ברעקלען זיך די בערגלעך
אין דעם אַלטנס טונקלען קוק.
בענקען בענקען אַלע צוויגלעך
נאָך דעם לעק פון מיאוסטן שנוק.

— אַ קליאַמפּע שניי אין שווער געפּאַפּטן הימל.
ווי לאַנג, מיין אַלטער באָק, איז דאָ אַרויסצוקוקן
היטנדיק דעם נודנעם פּרוזדור
צו דיין נודנעם אויסלייז —
קום קריק, נשמה לערקייט פון די אוממאַכט אינזלען,
אַפילו ניט מער ווי צו שטופּן טאַביקע
אין נאָזלאָך נאָך נאָזלאָך
מיט געברוינטע פינגער
און טוישן וווּנדערווייסע איבער־חלומות
אַ דאַנק ווי סומנע אַ מעטאַמאָרפאָז?

איינס:
זאָל איך טיילן מיט דער קו
וואָס קומט צום וואַסער טרינקען

אַלדי ווייטגענג פונעם גלויבן,
אַלדי אָפּנויגן פון וועזן?
איך ווייס פון איר צווייפאַכיק לעבן:
אין שטאַל, און דאָ ביים ברעג.
אונדזערע געהעלפטע גייסטער ווימלען
אין דעם עראָטיקאָן פון בערגלעך,
אונדזערע פיס קומען גאַנץ נאָענט
צו דעם בוימס געצווייג
ווען די רייפע הענגען פּרוכטבאַלאָדן
ווי וועלטן פון געשמאַק און אָנריר.
אַז מיר שלייכן זיך אַריבער
דעם געצווינטערטן האַלב־שטח
וואַרפט מיין לעבן אויס פון זיך
שאָטנס פון טיטאַניק פּחד,
און זי — דעם אָפּפאַל פון האָדיוולע
געמעלה־גרהט קו־געדולדיק.

איינס:
עקסטאַז אין אונדזער וועזן:
פון לעבן, און פון טויט. איינס:
פאַרגאַנצט: און לושעט זיך
דער קאַלב גאַנץ מאָגערלעך אַוועק
פון אירע אויפגעדראָלטע אייטערס,
פילט זי ווי דאָס חיות לושעט אָפּ פון איר.
דער אַלטער זיצט ווי זיינע בליקן
דרעליעווען פון אונדז אָפּ אונדזערס,
מיט ליידנשאַפטלעך גלייכגילט
זשעברעט ער דעם כאָפּעליאַטן טאָג:
באַוועג אָן געמיט,
שטילקייט אָן אַ נאָג.
נאָר איינס — און אָפּגעזונדערט:
ווי די איינצלשטאַמען פון דעם טייכס שאוואר

פלעכטן זיך מיזערנע אונדזערע פריידן
צוזאַמען מיט דעם אַלטנס צער.

— קאַסאַקע מאַכט אַן אויגל אונדז אַ סקיצע פון דער לבנה

אַ זויבערער דער פּאַטריאַרך
איז הילפלאָז קעגן מינדסטן שאָרך

און שטערן
טויבע שפּילקעקעפּלעך צירן אויס דעם הימל אין אוזאָרן

שאָטנס צום טייך
פּולסירן פון די ביימער אויף די בערגלעך
אַרום צווינטער
איז פּיטש פּינצטער

דער באָק איז ווי אַנטרונען
אונדזער גאַסט איז ווענוס
אין די טונקעלע כאַטקעלעך
פלעכטן זיך אין פלאַקס ווערעטענעס

גיט אַ פייערל אויס אין שפּיצבוים
אַ גליוואָרעם נאָכגעשפּירט
פון דעטעקטיוו לבנה

די באַערדיקטע שפּאַרן זיך נאַזנדיק
אין די ערדענע בעטן
ווידלען זיך אַדורך אויף אייביק לשון
טויט־קאָנקרעטן

אין צירקל פון דער איינאויג בלינדער נאַכט
לייגן זיך אויס טאַפּעצירטע מעזשעס
דאָ־זשע וועבט זיך אַ געוועב
שוין פון אָנהויב מיט מערעזשעס

— איבערנאַכט פאַלט ווי אַ צווייג אַראָפּ.
דער ווינט צעבלאָזט דאָס מעשענע פייער
פון דעם פירמאַמענט.
אין איין שטייפוועזן
ציִען זעמדלעך זיך צונויף.
קאָן דער אַלטער זיינע זעאונגען אויסלייזן
אין די יסורים פון דעם לעצטן
באַלד — גאָר־לעצטן לייב־אויפציטער?
דער בעזים ליגט ביים שוועל אין ליכטצאַנק
ווי אַ — — — ניטגוטער
און לויערט אויף דעם שוועלס פאַרמעסט
מיט יעדן עכאָ פון דעם טאָגס געטראָט.
אַלץ איז איצט שוין אויפגעשטיגן
אויף דעם חושכס עשאַפאָט.

איצטער זענען שוין די געטער
גאַנץ געמיטלעך בוכהאַלטאָרן:
פירן לומינירטע קאָנטעס
אויף אַ שפּראַך פון אַלטע לאָרן.

און דער באָק איז בלויז פאַרטאַיעט,
און דער אַלטער איז פאַרשטאַרט
און דער ווינט שפּאַנט אום אויף אויסגעצערטע באָקנפיס
און קייקלט מיטן וועג ווי קוילן שוואַרצע בובקעס.
די באַדימענטענע הייזער
שורשען, שאָרכן אין די ווינטיקע הוליאַנקעס
און זאָגן ניט אַרויס דאָס וואָרט
פון אינטריגירנדיקן סוד.
די ווערטער סקיצירן זיי אין פאַרעווע סימבאָלן
ביזן געשווינטן ווינטס געמאַך
ווערט ווי אייטער אויפגעדראָלן
און שפּאַלט פאַנאַנדער דעם גאַנצן הימלשן גאַרניטער.
מיין טייבל שלאָפט.

נאָר ניט אַ אויג טוט־צו דער היטער.
געשטאַלטן פון פּאַפּעליאַטן טאָג
פאַרוואַנדלען זיך אין ווינט־שטויב,
אין אַ קויט
ווען ס'קאָן שוין ניט דערקברן
אַווראַרעס אָנזאָג־צויט.

*

ווען וואָלט געדאַכט זיך אַז זיין דעמבענע לוסט
וועט צעפלינדערן די גרויקייט פון די יאָרן?
איידער ס'וועט דער טויט אים אָנזאָגן די בשורה
פאַרכלינעט ער,
פאַרקייכט ער זיך פון נאַכטווינטס צאָרן.

מיין קיילעכדיקער פּלאַטשיקער שפּאַן
(זאָגט די זון)
ווערט פאַרגעטערט פון דער עוואָלוציע.
רעדוצירנדיק זיך צום אָנבליק פון לבנה
פירט דער הונט אויס אויפן באַק
אַ מזלות־עקזעקוציע.

ביים שער פון מיין לאַזורנע היכל
סקולפּטירט מיכאל מלאך (מיקעלאַנגעלאָ)
דינאַמישע געשעענישן, געטלעך אין פאַרנעם,
עסטעטיזירנדיק דעם צודעק, און דעם דנאָ.

עקסטאַז פאַרריגלט אַלע אויפנעם־טויערן
דורך וועלכע עס שפּרייזט אַדורך דער טיגער,
שווימט דורך דאָס זילבערפישל, —
פאַרצערט צו ווערן אין מויל פון זיגער.

טאָמער קומט אויף אַ פאַרדאַכט
אַז פייער איז דער אייביק־סימן פונעם פירמאַמענט,

זענען אַלע שייטערהויפנס
שוין אויף קויל פֿאַרברענט.

רק דער אַלטער אויף דער באַנק
מיט קאַלאַמוטנעם קוק צום האָריזאָנט
קאָנטעסטירט איצט יעדן אייביק
וואָס ניט קיין הייליקשריפט דערמאָנט.

דין זיין קול אין האַלדז אים כריפּעט,
יעדער גליד אין אומבאַוועג;
גרויס די נאַכט אים אין זיין אומטאַט,
אומגעציילטע זיינע טעג;
און דער וועג וואָס פירט פֿאַרויס אים
פלעכט זיין ריקווערטיקן שטעג.

ס'שטראָמט דער טייך מיט פולן אָטעם,
באַיקעס וואַריאירט דער ווינט;
אַ מוטער וועט זיך ד י נאַכט קווינקלען
געבן אירע בריסט דעם קינד.

*

מיין פנים איז איין רויטע פליאַמע
(שעמט זיך ניט די זון פֿאַרטרויען)
ווייל דער אַלטער איז דער עדות
פון באַקס געלאַף און הינטיש וואָיען.

שווערער איז שוין דער לבנה
אין איר מאַטלעכן דערשרעק
ווי די נאַכט פליקט, צופּט די וואַלקנס
פון איר נאַקעטקייט אַוועק.

און דעם אַלטנס פנים שמייכלט
טויזנט און איין יאָר געקנייטשט

אין איין מאָמענט פאַרהאַפּט
אין איין טרער באַהעפט.
אַ געשריי וועלבט זיך
ווי אַ בריק פון ווינט צום טייך
אויפברויזנדיק דעם אַלטנס קליבעס.
די פרוכט אויף די צווייגן
הודזשען מיט סאָק
און קרייציקע פלאַכן
צעווירען די בערגלעך.
די ווערים געפינען
דעם וועג צו די טרומנעס.
אין ברוסטקאַסטן ביים אַלטן
שווימט אום צעלאָזטער בליי.
מתנה־געבער און צינז־איינמאַנער
קומען און גייען.
יעדער פאַטשאַטאָק ראַטשקעוועט זיך
אַריין אין אַן אַדיעזנע.
דער טויזנטפיסיקער שרץ
דירעקטירט פעלערהאַפט זיין אַנטענע
און דער זשאַבעס אייער
זינקען אין ווינטיקן שטראָם.
אַ פליגל פון אַ נאַכטפויגל
צילט צו אַ פרעמדער נעסט
און אינטריגירנדיקע ווינטפעדים
פאַרוועבן געלקייט אין דער גרוי.
די קעלט פאַרקלויצעט
מאַראַזשענע פון ברעגשוים.

דער באָק האָט זיך צעטאַנצט,
דער באָק איז הייסגעבאָדן;
דעם אַלטנס טיר איז אויפן ריגל,
און פאַרהאַקט די לאָדן.

דער באָק פּאַררייסט די שאָפּנפּיס
און לאָזט זיך אין אַ רקוד;
דער אַלטער שיקט זיין האַנט אַוועק
אין הימל נאָך אַ תקון.

זיין אומרו שווינגט טאָהער־טאָהין —
דער זייגער שלאָגט באַלד דרייצן;
דער באָק איז צייטלאָז: דער אוראַלטער
האָט אים נאָכגעלאָזט די לייצן.

*

דער טייך איז ניט דער קרעטשמעס שרעק.
דער ווינט שפּרייט דושנע טעפּיכער אונטער באָקנפּיס.
דער ווינט איז געפּלעכט פון אויסגעפּרוווטע צווייגן.
די סוקעוואַטע ביימער זענען יאַדעשליווע מיט דעם ווינטצוג.
אַוואַרע לייכט דאָסמאָל צו דעם זשום פון קילע שפּריגלעך.
דער אָפּפלוס פון די וועלן מיט פרישן שיין געפּליאַמט.
די בערג צעגרינען קאַלאַמוטנע אין מיסטישן מינימום פון זון.
דער אַלטער, אַ דינאַמאָ באַווירקנדיק פּאָעטישע אַקסעסואַרן.
די פּעדערלאָפּע קעמט דעם באָקס צעקוטשמעט בערדל.
אַ געזאַלצטער ריח צעפּרעסט דעם טיול פון נעפּל.
איך האָס אַריינצוברענגען פּונקענשפּריצן פונעם שמידס קוזניע.
מיט דער שוואַכקייט פון מיין ריטם צעשטער איך דעם פּאַרקאַרקעוועטן
גיפּט אין מיין פּולסירנדיק האַרץ.
כ׳זינג דעם אויפשטאַנד און די וואַכקייט פון דעם אַלטנס קאַרטשעס.
דער טייך אַקאָמפּאַנירט דעם מורמל פון זיין שטיל געבעט.
אַוואַרעס שיין פליט גיך און גרינג איבער זיין קאָפּ.
דאָס האָבן זיך תכליתים ווען געוואַרימט:
איצט טשיקאַוו קאָנטראַסטירט מיט אָפּשניצלעך טעאָ־לאָר.

דער אַלטער און דער באָק
אין צירקל פון אַ צווינטערבוים.

דער טײַך, פּורפּור אויפגעבערעט
מיט דעם פּורפּור פון אַ פלוים.

דער ווינט איז הויל נבֿואה
דעם אורשפּרינגלעכן קאַיאַ.

ער שלײַדערט אַלע, אַלץ,
אין די נעפּלען
ווו די כמאַרעס
הייבן רעגנדיק אָן פּרעפּלען.

דער גורל האָט זיך אָנגעבונדן
שטײַף בײַם באָקן־עק.
אַוראָרע, פֿאַרגעלט, פאַרגרויט —
ניט מער ווי אין אַ פלעק.

באַנקראָטירט ווי צעטלעך
אין טיראַזשן
ליגן אויפגעהוילט און פּיטאָרעסק
נאַטור־פּאַסאַזשן.

דער צווינטער ליגט זיך נכנעדיק בײַם אַלטנס פּיס.
דער ווינט האָט אָפּגעקילט די בראַנד אין באָק פון הונטנביס.

אַ באַגעגעניש אין אומגעגנט פון אַרקאַדיע

די יידישע דיכטערין ר. פערשטער

אַן אומעט באַציכנט אָפּט דעם איבערגאַנג צווישן צוויי תקופות / שעקספּיר — וואַלאַס סטיווענס / די וועלט הייבט אָן אויפסניי צו באַמערקן זאַכן פריש / פרישער / דעם פרימאָרגן און יענעם פרימאָרגן / פאַרשידנקייט צווישן האַמלעטס שאָטן און אַ געבעקל ברויט / סוויינבוירן אַליין האָט באַמערקט אַז ער איז געבאָרן געוואָרן אַ מפּיל / ניט אַ שעה געמיינט אויסצולעבן / דער גאָלדענער אַפּאָקריף / „קיניגן מוטער און ראָזאַמאָנד" זיין ערשט ביכל, דאָס מפּילדיקסטע פון אַלע מפּילעך / „פון קיינעם ניט געלייענט, פון קיינעם ניט געזען, פון קיינעם ניט געהערט געוואָרן" / געפּאַלענע גיבן אַרויס די פּאַטענטן אויף נאָבלקייט

מיסטער וויליאַם (ביג ביל, באַרד, ליטל ווילי) שעקספּיר

ניט פּאָעזיע איז עס / די מוראָ פאַר פּאָעזיע פאַרפּלייצט מיט פּעטן די פּופּקעס און די הערצער / שעקספּיר האָט בייגעטראָגן צו סטיווענס' פּראָגרעס, עגיפּטן און קאַרפּאַגען — צום מענטשלעכן / עגיפּטן האָט אינסטרויִרט גריכנלאַנד, שעקספּיר סטיווענסן / קאַרפּאַגען האָט פּאַרויס־געצויגן רוים איינצונעמען אַ וועלט / אַלעקסאַנדער מוקדון קערט זיך אום אין אַפּגאַניסטאַן, דורכמאַרשירט די מערבדיקע דורכגענג צו די אָפּענע פליינען פון פּונזשאַב, ווו שפּעטער וועלן (האָבן) הורדעס מושטירטע מאָנגאָלן און הינדו סעפּאָיען זיך (גע)שלאָגן אונטער רוסישע און ענגלישע עלטסטע פאַר דער אַזיאַטישער וועלט אימפּעריע

מיסטער וויליאַם (ביג ביל, באַרד, ליטל ווילי) שעקספּיר

מיר קענען אים פון פריִער / וועמעס צען ביכער אויף אַ פאַרוואָרפן אינדזל / און איך בייס מיין פּען פאַר פאַרדראָס / כהאָ' נאָך ניש' אָנגעשריבן קאַ צען / (ד"ר אינפּרוא, עקס שטראַלן פּיאָנער, וויל זיך ניט פאַרטיידיקן

מיט בליי / הייליקע דאָקטוירים באַן, וועיאַן אין פראַנקרייך, פוכאַל אין הישפאַניע שענקען הענטפיס אַוועק / די הייליקע צירולניע ו י ס נ ש אַ פ ט)

אַלזאָ: די בלומען און די שטערן און אַלע גוטע שלעכטע זיטן אין מענטשן זינגען, שווימען אויף, פאַרזינקען

*

גוטן הערא: הערא מיידל הערא באַמאַנטע הערא אלמנה

*

שאַקספּור קריכט אַריין דורך אַ לעכל אין סאָד און מאַכט זיך ווי ער באַמערקט ניט וואָס דאָ טוט זיך, פאַרנויגט זיך פאַרן עולם און גיט אַ זאָג בהאי־לשנא:

— יאַך ביניט קא פועט, וויסנזי!

„וואָס זאָגט איר, גלויבן מיר אים? האַ, ווייסיך!
גלויבט איר אים ניט — הייסיך!"

* * *

א קאָנעקטיקוטער:

ביי אונדז בלומען וואַזשנע בלומען,
אויפגערעגטע, ראָטאַרישע.
זונטיק טראָגן זיי באַלוואַנעס אין די לאַצן
פון די פאַרמערשע פּיזשאַקן.
זייער שיינקייט, פונקט ווי וואָלוואַירטס,
קאָסט אַ צענער, קאָסט אַ גריוונע
אין אונדזער יועסדיקער וואַליוטע.

טאַלאַפּוזאַ, וועסטפּאָרט —
יענקי און באַשיבוזוק —
חשבונען אויס די אָפּגעטוענע עברות
און לאָזן פּאַסטאָרן ווי אַנדערע גאָטס אָנגעשטעלטע
זיי קריכן אונטערן לייבצודעקל.
מיין ליבע, קום צו מיר פאַרנאַכט
אין סעדל עפּלזאַפּט אַ נאַש טאָן.
ל׳איך האָבן די השגה
ל׳איך דאָן אַ טרייסט געפינען
אין צונויפגעהעפטע ווערטערקווייטן:
כ׳בין אַ וועבער אַ געניטער,
דער פּראָזאָדיעס אַ ריטער.

א בעסאראביערין:

מיינע בלומען ווערן צעריבן אויף זשאָרנעס
פאַרמעלטע,
ראַב ווי מיט פּאָקן
. . . .
אָפּגעלייקנט, צעוועכנעט, אַנטווישט און באַליידיקט,
וויסטע קרייץ־צוגן פון טערנע איסוסלעך
געטראָגן צום טייך, באַשווענצלט,
פון פּאָפּן און פויערטשומערקעס געהייליקט
געאַייליקט
ווייל מ׳דאַרף אין פעלד אַריין גיין, הנאָי פּירן, טשערעדעס טרייבן, תבואה
מיט קאָסעס שניידן, גאַרבן אויסלייגן, סטערטעס צעשטעלן.
כ׳זאָמל אַנטיקן
פאַר מיין גונסט,
מיין חוש־השמיעה,
פאַר מיינע בליקן.

סטיווענס (אַן אַדוואָקאַט):

זאָל דאָ באַוווסט זיין צו אַלעמען אויף

דעם וויסטן פּיצל ערד
אַז די בירגערין רעגינאַ בת———
מיטן צונאָמען פּערשטער
איז לויט איר גונסט, געשמאַק און חוש באַרעכטיקט
צו די פּאַפּירן און דעם טיטל דיכטער
מיט דער פּריווילעגיע צו געבערן,
און ווען געראָטן צו באַוועגן,
שטימונגען, געמיטן, בלוטנמאַרך באַרוישונגען
דורך נייעם כשוף, אַלבאַקאַנט און מערוויניקער ראַיעל.
אין צושטים צו וועלכן כ׳לעג דאָ צו
מיין זיגל.

דורכויס כשר־וישר.
שעקס אַדוואָקאַט.
אַ סאַרוועך אין שעקס מדינה.
עדי־עד.

שעקספּיר (ביים שוועל פון אייביקטום):

זאָל איך צי זאָל איך ניט די נאַרישקייטן אייביקעוואַטע
מיט פונדאַמענטאַלערליי דיכטגעלונג אויספּוצן? די רוימען
כוואַליען זיך דורך מיין אינדזולדיק געזין, לאַבאַסעווען
אין מיין אַקטיאַריש געמיט ווי כ׳וואָלט אַן זייער
פענאָמענאַל באַאיכן גאָר איך ניט געקאַנט זיין.
אָ הערא,
דרייפּנימדיקע זיסקייט, וואַרטנדיק אויף דעם באַזיר־וווּנדער
מ אַ ן, האָבנדיק דעם מאַן באַזעסן און באַזויפּט אים,
בענקענדיק נאָך נייער פרייהייט, נייע לייצן.
הערא,
פאַר־אימערטע געליבטע, דעכענדיק בלויז מיט „זאָל״,
„איז״ און „וועל״. ט׳אַפּנים אַז די סודות דיינע —
אייערע, מיין דריילינג — זענען שוין צעפּויקט אויף אַלע
שטראָזן: ווו אַ שטומער ט׳ער זיי שוין געפּליסטערט
און געשאַלט; ניטאָ קיין טויבער וואָס זאָל האָ׳ן פאַרמינערט

פון זיי הערן; און בלינדע, ווייל זייער אויג ז׳אויף דעם געפאַלן
פאַרן אומגליק, קלאָגן זיך ניט.

— און דו, קאַלעגניאַלע בעסאַראַביערין,
בייסט דיר טאַקע גלאָריעס בלוסטיק מויל דיין האַנט —
איר מויל געוואַגט, דיין האַנט קאַפּאַבל — אַראָפּצוקראַצן זשאַווער,
ברוד פון לייש אויף מאַסקעס, דעמאַסקירן שטויב,
קורצזיכטיקייט און אומזין? — און וואָס ט׳דיר מיין
גאַטזאַג העלפן?

(דער באַרד גיט זיך אַ כאַפּ צוריק)

כ׳לייקן שטיין און ביין. כ׳ווייס דעם אמת אַז אַ טראָפּן
אין אַ קליינער סאַזשעלקע איז וואַסער פּונקט ווי אַ טראָפּן
אין גרעסטן ים, כ׳האָב פאַרוואָר פון ימים קיין אַנונג
גאָר ניט געהאַט. מיך דערגרייכט אַז איך בין גלאַט אַ וואַריאַט,
אַ קליינקענער, אַ פאַרמאַצעווט מיט מיקסטורעס,
שפּעצערייען נישטיקע, בייזער סם, גראַז־זאַנפט, —
פאַרמישונגען און ווירקונגען, אויסקאָכונגען, אַסמאַזיסן
און אַנדערע באַגריפן פון דער מאָדערנער מאָדנער וויסנשאַפט
האָבן מיר געפעלט, און מיין באַדאַרפניש ניט געסטייעט.
האָב איך דען מענטשן ניט באַהאַפנט, געזונט און סענסאַציאָנעל,
מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג פון ווילקירלעכקייט, מיט רויש
און לעבעדיקן כשוף זיי דען מיט יידע פיס אויף דרערד
ניט באַפלאַנצט? און איז מיר דען צומאָל, כאָטש זעלטענער
ווי ס׳לאָזט זיך דענקען, פאַרט ניט געלונגען צו טורעמען וואָלקנקראַצער
וואָס חלומען זיך אַ היינטיקן אַרכיטעקט אין שלאָף ניט
אַפילו? — אַ די געמעכער שווימלען אין די אַוויאַטאָרישע הייכן,
און בלויז אַ ליבער גאַסט פון אייער וועלט,
וועמען כ׳באַגעגן מיט אַ ברוך־הבא, באַזוכט זיי און אומצופרידן מיט
מיין העכסטן שטאַק, פאַרזוכט צו פירן די גרענדע ברייטער,
אַנדערע העכער, נאָר דעם לעצטן מין ווערט דער קאָפּ פאַרשווינדלט:
ער פאַלט. ער האָט מיין מיטלייד, נאָר ניט מיין דיכטונג.

פערשטער (עטוואָס פאַרלעגן אין אָנהויב):

דו ביסט אַ מאַן, אַ מענטש, אַ העלד. גרויס איז אונדזער דיכטער איקס.

דער שרייבער איפּסילאָן, זעט דער זשורנאַליסט — אַ גאַנצער עשאַלאָן —
ווי איך האַלט עס פון די ניקסן! איך לייען זיי
ווען נאָר אַ געלעגנהייט. דיך? אפשר קען איך דיך גאָרניט,
דו דאָן זשואַן פון אַלע הערצער, בגרתלעך, באַמאַנטע,
אלמנות און עגונות — דו ליבער יאָלד פון אַ פאַרשווין
מיט וועמען מ׳קאָן זיך מ י ל ד א ו ן ו י ל ד דורכריידן.
דענקסטו ניט אַ שטייגער אַז דער־און־דער איז גרויס?
כ׳מיין ניט ווייל ער שרייט ער׳ז גרויס. אַזוי גאָר,
אויפן אויסקוק, איז ער מיטל, שטשופּלע — כ׳מיין אַפילו ניט
דעם דיכטער מיט די ראַכאַטלאָקום סטראָפן וואָס ציִען זיך
פון ל יי ד ע ר ב י ז ל יי ד ן (אַ גאַנץ היפּשע שטרעקע),
וואָס גיבן אַ ברי צומאָל ווי אַ פּכיק פון אַ היימיש גניפיקל,
וואָס ליולען וויגן שרעקן און וועקן ניט — כ׳מיין,
זיי בלעקען אפשר ווי שעפּעלעך פאַרזומזעטע דעמס פּראָזע
און דעמס סטראָפן — נו, כ׳מיין די פערזן זיינע, מיט די
פאַרחושטע גראַמען, מיטן אָפּקלייב פון מאַנאָטאָנע זילבן,
טאַ־טראַ טאַ־טראַ טאַ־טראַ טאַ־טראַ
און אַזוי ווייטער — כ׳מיין איך ווייס ניט פּינקטלעך ווי
אַלץ אָנצורופן, אָבער הער, פאַרגעם, מיין העלד און האַר,
(ווען כ׳שעם זיך ניט, אַ שוואַכע פּרווי ווי כ׳ביך, וואָלט איך
געזאָגט, „מיין גאָט", צום פאַרגעטערן) — אַ ווערטל אַהער, אַ ווערטל
אַהין, זאָג מיר מיט דיין שאַרף און סמאַטשנע און פּרינצלעך וואָרט,
ווי־אַ דער זאָגענאַנטער דיכטער ז׳גרויס?

און איצט אַז כ׳ בין מיט דיר,
האָב די זכיה, אַזוי צו זאָגן, זיין אין דיין אימפּעריש אַנוועזן,
ממש אין סאַמע פּעריהעליאָן, ווייל איך טאַקע הערן.
אַזויפיל דיך צו פרעגן האָב איך. און זאָל זיך דיר דאַכטן
אַז איך בין אַ תם — איר זייט אַלע וואָס דער ים וואַרפט אַרויס,
פּאַרדרייער, ציין־פאַררעדער — אָבער הער, ווילִיאַם
(איך וואָלט דיך גלייכער גערופן ווילגעלם, וואָלאָדיע בעסער),
פאַרקינדיק מיר, אין וואָס אַן ערך באַשטייט די חכמה פון
דעם אמתן חכמת־השיר? אַט הער איך איבעראַמאָל די מיינונגען
און אינטאָנאַציעס אין ווערטער־לויף צווישן מיינע קאָלעגן,

אַפּאַלאָגער און אינזיכיסטן, מענטשן מיט שטייפע פאָדערונגען
און ווייכע ווילנס, צעהעלפטע פון זייער אייגן צופיל פאַרשטייק
דאָס ניטפאַרשטיין, צעפערטלטע פון וועלט־טרייבערשע קאַסטראַציען
אויף זייערע זיטן, האָפנונגען, דערוואַרטונגען,
עטיקבלעטיק און מאָראַלן, פּאָליגלאָט און גאָלימאַטיע — כ׳מיין
וואָס דענקסטו (בעסער געזאָגט: האָסט געדענקט ווען ביסט
נאָך געווען באַלעבאָס אויף די אייגענע שיריים פון דענק־אַפּאַראַט,
נאָך באַהערשט און ווילנפול באַזעסן דיין בינטל געפילן),
כ׳מיין וואָס זענען דיינע רעאַקציעס אויף זין און זילבן,
ווערטער און גראַמען אין די רעמלעך פון (אַ באַנאַלער אויסדרוק
נאָר אמת) וועלט כאַאָס? אַך דו ליבער אווגוסטין ווילגעלם,
ווען זאָלסט נאָר וויסן, אַזיסט ווייסטו עס ניט, אַזאַ ממזר,
אַזאַ שמדניק, אַזאַ צאַצע און דרייקאָפּ, אַזאַ חקרן ווי דו —
זאָג מיר, כ׳בעט דיך, ווייסטו כאָטש וויפל מ׳האָט אַריינגעלייגט
אין דיר, כ׳מיין אין די צוועלף הונדערט, צי צוועלף, צי צוויי
שורות וואָס געפעלן דעם צי יענעם מבין, ווייל פון דיינע עטלעכע
און וויפל ביכער נעמט מען בלויז אַזויפיל וויפל איינעמס קאָפּ
און האַרץ און אָטעם טראָגט — ווען דו זאָלסט וויסן אַז —

סטיווענס (פּאַלט איר אַריין אומדזשענטלמעניש אין די ניין מאָס רייד):

זי איז אַליין אַ פּאָעטעסע, ווילי, אין אַ שפּראַך
פון ציקעלעך און הערשעלעך און בערעלעך.
דורך איר קריגסטו אַ זיגזאַגן־גרוס פון קיניג דזשימיס ביבל.
דערלויב צו זינגען דיר גאַנץ פּרעציז און ניכטער
אַז ס׳איז פון דיין שטאַנד איר וואָרצל:
אין אויסדרוק, מעטאַפאָר, קאָלאָסאַלן טיגל.
ניט צו פאַרטיידיקן בין איך איר אַדוואָקאַט,
אויך ניט אָנצוקלאָגן, נייערט פעסטצושטעלן.

פּערשטער (לאָזט זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע):

לאָמיר זיך ניט נאַרן: מיר זענען מאַריאָנעטן.
מ׳שפּילט מיט אונדז דורך זאָסצישקעס און בענדלעך,

קאַלירטע סטענגעס שנורעווען די העלדזער אונדזערע אַרום.
אַ צי, און ס׳טאַנצט אַ דזשיג צי אַ גאַוואַט,
קאַמאַרינסקע צי וואָסער טאַנץ, — דו, ער און איך.
דאָס שטריקל, דאָס שנירל — ווערזשע ציט עס? און וואָס
איז אונדזער ראָליע?

אַט גיי איך דורך פאַרנאַכט־ווען
ביים אַקוויט־קאָלירטן ריטשקעלע וואָס זשורטשעט אינעם סעדל,
אַ ביימל צעשאָקלט אין מילדן ווינט, דער הימל גרין קרישטאָל.
דאָס הויז ניט ווייט זעט אויס ווי ס׳האָט קיין מענטשנס האַנט
דערצו זיך צוגערירט. צו נוצן דיינס אַ באַליבט איינזילביק וואָרט.
ס׳אַ „טרוים״, און אַדיע. און איך, מיר שפּרייזט זיך אַנדערש גאָר,
און אַנדערש קיי איך שוין דעם ביסן יענעם אָוונט, און אַנדערש
בלינצט דער לאָמפּשיין ביי מיר אין אַלקער דאָן,
כ׳קאָן שווערן אַז אַליין בין איך אויף עמיצן פאַרביטן.
כ׳בין גאָלע אויער, נאָר וואָס הער איך? מיין אויג איז אַ געמיש
פון אָנשטרענג און דאָס מילדסטע צו אַלץ אויף וואָס
איך שטעל עס אָן. די טענער און קאָלירן זענען דיק און דין,
וויברירן, מאַניען עפּעס וואָס אַרויס פון מיר ווי איך וואָלט זיין
פון אַ מאַיאַנטעק די באַזיצערין און דעם מאַיאַנטעק דורכויס
צעשענקען וועלן — אַך ביג ביל, איך בין ווייט פון סענטימענטאַל —
אַך וואַלאַס, וואַסיק טייערינקער, איך בין ווייט פון דיינע
אויסגעצערטע זנאַכערייען—מיין בעסאַראַביע מיט אירע פּאָגראָמשטשיקעס
וואָס באַכען—מיין ייִדיש, די שנעקלעך מיט די זאַידעס ביי די ליפּן —
מיין קיִעוו מיט די קורסיסטקעס שוואַרץ־צעפּיקע, קוראַנטע און
צעשוווּמענע, מיט די חנעוודיקע באַראַשקענע היטעלעך,
און די סטודענטן מיט די פאַרפירערישע עפּאָלעטן —
וואָס פאַראַ יוגנט! כ׳מיין אַט נעם מיין אַלטן זיידן וואָס פלעגט
קריכן אונטער דער פּאַדווירע און מיט אַראָפּגעלאָזטע הויזן,
מיושבדיק, מיט פּיפּקע אין מויל און חשבון אין זין, זיך אַוועקזעצן —
אויף וואָס וואָלט איך עס דען פאַרגעלטן? אַ ליבע וועלט,
גיי טו עפּעס דערצו — כ׳מיין איר זייט דאָך דיכטער,
קלענער גרעסער, עלטער נייער—דיכטער ווי מ׳זאָגט פון גאָטס אייגן גנאָד,
וואָס און פאַרוואָס איז עס? צי דערפאַר ווייל כ׳בין נאָך אַלץ

אונטערן איינפלוס פון „מיזערערע", „די טעג פון אונדזער לעבן", „גאַודעאַמוס", ווען מיר פלעגן שעפּן צרות, טראַגעדיע און פּעסימיזם (אייגן פּופּיקגרימעניש, ליטעראַריש צוגעפּעפּערט) מיט פולע עמער, און ס'האָט לפנים גאָר דער פאַרגעניגן פון טרערנגיסן ניט געקאָנט זיך איבערנעמען?

שעקספּיר:

כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי. אַ היפּש ביסל אומגליק האָב איך שיינט אויס אָנגעטאָן מיט מיינע חברים, כ'מיין פלוטאַרכן, סאָפאָקלען און ענלעכע. און בין איך דען ניט גליקלעך מיט מיין טועכץ? ווער ווייסט, פון דער געבענטשטער, דריימאָל געבענטשטער בלום, האָב איך אפשר קיין גוואַלדיקע וואַריעס ניט פאַרפלאַנצט. און אפשר האָט די זריעה דער וועלט צו מזל געטראָגן אין זיך אַלדי פּאָטענצן אויף וועלכע איך פערזענלעך פרעטענדיר ניט. ווייל וואָס אַ שטייגער האָב איך דען באַצוועקט? אַ לאַך, אַ טרער, אַ בן־אָדם זאָל אין אייביקן פאַרצווייפל זיך אַריינפלעכטן, ניט ווערנדיק אָפּגעווישט; ער זאָל אין גרעסטן יובל שטאַרק דער פרייד, דעם הוליעווען ניט טרויען. וויפל האָב איך מיר דעם קאָפּ אויסגעמאַרכט צי פלאַטאָן איז גערעכט: „דער מענטשהייטס ענין פאַרדינט ניט קיין שום ערנסט, דאָך ליגט אויף אונדז דער חוב צו זיין זייער ערנסט, און דאָס איז אונדזער (ערנסט לעכערלעכער) אומגליק."

פערשטער:

און דאָס וואָס פראָפעסאָרן רופן דיין גרויסער טאָן, דיין ברייטער זשעסט —

סטיווענס (האַקט איבער):

עס איז דאָס וואָס עס טראַקטירט דער שאַנסאָן „פּלעזיר ד'אַמור".

„ליבע פאַרגעניגן געדייט אַ טאָגלאַנג,
אַ לעבנלאַנג געווערט דער ליבע־קומער.

כ׳האָב אַלץ פאַרנאַכלעסט
צוליב דער אומדאַנקבאַרער סילוויע:
זי האָט מיך פאַרלאָזט,
אַן אַנדערן געקראָגן.

׳לאַנג ווי די סאַזשעלקע וועט פליסטערן
צום טייך אומקרייזנדיק די ברעגפלאַך
ווערל איך דיך האָבן האָלט,׳ ז׳געווען איר שבועה.

די סאַזשעלקע האָלט נאָך אָן איר פליסטער,
איר ליבע צו מיר האָט שוין אויסגעטרוקנט.
ליבע פאַרגעניגן געדויט אַ טאָגלאַנג,
אַ לעבנלאַנג געווערט דער ליבע־קומער.״

און דאָס איז די יענטע
וואָס האָלט אונדז אַלעמען ביז שטיקעניש פאַרשלייערט.

פערדשטער:

די יענטעס און זייערע מאַנספאַרשוינען האָב איך אַרומגעזוכט
און נאָכגעגנישטערט, אין איטלעך הויז און סקלעפּ און קאַמער
און וואַרשטאַט, צו מאַכן זיי געניסן פון מיינע ווייבערשע געטרוימען,
אַריינצוועבן וויפל בלייכע שטראַנדן פון פאַרשידענע קאָלירן
אין דער מאַטער זאָרג פון די גראָווע לעבנס.
כ׳ווייס דאָך ניט וואָס דאָס איז: מיין זוכן זיי
און זייער האַרטנעקיקע אָפּטריניקייט פון מיר.

סטיוועגס:

מיין ערשט ליד „האַוואַנאַ״ איז פּתם־ורעמסס.
„פּיטער קווינז ביים קלאַוויר״ איז לעקעך מיט בראָנפן.
און פּיטער איז אויס מענטש אָן זיין האַוואַנאַ,
האַוואַנאַ איז אויס שטאָט ביז פּיטער קומט אָן.

פערשטער:

נאָך ווינציקער דיך קאָלעגע קען איך ווי אַפּילו וואָלאָדיען,
אונדזער זיסן ליבן שפּילפויגל. איך הער דו ביסט אַ דיכטער,
און אַ דיכטער איז ווירקלעך אַנטקעגן דעם פּיליסטערישן צעטל
פון דעם באַקוועמען דעקאַלאָג, רעוואָלטעריש פערעבענדיעווענדיק...
געערעכט און גערעכט. אַ געלעכטער, וואָדען?

סטיוועגס:

די יוגנט מיט די שיינענדיקע קנעפּלעך
האָט אַזוי אַמאָל געגומען נאַפּאָלעאָנען.
די קריסטן, רוימס דיסקרעדיטירטע קינדער, יעזוסן.
איכ׳ל דעם פּיליסטער אַנטקעגנשטעלן ציגאַרנרויך
פון דער האַוואַנאַ אין מיין מויל.
איך שווייג, און דער מאָמענט איז שוידערהאַפט.
און שוידערהאַפט גדעדנקט זיך אַ מאָמענט פון גרויסן רויש —
קעגן דעם וואָס דו זאָגסט, „פּיליסטערן."

„פּאָדקאָוועס־געבראַזג. טרומייטן־געשאַל.
פענער־געשיין אין מאַרגלאָזן רויט.
און וו אָ ס וועגן קאָרן אין פּרוכטבאַרן פעלד
ווען דער מאַן גייט אַנטקעגן דעם טויט?

שווערד־געבליאַסק, און געזאַנג, און מלחמה־ווירוואַר.
מענטשן־שערענגעס מיט ביקסן אין הענט.
און וו אָ ס וועגן ווייב פאַרבלייביק ביים שוועל,
און טרויבן מיט ווייך די זון ברענט?

פויקן־געקלאַפּ. איבער טרומנע דער פלאַג.
אונטער צודעק און שייד ליגט דער העלד.
און וו אָ ס וועגן איר אינדערשטיל ווייגענדיק,
און די זאַנגען פאַרוויאַנעט אין פעלד?"

די באַלאַדעביים פענצטער מיר לינדערט דעם ווייטיק.

שעקספּיר:

איך פיל די האַרמאָניע. איך הער די מעלאָדיע.

פערשטער:

איך זע דאָס בילד. מיין אויג האָט הנאה.

סטיווענס:

פּאַנטאָמימע. אַקצענטן פון ווערטער.

שעקספּיר:

ליד דער אַקטיאָר, זיין אַסטראַלער קערפּער
שטראַלט אויס סטימול צו זיין צושויער, מיר.

פערשטער:

אַז וויל דיר, וויליאַם, וואָס האָסט ניט ג ע וו ו ס ט.
הלואי וואָלטן מיר ניט געוווסט אונדזער ניט־ווייסן.
דו אויך ביסט אַ גן־עדן קינד, וואָלאָדיע ליבער,
און דוכט מיר אַז דיין גיהנום איז געווען פיל הייסער.

סטיווענס:

טיכאָ בראַהע, קעפּלער, ניוטאָן,
פּאַראַדעי, העלמהאָלץ, מאַקסוועל —
אָבער ווער איז קליגער
פון אַ לעאָנאַרד פון ווינטשי,
אַ געטע,
און ווער ט'אַזוי געקאָנט בלוט לאָזן
און בלוט פּאַרהאַלמעווען ווי
אַ שעקספּיר?

שעקספיר:

דאָס איז גלאַט־אין־דער־וועלט, ניט קאָנקרעטע לויב.
גרויס צי קליין, בין איך צו מענטשלעך אויף מיינע אָרעמע פּלייצעס
טראָגן אַזעלכע הורדעס. די קאָנקורענטן זענען אַפילו פּאַר מיר...
הממממ... צופיל. אויפן דיכטערישן נאַקן לייג איך אַרויף
געננוג אַחריות. די מעטאַפאָרן, אימאַזשן קאָנען טראָגן פעלזן, בערג,
בייטן דעם קורס פון ימים. אָבער וועלטן? צו מאַיעסטעטיש זענען זיי,
זיי צו דערצערנען. מיט דער האַנט אַוועקצומאַכן?
אויף קרעמער־בעזמענטלעך
צו וועגן? — זעט איר, ליב צו האָבן, געגוגט האַרץ אַליין.

פערשטער:

און איך האָב דאָ געזוכט באַשייד.
איינער זע איך אַ גיגאַנט — מ׳זאָגט, אַ גאון.
איך זע אַ מענטש פון אונדזער צייט
(כ׳מיין דיך, וולאַסיק!)
און דאָך שווימט ער צוריק צו דיר, מאָנאַרכע!
אָבער מיין פרעג, ווי פאַלט פון האַמלעטן דער שאָטן
ער זאָל מיך פירן צום אויסגאַנג פון דיסקוטירבאַרע וואָרן?
מיין גרייזער זיידע ליר — צו וואָס פאַרא מין וואָרלאָזקייטן פירט ער?
דיין קוילשוואַרצער מור — דיין אַרקאַדיע — דיין זשאַק:
וועמעס טרייסט?

איך בין אַ יידישע פאַרפאַסערין פון קלאָגלאָזע תחינות.
שמאָל מיין קאָליע. די בייטן אין פעלד צעאַקערט פון
אומפּולקאָמער מאַשינעריע. די אַלטע זריעה איז אַ גאַנצע שמיטה,
ניין, אַ גאַנצן דור פון יובלס קוים קוים אויפגעגאַנגען.
נו, מוז מען זייען אויפדאַסניי. האָב איך געזוכט ביי דיר
ביי וועמען ס׳נעמט לפנים זיך ניט אויס
קיין לעבן, קיין געדראַנג, קיין אָנהאַלט און געמיט ניט אויס
אין קינסטלערישן אַרסענאַל. בין איך אַרויס אויף אַ שפּאַציר
מיט מיינעם דיינעם אַ צייטיקן געצייטיקטן קאָלעגע.

פאַרבלאָנדזשעט צום דעקאַן פון אונדזער קינסטלערישער טואונג.

פאַרגיי אין דיין פּראַכט וואָס לעבט, און לעבט ווי שאָטנס.

איך קער צוריק זיך צו מיין ענגן שיין־מיזערנעם אַלקער
און דאָרט ביים עדיסאָן קאָהאַניצל ל׳איך עסן ווי ס׳וועט זיך מאַכן
מיין באַשערט דיכטערברויט; אפשר צוגעבן נאָך אַן עטוד
צו די אויסגעוויטיקטע געציילטע „עטודן";
נאָך „אַ קראַיקע", ווי אַ קראַיקע ברויט, אָפּשניידן
פון מיין פאָרשטעלונגקראַפט; טראַקטירן וועגן דעם באַגעגעניש
אין אַ „טראַקטאַט אין פּראָזע", און פירן ווערטערקריג
מיט מיינע איצטיקע חברים; כאַפּן אַ בליק אין אַן אַפּירגעצויגענעם
אַלטן אויסגעבליאַקטן נומער „אַפּאָלאָן"; טראַכטן פון וואָס טוט מען
מיט מיין זון אין צוקונפט,
מיט צוקונפט פאַר מיין זון——————————

[צוגעגעבענע רעפלעקסיע]

„ווען צו די סעסיעס פון זיסן... אָנגעדאַנק"
שפּילט „פּיטער קווינז ביי דעם קלאַוויר"
און אירע רייד גייען אַדאַזשיאָ־מעסיק אויף אין מיר——————

[יעקב־פרייד]

פאַרנעם מיין פישטשנד־הייזעריקע שטים מיט גרוס,
מיין יעקב־לערער, יעקב־קומער — יעקב־טרוים!
מיט ערפורכט און דערינערשן געגנוס
קוש איך באַצילנשטויב אויס פון דיין קליידערזוים.

אין דער אומווירקלעכקייט פון מענטשן, זאַכן,
געשעענישן ווירקלעכע דאָ אַרום מיר,
איז ניחאָ׳ער טשאַטעוועז און וואַכן
ביין דיין רוים־פאַרבאָרגענער און צייט־אַנטפּלעקטער טיר.

ווו ביסטו, האַרציקער און ריינער
יעקב־טרוים און קומער — יעקב־לערער?
אַ קינד, ביי דיר — פאַרשאַטנט דיינער —
איצט — דיינער פילפאַכער און קלערער.

ווי ס׳ליכטיקט נאָך דיין ישו־בלאָנדקייט מיר,
דיין ליבע פרוי, צוויי קינדער;
דער נ ס איז ד ע ר: ניט מער מיט דיר
ביסטו אין מיר אַ ווונדער.

דו לייקנסט אויסגעהאַלטן יעדן שבט־גאָט אָפּ, און
אין טלית, תפילין צירסטו דיין געבלייכטן גוף;
מיט דאַנטען גייסטו דורך דעם גיהנום־היידנטום
און פאָלגסט אינטים נאָך משהס הימלרוף;

זינגסט האַרציק אויס ראָמאַנסן אויף יוניש
און דבק׳עסט איבער אייגענע פיוטים;

ביסט אוניווערסום־טרעגער, און ס׳האַרמאָניש
קינד פון דער ביבלס שבטים;

טוי־און טויב־ריין לאַכסט מיט דיינע זויגלינגס לאַך
און וויינסט מיט פּערלטרערן אויף אַ וואָרעמס צער;
לפּנים — איינער פון אַ מענגע, נאָר אין תוך —
אַן אויסדערוויילטער עקזעמפּלאַר.

. . . .

איך וויל באַהעפטן זיך מיט דיר נאָך איידער
עס פּוטשעוועט אַריין אין האַרבסט מיין אינדיאַנער זומער.
דאַרום, פאַרנעם מיין פייגלש־דינעם אויסרוף, כסדר
מיין יעקב־טרוים און לערער, יעקב־קומער.

מיין אַפּאַלאַג

עס צעווייען זיך שיטערע גרייפּלעך
פון דעם הימלהויב־שאַצקאַמערס פּיטער,
ווי די ערד ט׳זיך מחיה זיין פרילינגש —
ווערן צוגענעצט בלויז מיין גאַרניטער.

גרין פון אַפגאַן, פון כראָם און פון יאַשפים,
געל פון ציטראָן, סיענע און אָקער,
רויט פון קאָנגאָ, מאַראָן און ציננאַבער —
זיין קאָלירלאָז ווערט בלויז מיין גאַרניטער.

בעת דער פראָסט האַלט אין סמאַליען — אַ שוידער! —
און אין הרובע זיך אַשן די גאַרבן
וועל איך בילדער־עקסטאַז מיר אויסמאָלן
ביז צו מייקענען גרין־גאַליק, שטאַרבן.

כ׳וועל אין פעלד אַריין גיין און זיך לייגן
(זאָל עס הייסן אַפילו ראָמאַנטיש)
און סיבעלעס אַ פּריסטער מיר ווערן,
דינען פריגיע ד ו ר ך קאָריבאַנטיש.

און די „אַלטע״ פּאַרהאָף איך, ט׳אַנקווען,
זיך אַ לאָז טאָן ס אַ ן ספּאָדניצע, יאַקל!
אַבי יאַנציע טערלייקעט אין צימבל!
אַבי אַרציע פויקט־פויקט אויפן פייקל!

איך מעג טאַקע מיר זיין אַ וואָלינער,
נאָר מוזיקלאָז, „ווי וואַגנערס״, מיין מוזע;

איך און וואַגנער — צוויי „אָרימע נעבעכס״;
מירן אונדזערס דערגרייכן, דורך העזה.

כ׳האָב אַמאָל זיך פאַרמאָסטן מיט „טאַלנע״;
איצט — איצט וואַג איך אויף „ביירויט״ אָנדייטן.
אַך, וואָלין־מאַנדאָלין־באַלאַלאַיקע
אין סימפאָניש־אַטאָנישע צייטן!

װעלװל גאָטה: פּאָעמע

וואָרנונג צו די אוראַלטע מוזעס: פראַגמענט

איר, טויטע נשמות, וואָס זייט ניט טויט
ווייל איר'ט קיינמאָל מיט דעם הויך פון לעבן ניט געאָטעמט,
אומבאַקאַנטע, פאַלש־באַגריפענע פייגל פון פאַרנאַס,
וואָס איר מיט אייער ווײַלן האָבן מענגעס מענטשן
געפונען זייער ענדלעכע רו
אין דער מוטנער גרינקייט פון באַקך־געטראַנק,
אָדער אין די פאַרשמאָלצעוועטע אָרעמס פון
לוסט־צעפרעסענע גלאָריפיצירטע קורטיזאַנעס,
האָרכט!
פאַרנעמט וואָס כ'וויל דאָ זאָגן:

פּאָזעאידיפּ,
דער עניו, גייסטיק ניט איבערגעשפיצטער זון פון פעב,
וועלכער האָט, לויט טראַדיציע, אייך געדינט,
פאַרשפּרייט אַזוי פיל בלאָטע ליגנס וועגן אייך,
אויס הוילן צייט־פאַרטרייב
פּאָפּולער געמאַכט אייער פיקטיווע גרויסקייט
מיט דעם געניטן פאַרשטענדניש פון אַ הייגטצייטיקן
גוט־באַלוינטן רעקלאַמע־דראַקער —
פּאָזעאידיפּ איז טויט.

ניט פאַראַן מער קיין
„גאָלדענע לוחות פון פאַרצייטן"
אויף זיי אויסצוקריצן אייער גלאָררייכע אומעקזיסטענץ.
איר מעגט אייך רוען
געקרוינט אויף אייערע פעלזן־שפּיצן —

הימלשע הייכן, געשאַפן
דורך עקסטאַטישער איבערטריבנקייט.

איר,
פאַרצייטיקע, פאַרסיוועטע בתולות־טעכטער פון העליקאָן,
באַזיצט ניט די קוראַזשע קראַפט
זיך אויפסניי אַנטפלעקן
אין אייער רעוומאַטישער אַלטעגלעכקייט,
מיט צעווייטיקטע לייבער,
און צעפליקטע קליידער.

אייערע יינגערע שוועסטער־אין־גייסט
ציילן זייערע יאָרן אין די צענער
און זענען אַ היפּש ביסל מער ווי אַ בייזוווּנדער
און כאַטש צייטנווייז
ווייזן זיי זיך צו זיין נאַיוולעך־אומגעניטע
דאָך, פאַרמאָגן זיי, אָן צווייפל, די געראַטנקייט גענדזלעך
פון קרעפּטיקער פול־בלוטיקער יוגנט,
צינדן אָן אַ פייערל
אין אַ האַלב־פאַרמאַכט אויג,
בלאָזן אויף אַ פלעמל
אין אַן אַשיק האַרץ;
פאַרוואַנדלען אַ קערפּערלעכן שוואַכלינג
אין אַ הערקולעס,
מיט דער הילף פון
אַ גימנאַסטישן אַקראָבאַט.

די שטים
פון אייער אַלט־פאַסאַנירטן מייסטער —
איז ניט מער.
ווי איר אַליין,
איז אייער מייסטער קיינמאָל ניט געווען:
אַ שענדלעכער חלום
פון לא־יוצלחדיקע לײדיקגייער.

אייערע ערשטע איבערגעגעבנסטע אַדעפּטן —
דער סענטימענטאַלער צוקיק־פּוסיקער מזרח,
די הייוון פון דער ערד,
די תושבים פון די אַלט־באַזונגענע
אַזיאַטישע ברעגעס —
גיבן זיך ניט מער אָפּ מיט דעם אָלימפּ
ווי זיי וואָלטן ניט פאַרשוועגדט זייער צייט אויף עפּעס אַנדערש
וואָס איז פון קדמונים פאַרהילט,
נאָך לענגער צוגעזאָגט
און קיינמאָל ניט אָנגעטרויט.

נאָכמער,
זיי האָבן ניט דעם מינדסטן פאַרדאַכט
אַז ס׳איז ווען געווען אַזאַ פאַרזעעניש
ווי אָלימפּ.

אַזוינאָך, פאַרנעמט וואָס כ׳וועל אייך זאָגן:

איר, טויטע נשמות, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געלעבט
און זייט דאָך אַזוי צאַרט אַרומגערעדט געווען
פון גראָקעפיקע,
ווייס בערדיקע,
זילבערוואָנסענדיקע חכמים און נבונים —
פון יענע, וועמעס פאַרגעניגן איז געווען
פון אייך צו ווערן אינספּירירט
אום זיך אויפצורעגן מיט דער גראָבהייטלדיקייט פון פאָלק —
איר, זאָג איך, אַזוינאָך,
פאַרבלייבט
וווּ איר זייט ניט
אָדער אַנדערשוווּ
וווּ איר קאָנט ניט גלוסטן צו זיין,
מיט ניט־זיין פּאַר אייער פּעדעסטאַל.

ממו״ס

רבותים, ניט אין די פּאַלייען פון די רייכע,
ניט אין די קעמערלעך פון די אָרימע זשוּיבט מען
די שטאַנדהאַפטיקייט פון די ש״י (אַבראַמאָוויץ) ·עולמות.

אין זיידנס רוימלעך בלאַנקיטנער קענסט־קאַנסט־קונסט
קאָיעט ניט אומעסטעטישער עיפוש, געשמאַקלאָזער גונסט.

ווי פּעכלען ער האָט עס געמאַכט די קאַבצאַנסקער קופּערפּאַנען,
פּאָמיניצעס, דייזשעס, מאַקירטעס, טשוהונענע טעפּ,
ווייקשעפלעך, פּאָמילעס, רינאַלן, ליאָקן —
אין שפּראַך און דיאַלעקט.

דערימעך ט׳ער, רבותים, גערייען „אד
קאַלענדאס גרעקאס״ און פאַרבלייבן „עדי עד״
די פּאַטיקע פון מאַמע־לשון בינשטאָק.

שייך אים פירוואָרפן דעם געפּלוידער דעם איבלדיקן
פון פלוני בן פלוני, הוילוואָרטיקן, פּילוועזיקן,
נעבעכלויב פון זיין־כבוד־וועגן יאַטערנדיקן, טריפנדיקן
בכל תפוצות ישראל, ידישיסטישן, שפת־עברדיקן ?

אונדזער חשובער יובילאַר וואָלט געהייסן די אַלע אַנידערלייגן
ביי דער פוטרינע פון צעעפנטן פענצטער
לעם אַלמער ספרים: אַזשע, זאָלן זיי זיך לופטערן —
— ואם־טאָמער האָט ער ניט פירבאַרייט קיין צוקונפט פון
רחבותדיקן גליק־און־זעגן אויף אונדזערע קינסטלערישע וועגן,
ווערן מיר אָפּט באַגליקט מיט אַ קאַפּוליער־דעליקאַט אַנצוהער
אויף דיכטונג: „אינטענסיטעט פון דעם אומבאַוווסטזיין״.

שוין זעלטענער פּאַרפּעלט ער הובליעווען די טעמפּקייט מיט דער
„אינטענסיטעט פון דעם באַוווסטזיין״: חכמה —

אַט דער שלייפער, פוצער, אַרטיפיצירער.

— אָבער 'חכמה' אַהער און 'דיכטונג' אַהין,
למאי זיך נאַרן? ווינציק ווער פון אונדזער מין
פאַרקערפערט שעפערישע קראַפט פליוס שעפערישע דיסציפלין
און איז קרעאַטיוו זיס ווי דער ערשטער סעלאנדין.

זיי י. ה., רבותים, פון וואָרע ריזן געטריפעט אין מילדע געשעעניש.
און מיר, מילבן מיט בערג געשיכטע אויף אונדזערע רוקנביינדלעך.

זיין אויג פאַרכאַפט אַ רומשאַפט־פּאַנאָראַמע אָרימשאַפט,
טאַראַראַמניקעס, ווייבערשע מאַנסבלען, מענערשע יידענעס, וכו',
(די טערקיניע אַליין ז'ווערט אַ גאַלעריע צאַצקעדיקע מאליוווקעס) —
אַ קאָנטינענט־א לאַך, אַ דור, אַ גלופּסקער וועלט
איז זיין אומשמעקטאַבעקיש געמיט איינגעהילט.

ער — דער שערבלאַט פון יידישבוך.
פאַר אים וועט איר ווינציק־וואָס אויפמישן.

מענדעלע דער פאַרטרעטער
זיינע ווערטער
דער יידישער נשמהס באַטשאַפּטער
מענדעלע דער אָנזעטער

האָט עמיצער ביי אונדז געפּאַטערט אַ לעמל גוליע (ווער?)
אַ עדיפּוס, אום זיך צו האַלטן גדולדיקער?
דאָס אַלץ, רבותים, איז געזאָגט ניט געוויסט־ווי, נאָר מיטן אמת
(און 'אמת' איז אַ טערקיש פעפערל וואָס בריט
יעדן טראָט אין דער אַלייע פון נאָכניט צוגעשטויבטע טריט)
כאָטש איר קאָנט גאָר חלילה זען דערין אַ רמז
אויף: „אונדז לוינט זיך אַ גאָט מענדעלע, דערפאַר־זשע גלויבן מיר.״

„כאָר“

(שאול האָט זיך אַרויסגעלאָזט זוכן פאַרפאַלן־געגאַנגענע אייזלען
און געפונען אַ קיניגלעכע קרוין.
מענדעלע האָט זיך אומגעקערט זוכן אַ פערד־פּידקאָווע, און געפונען
די קרוינשטול אין אונדזער יידיש פאַר זיין לוין.)

איך ברייע ניט אַז קיינער
גייט ניט ווייטער
פון אַמאָליקן פאַרצייטן

נאָר דער (100־ביז־108 יעריקער) זקן, אונדזער
אַלעמענס שטשאָגעל, אין ליסטרינענעם סערדעט
— די באָבע, אין אַ בעזשענער ׳פלאַטיע׳ ביי דער זייט —
שפּרייזט געלאַסן דורך דער טעטעריוועקער גאַס, העט אַוועק
צום אויסגעטרוימטן שלאַמבאַן; איבער דער צעפּלייצטער גנילאָ־
פּיאַטעוועקע שווימט ער זיך סטאַטעטשנע צו דער מאַמע־לשון
אייביקייט.

פּרעלוד

1

אויב פאַלן הייסט זיין אָפּגעשוואַכט
אין מאַנכער פונקציע פון געזונט
— און וועלוול ליגט אין אַט דעם קלעם —
דאַן איז מיין העלד (נו וואָס איז דאָ
צו טענהן?) אַ פאָלקאָמער חלוש.
— כאָטש ס׳איז זיין אידל אויסזען בונט,
דער פולס ביי אים ניט זייער געאײלט,
איז פאַרט ניט אַלץ ווי עס באַדאַרף
צו זיין מיט אַלע זיינע גלידער.

פאַנאַנדערבליט אין אים זיך ווי
אַ קראַנקע בלום דער מראַטשנער יאוש
פון יעדן טראָט און־ליג און־צי
און־שטיי און־רייד און־לאַך און־גענעץ,
און בליט פאַנאַנדער זיך גאַנץ שאַרף.
ס'פאַרדייט קוים זיין גערעגט סיסטעם
פון אינדערפרי ביז אויפדערנאַכט
דעם מינדסטן וואָסערשלונג און פענעץ
ווי אים פאַרומערדיק לאַנגווײלט
מינוטן זעכציק אויף דער שעה
אין טומלראַשיקסטן האַרמידער.

פון שטאַנדפונקט „טויג ניט", שטאַנדפונקט „טויג"
שוין אויסגעציילט קוואַדראַטנווייז,
אויף קובן, אַלע מאַכינאַציעס
באַאײנפלוסטע דורך וואָסער גונסט,
מיניאַנצענדיק פסיכע־צעמאָלן
פון וועלט אַלס מאַטעמאַטישע
עסענץ. די לאָגיק אויסגעלעקט
ביז דנאָ. די קאָנווערזאַציעס —
פאַרצערטע, אָפּגענוצטע רמזים,
קווינטיליאָניקע באַדייטן
פון וועלטבאַשאַף און וועלטבאַנעם.
די וואָרסטע טאַטוואָרט ליכטיקייטן —
אַך! ווי זיי ווערן גיך געפּלעקט
אין די טורנירן צווישן קונסט
און ויסנשאַפט און אינטויציע:
ניט אויף אַ פינטל פון דעם אויג
הערט־אויף די דולע אינקוויזיציע
פון נומענאַלן דלאָטן, אָלן
אין וועלוולס מוח, ושט, בוזעם —
ווי פייער הייס און קאַלט ווי אייז —
די ווענטלעכקייט פון פּראָבלעם:

„וואָס איז חיסרון? וואָס איז מעלה?
פּאַרליאַמען ווען ידיעות — וויסן?
און איז נאַפּאָלעאָן אַ מענטש
וואָס האָט באַשטימט די וועלט באַרייכערט?
און קומען מיר מיט עלעקטראָן
צום לעצטן שטראַנד? ז׳דער ייִד אַ קלויבער
געשיכטע וועמען האָט פאַרשאַכערט?
יאָ, מאָסגיט גאָלד פאַר יעדער זשמענקע
מדבריותדיק געפּלוכט, געבענטשט,
געוויסטיקט שטויב? וואָס — וואָס איז וואָס?
זאָגט איינער: ׳ראָלן מיר זיך אַלע
ווי אַ געשפּינטע ווערעטענקע
צום אַמפּינאַלסטן אַל־אַלגאָרניט׳;
אַ צווייטער: ׳מ׳טאָר ניט לעסטערן
זיך, לעסטערן קיין באַגריף — מע טאָר ניט
באַפלעקן סתם דעם סדרס זויבער,
אַ ליאַדע טראָפּנדל פאַרגיסן
פון דעם געשאַנק־באַווילטן כוס!׳״

דאָך פאַלן נאָך דעם אַלעם פאַלט
(פאַרשטייט זיך אָפּט, גאַנץ אָפּט, ניט תמיד)
פאָרט אונדזער העלד וואָס איז אַ העלד
אַ דאַנק דעם גרויסמוט אונדזערן (צי
דערשנאַפּסטו ניט אַמאָל, מיין לעזער,
אין אים דיין אייגן אָפּבילד? מעלד
זיך אָן מיט דעם קאָפּירן אַבי
זאָלסט ניט גלאָט דן זיין לכף־חוב!)
ווייל ס׳איז דאָס פאַליקע אין אים
גרימאַסע פעבל, מאַסקע־צעזאַר —
זינט פויגלדין האָט אים גאָטס האַנט
באַרירט, די זלידנע גורל־רוט
אין איר אונדז קרייצנדיקן בראַנד
אַנהויפּנדיק אַזויפיל אוממוט,

צעָרויבנדיק אַזויפיל מוט,
און טרייבט פון וואָרעמסטע היכלים
אין וויסטן לאָך פון קאַלטן הויף
מיט טויער פאַרן וואָלף צעפּראַלט.

VENI

ניט לאַנג אויף דרערד דאָ צו פאַרבלייבן
בין איך צעפלינדערן געקומען
אָן קלענסטער מורא, האַר, ס׳פאַרמעג
מיר גיפטיק פון דיר אָנפאַרטרויט
אין לוסטבאַזויפטער פרויס געדערים.
בעת יענע יאָרן וועלכע כ׳פלעג
צעשאָטענען מיט קייכהוסט, שקראַפּל,
ניט מיידנדיק אין קינדערקרענק
קיין פלאַסטערל, קיין טייגעלע;
ראש־חודש ווען די באָבע טרייבן
מיט ווערעמקרויט פלעגט פון מיר ווערעם —
האָב איך דען אויף אַ רגעלע
אויף וואָס־אַ שטייגער ווי באַנומען,
פאַרדאַכטיקט אַז אַ טיילקראַפט דיינע,
איינצייטיק דאָ־דאָרט־אומעטום,
וואַכט איבער מיר, ניין! שפּאַרבעריש לויערט
אויף איטלעך ביינדל, בלוטל, הייטל,
אויף יעדן זשיפ פון מיר, און ס׳טויערט
די אינערלעבן־הייפן מיינע
סומאַריש דער ווילקיר־פינאַל
אין דעם באַשערטן חוזק־ראַפּל
פון אַ פאַרוויש און אַ פאַרשווענק?

VIDI

צי זי איז רונדיק אָדער פּלאַך,
די וועלט, דעם אויגס און דער פּאָעזיעס
בריליאַנטער משכון פון געָנוס,
האָב איך דערזען און אויסגעדבקהט
(וואָס אפשר איז דיזעלבע זאַך):
טעמע, וואַריאַציעס און רעפרען.
— געָנוס: יאָ, תענוג; און פּאַרדראָס,
און לייכעץ אויסגעשפּיגענער
אויף דילן ווענט און טראָטואַרן.
געזען דיביימערס קראַנקע זאַפטן,
פון זייער בלעטערווערק דעם קראַך
ווען ס׳רירט אָ האַק זיך צו. געזען
די חיה אין דער שטייג פּאַרהאַפטע,
די פאַונע אין פּאַרבנרייץ, צוויטס
מיטמאַכער — פלאָרע; משונה וויזיעס
פון פרוי, פון אדמס ריפּ־געָנאַר — —
— פון חיה, פאַונע, פלאָרע, פרוי
ווי מ׳זעט קיין אַנדער אַנדער זאַך
שוין אפשר קיינמאָל ניט אַזוי;
דערבליקט אַמאָל אַן אויג אָ טויטס
אין עקלדיק טיפהאַרץ פּאַרוויטיקט,
פּאַרזאָטן, אויפגעפּאַלן שטאַרן.

ניט בייגעקומען נייערט בין
איך דיך, דו אומבאַגרייפטע קראַפט
פון אַלערמעכטיק נישטיקייט!
נו זיכער זידל כ׳זיך, וויל בין
דיין שפּאָט־אורטייל, אָ לאמיק שוואַכער,
ניט צוגעפּאַסט צו היץ, צו קעלט.
געפינסט דערין אָ וויציקייט?
דאַן האָב איך מענטש גאָר מיטלייד אויף

דער פעלערהאַפטער וואָג־און־מאָס
וואָס דיין געהויבנקייט באַזיצט.
און אויב דיין ווערק איז צערעבראַל,
אומישנע — ביסטו אַ דבר־אחר!
איך, יוסטער פייפער, אין געשאַל,
צעהיצט אין ווילדן מאראפאָן,
„רייט אויפן סוס!" און כ'משפט איצט
דיך מיט צעגלידערנדער קריטיק
אָן קימער, פירט מיך כיי כאַראַנס
פאַראַם צו־וואָרלאָז, סיי אַ בריק
פון שטאָל צי שפּינוועב — מיט מיין העלד
וואָס יוירט נאַרציסיש אין זיין זאַפט
„פאַרקויף איך אויך בלויז וואָס איך קויף"
מיטנישטערנדיק אין „וואָס איז וואָס?"

די כמאַרע, נעם, וואָס שוועבט אַפיר
ווי שטיקער אָפּגעליישטע וואַטע
פון כלומרשט אונטער דיינע פיס:
איר גאָס איז גורם וואַקסן ווי
פאַרלענד. און אָט דער בלויער הימל:
ריינבלוי ווי אומשולד אין אַ זיס
(פאַרווינטער סטערעאָטיפּ) מיידל.
און טיף ווי הימל דער עקסטאַז
פון מאַן־און־פרויס פאַרחושטן פלי
ווען ליבידאָ אין גנאָד באַהעלט
דעם דינאַמיזם פון די טאָרסן
אין אַלקערס שאָרכלאָזן געווימל.
און דיינע פליגלדיקע משרתים,
דער סימבאָל פון וואָס זעליק איידל,
אין בליץ געבליצטע, לויטער פייער;
איין ווילע ווילסטו מיט אַ וועלט
פאַרחרובט, מיט אַ וועלט אַ נייער
(דעמס וועלט־געווין, דעמס וועלט־פאַרליר):

יאָ, וויסנשאַפטלעך וועלט פון בלאָטע,
פּאָעטיש — זעסטו — כריזאָפּראז.

„כלא נצרתי". כ׳שעם־זיך־מיט
מיט דיר וואָס על־כל־פּנים דאַרפסט
געניטער מייסטערמאַן, מיין בורא,
זיין ניט צו שאַפן מייסטערווערק
פון מין וואָס אַזוי גיך ווי וואַרפסט
אַרויס זיי פון דיין שאַף־וואַרשטאַט,
זיך איבערנעמען זאָלן גאָר
אַז דוס׳ט זיי ניט באַשאַפן, אל?
דעם מכשול דו, אויף לויב געכאַרטשעט,
מוזט אויסשטיין אין די וואָלוולע מערק
(אַזויפיל קאָפּיעס ווען דער
אָריגינאַל איז פול מיט לעכער:
חיסרון נאָך חיסרון טאַרטשט
ווי שטרוי פון פויערשע דעכער)
ווען לייגסט־פיר דיין טאַנדעטנע סחורה
ראַיעל „אין אייגענעם געמעל".

— זיי מוחל פאַר וויכוחן
(ל. ל.? דו מיינסט דאָך ניט אַז ס׳איז עזות,?)
מיט דעם צוואַנג־הערשער. סופרות האָט
לפנים ווינציק וואָס צו טאָן
מיט אונדזער העלד, פון אונדזער דיך
ס׳געבורטקינד. פאַר־געוויס, דיר שטייט
ניט אָן אַז חתן ווערלזל גאָטה
זאָל ליגן אין די הענט פון אַן
אַלטפרענקישן חטאים־זוכער,
זאָל ווערן אומפאַרדינט אַ תל.
צו שטוינען, וווּנדערן און גאַפן!
מיט וועמען נאָך פאַרטשעפּעט זיך?
אַ פּיקציע פון וועלכער ס׳ווייעט

אַ טוכלער בודאַ־בראַמאַ־מאָזעס־
אַ ישו־מחמד אַבערגלויב.
איך צי זיך שוין צוריק און וועל,
צורו איצט לאָזנדיק דעם צוואַן,
מיט עמולירטן וואָרק פון טויב
אַזוי גיך ווי איך קאָן און גיכער,
פריי, פרייער זינגען מיינע סטראָפן.
מיט זשיוויצע פון קלעפּ׳קער גלאַטקייט
דעם סמיטשיק פון מיין פערזעריי
(וואָס איז אַ סמיטשיק און ניט פידרעך)
וועל איך אָנרייבן, און די סטרונעס
פון מיין אָלימפּ־און־חורב פידל
ווי מע דאַרף און ניט כאַפּלאַפּ
אָנשטעלן: גוט, בו זאָלן זיי
אייך טאָן אַ פּיק, אייך טאָן אַ ברי,
פון אייער האַרצנס דורכשלאַק
אַרויסדערקוועטשן באמנות
אַ טייוול־טראַמטאַם־טריל עפעקט.
מיין העלד פון טינט, פּאַפּיר און פּאַפּ
ווי קאָלענקאָר (און ניט פון רידל,
לאָם, אַקעראייזן, לײדער ווי
עס וואָלט זיך פיין געפּאַסט פאַר היינט)
וועל איך אייך ווייזן ווי ר׳האָט דורך
זיין קורצן לעבנסשליאַך געהיימט
לויט יעדן גונסט און יעדן סמאק
אַזעלכע זאַכן אין וועלכע שמדשטיק
ווי אויך נאַיווע וואָרהייט שטעקט.

2

— געגוג! עס שיינט צו זיין גאַנץ זיכער
אַז אין דעטאַל וואָלט אויסצודריקן

די אמתן אונדז ניט געלונגען
אין ווער ווייסט וויפל צענדליק ביכער.
און האָט עס דען בפרט, בכלל
צו טאָן מיט ווענלוולען? — זיינע בליקן,
קוים האָבן זיי זיך שוין צעשווונגען,
זיך אַנדערש־ווענדיק, ציִען. דער זין,
זיין לעבנס־זין — כאָטש ענלעך, דאָך
גאַנץ אַנדערש — זוכט אַן אַנדער תיקון,
און זוכט גאַנץ אַנדערשדיקע שטראָזן.
ווי עמיצער איז עוקר פון
דעם אומגעב פון אַ געוויסן מין
ווען מיר אין אייל אַזוי פאַרלאָזן
דעם אומגעוויכטיקן לאָקאַל,
דעם איבערגוועלטיקנדיקן לאָך,
און ציִען וועלוולדיק וווהין
אַ מידער וואַנדערער פּליט פון
דעם מערדערש גיפטיקן שאַקאַל,
דער אָנגעדראָלטער נאָרמע, און
באַשייד זוכט מ׳אייגענעם שאַבלאָן.
עס מערקט זיך טומל אומעטום

. . . . . .

כאָטש צייט ז׳אַ קילע לונג־און־לעבער,
באַוועגט געלאַסן אירע רעדער

. . . . . .

און ווענלוולען קומט־אויף דער לאַנג־אָן:
דער טויג (אַ פּרייד!) אין ד׳רהיים (אַ ברויז!)
וווּ ס׳טוט זיך אָרום הויז און שייער;
ערד גראָבן ריסקלען; לאדושן
מיט מילך אין שיקסעס הענט; אַנטאָן
דער פּורמאַן באַרשט דעם שפּאַק, דעם דעריש
און דעם בולאַן; ס׳מאַלויצען ציפּן;
אַ שייגעץ גנאַי שאַרט, און אין „קאַשע"

שפּילט קליינוואַרג; אָפּגענומען שרייט
אַ גויה צו אַ שנעק: „נאַסעריש!"
און אילוסטרירט פאַר אים די העוויה.
די הרובעס לײדיקן זיך אויס
פון די לעצטווינטערדיקע אַשן;
אין בראָנפן לייגט מען פאָלין; קריפּ
אין אוגערקעס; מען זויערט שאַלאַטן
און עפּל פאַר דעם ווינטערנאַשן;
פּאַטשיילעס, דאַשקעס — אין אַ זייט;
דער גאַלאַגאַן פון כוואַטסקן טיפּ
שטוצט איבער די נאַסידעלעס,
באַלטפּילעט איבער יעדער שיסל
און יאָלדט על פּי נוסח זשיל בלאַז;
און נאַסטיען פאַרבייגייענדיק
דערלאַנגט איר חמ'עלע אַ קניפּ;
מיט אַ קולאַק דראָט זי אים, „לאַשעק,
אַ רוחן דיר אין טאַטנס טאַטן!"
(פאַרשטענדלעך, מיט געמאַכטן כעס)
בינדט ווייטער טעמפּערהייט — ווען ס'ביסל
גערעגט אויפלעבן ווערט אויסגעלאָשן —
מיט דערע און שפּאַגאַט די פּעסער
מיט דעם געשטעלטן ווינטערקוואַס;
און נאָטקע, דעם איהומענס זניק,
טשיקאַווע אויסגעפּוצט אין פּוישן
און יעדן האָבנדיק „אין קאָשעק",
פאַרדזשעגעכצט לייצן רייטנדיק
אויף אַן אומוואַלגערדיקן זאָטל
און פּראָוועט אַלץ צו מיט אַ מעסער;
און אויסגעקלאַפּט אין לופטערן
די ווינטערדיקע ווערן שמוישן;
דער טויער ביים אַריינפאָר קריגט
אַן אָפּעראַציע מיט אַ דלאָטל;
אַ פּלאַנקע טעסעט הייזעריקלעך

סאָסנאָווע, דעמבענע הילץ, ברעטער;
און פעטש־ווי־ברעטער קריגט אַ־צווישן־
די־פּיס זיך פּלאָנטערנדיקער יאַטל
מיט קנעפּלעך, קעסטעלעך און זשוקלעך

. . . . . .

און דאַן, ערשט שפּעטער, העט העט שפּעטער

. . . . .

ווען אָונט פאַלט־צו טרייבנדיק
פאַרדאַרטע האַרעוואַניע־קישקעס
מיט אָנגעמוליעטע געניקס
צו מאָגערע באַרבאַליע־הישקעס

ווערט ברייט באַקאַנט אַז אָנגעהויבן
האָט מען, נאָר וואָס אַ שטייגער קלעקן
די ימען מי ס׳זאָל זיך די וועלט
פון דעם פאַרענדיקן באַלעקן?

אָ, וועלוול (דאָ איז ניט די רייד
פון זיינע אָנגעהויכטע חקירות,
צעקאַרבט, צעשיילט, צעפעדימט גורל־
קאָלירטע רונדן אין ווייסע ווירעס)

האָט ער געוואָלט דיאַגנאָזירן
די סיבה פון דעם דור׳ס געווימל
ז׳צו דער געדיכטער פלאַכטע שטויב
בלויז צוגעקומען פרישער שימל.

און זיין פאַרזוך צו פראָגנאָזירן
דעם צופּירפּונקט פון מאַשינעריע
דערברענגט אומאָרדנטלעכן קאָסמאָס
צו נאָך אַ טונקלער פעריפעריע.

מיט וואָס איז „גאַנצער״ „איצט״ פון „פריער״ ?
מיט נאָך בלויז, און מיט נאָך, און נאָך
אַ טראָפּן וואַסער אינעם טעפּל:
פאַרוויכטיקט ז׳ניט דער ערשטער קאָך.

וואַר. „מאַשינעריע הייבט אָן
מיט טוישן בלויז דעם גאַנג פון טאָג
און ענדיקט מיטן וועלטגאַנג טויש.״ *)
ז׳אייך טאַקע וויכטיק אָט דער זאָג?
אַ חכם איז געווען דער אַלטער
זיך שטענדיק צלמדיקער פּאַוולע:
„מיר זענען גאַרניט. גאָט איז אַלץ״.
און אויפן שטעל דאָס שטיקל טרפה
באַשאָטן מיט אַ סיפּקע זאַלץ;
אַ דרויבל ניט פאַרלירנדיק
האָט ער, זיך קראַצנדיק אין פּליכע,
די בילדלעכסטע געדאַנקען וועגן
דער ערד און הימל, מענטש און גאָט
אַרויסגעלאָזט (און אַ נפיחה).
און וווּנדער איבער וווּנדער! ניט
געוווּסט פון פראַנציסק דעם אַסיסער;
אין וועלוולס טאַטנס הויף געווען
דער שטילסטער פויער, בעסטער שלאָסער.
ניט פון דעם מענערקראַפּטלאָזן,
געדאַנקען־שפּרודלענדן זשאַן זשאַק;
אַריינצוגיסן ליב געהאַט
סיי שפּירט סיי בראָנפן און סיי הליאַק
און הויל פאַר אים די קלאַנגען „טולא״,
„פּאָליאַנא יאַסנאַיאַ״, „טאָלסטאָי״...
. . . . .

---

*) דיואי

געוועזן, מיט איינעם וואָרט, אַ „העפּ״,
אַ חיה מיט אַ פּלוסל, אַ גוי.
. . . . .

און אנשל וואָס פלעגט וועקן דריי
ביינאַכט מיט „ישראל עם קדושים
יראו נא שמעו נא״, ביי וועמען
אַ יעדע מויד ז׳געוועזן „נאָך שלושים״ —
„און מעג שוין קלעזמער הערן״, פלעגט ער
זיך ווערטלען איבער זיינע צרות:
„ניט גוט, איר הערט, די גאַנצע וועלט טויג
אויף טישטשע ניינציק ניין כפּרות!
מהיכא תיתי, לערנען, זיין אַ מענטש.
נו, אָבער גאָט איז גאָט! — וואָס מיר,
מישטיינס געזאָגט?״ און מיט דער פּרייטיק־
נדבה אין האַנט איז דורך דער טיר
(קומט וועלוולען אויס איצט ווי אין חלום)
אַוועק אַ מענטש וואָס האָט צו אַלץ
דערפילט זיך: אויסגעהאַד׳וועט האָט עס
אַ מוציא ראַזעווע ברויט מיט זאַלץ.
און לעסטערן האָט ער בלויז געלעסטערט
דעם איבערוווקס פון זיינע טעכטער —
„נאָר אַלץ וואָס גאָט וויל, איז מיר רעכט,
נאָך אַ מין רעכט, דו גאָט גערעכטער!״
. . . . .

און זיסע זיסל, נעגלשניידערין
ביי ווייבער אין באָד, פירזאָגערין
וואָס פלעגט די ווייבער מאַכן וויינען
מיט שרהן און מיט הגרן:
געניטע תחינה־בעטערין
און בראַווע טויטנזיצערקע
און זשעברערין פון כל׳ע מיני נדבות
פאַר ארץ ישראל, יתומשאַפט,

און מער — אַפילו „פּאַר די אָבות״,
ביי ווען ס׳איז געבליבן שטעקן,
צו הערן שלעכטע מיילער, און אַפּותיקא;
שמעקנדיק מיט טוכלע פיש, קרופּניק,
קאַרטאָפלדיק און קרויטיק —
די זיסע זיסל אָפּ־ און־אויסגעריבן
האָט אַלע שטעטלדיקע ווענט
מיט איר פירשפּיל צום גרעסטן לויב:
„עך האָ׳ נאָ׳ ניש׳ קאַ ריינע הענט״,
אַ רייב אין וואַנט, „געלויבט איז גאָט!
עך ווייס? ניטאָ זעך וואָס צו קלאָגן!״

. . . . .

ווי ווייניק אַריסטאָטלען נאָכדעם
פאַרבלייבט שוין קערנדיקס צו זאָגן — — —

3

. . . . .

נאָר ליבער לעזער, איך הער דיין
גערודערע מיט וויסנשאַפט, ווי פּראָטעסטירן
וואָס כ׳קאָן מיין דורכגעמאַכטן העלד,
דעם העלד פון עקזאַלטירטן פּיין,
דערפאָלגרייך ניט אימוניזירן
פון אַלטגעבאַקענער, כמעט
פּיקטיוער היינט, קליין־ישוב וועלט.
און ווירקלעך. אונדזער וועלוול האָט
פאַררוקט די חושים אויף אַ זייט;
אויפמישנדיק אויפסניי אַ בלעטל
געזוכט צו קומען צערעבראַל
צום איבערשאַץ פון ריינע ווערטן,

און נישט נאָר פונעם דאָרף און שטעטל
באַפרייט קאַפּריזנע זיין געמאַך —
פאַרהערט די ווערסאַטילע פּלייט
אַפילו פונעם גרעסטן כרך
וואָס האָט אין אומזין פון איר שקוואַל
פאַרזוכט מיט זיינע חושים פלירטן.

און פאַר זיין גייסטיק ווילזיין האָט ער
אַליין געצומען די קאַלאָריעס
אויסצײלן לויט דער פּראָגרעסיווער
באַשטימונג, יעדן מינים, פעט
און ברענשטאָף פון ווי, וואָס אַ איזם.
פון אַוואַנסירטע וווּנק־טעאָריעס
האָט פּאַסיק צושניידן פּרובירט ער
זיך אויבערשט קליידונג, הינטערשט גרעט
און קעמפן קעגן מאָדערניזם
פאַרפלאַכטן איז געווען באַרייט
טריי צום מהות פון קאָנסערווירטער
און טיפערער מאָדערנישקייט.

ניט איינמאָל ט׳ער געריצט דעם שטן
מיט פּסיכאָלאָגיע, פילאָסאָפיע
קאָסמאָס צי אַנטראָפּאָסאָפיע
און נאָך אַזוינע שאַלעמויזן.
ער האָט זיי אפשר אומגעראָטן
גענוצט ווען אין זיין צוגאַנג־סאָפיע
צו מענטש, וועלט, זון, עפּיר און רויזן.
איי דאָס וואָס ס׳האָט דער גאַנצער שטאַם
באַפרידיקט זיך מיט מלופם־פשטות,
טאָ ווערזשע טראָגט אין גאַס זיך סתם
צעפּאַרענע, צעפּלעטשטע מעשטעס?

אַ ביסל חוזק צוגעלושעט
האָט ביליק זיך צו אים פון פּריער.

ער האָט געזאַמלט דערנער, און
מיט צוגעפּאַסטע יוסטע זיפּצן
זיי אָנגערופן בלומען
צוריק מיט יאָרן אָן באַראָט;
מיטשילערינס אין אויער געשושקעט
פאַרגאַפט „ווי דליא מעניא וועס מיר!"
„וואָס וועל איך אָן דיר טייערע טאָן?"
„כאָט ווידיט אָקאָ דא זוב ניעימיאָט!"
אויסדריקנדיק זיין איך „אַרטיסטיש"
פלעגט ער זיך שעמעוודיק צעפלאַמלען,
פאַרלייענט זיך ביז אַ זייגער פופצן
ביינאַכט מיט „ראָדינא" און „ניווא",
און יונג געשטימונגט פעסימיסטיש
שוין מיט אַ טשאַפּרינקע און גריווע.

אויך ער געווען דער פּיאָנער
אַדעקאַלאָן־גערוך פאַרשפּרייטער,
קאַמאַשן געלע אין דער געגנט
די ערשטע זיינע פיס באַצירט,
דאָרט אויך דער ערשטער אפשר מיט
אַ „גוטן רוסיש" מאַנעוורירט,
און קשיות פרעגן וואָס זיי האָבן
באַטיטלט אים מיט רעכט „צעדרייטער".
געקאָנט די הענט צעפירן זיך
מיט פיר פערד נאַשפּיץ אין אַ קאָטש,
דיסקאַנטיש וויאַלצעוואַן נאַכזינגען,
און ניט אָן חן, „דישאַלא נאָטש".

אין זומער מיט צוויי דאַשיקעס,
דיאַגאָנאַלשטאָף שמאָלע הויזן,
אַ בלוזע פון סאַטין, סאַנדאַלן
אָן זאָקן אויף די פיס — געשטוצט —
געשטוצט — די וועלט ביי זיך אין קאָפּ

האָרע־קאָרע איבערגעקערט.
באַשטענדיק. „אָנגעגורט די לענדן
פון זיין געשליפן צינגל״ מיט
אַ נאַראַטיוו אַ פּאַסיקן.
זיין פּאָטער — אַ זלאָטע־ווערסיע
פון פראַנקפורטער ר׳ מאיר אנשל;
די שטיפמוטער, מיט ברייטער האַנט
ווי ס׳פּאַסט אַ דענעשקע־גדולה.
אַרום פאַרגרויזטע ערטער גיט־אָפּ
דער ריח פון ליפּאָווע צוויט,
אָנרירנדיק נאָר אַ געוויקס —
ניט אַנדערש ס׳איז גאָר קראָפּיווע.
ער האָט ביים גורל אויסגעבעטן
אַ יתומדיקע סינעקור,
און איידל, מאָגנשוואַך, פאַרציאַפּעט,
אין גרעסטער היץ צי קעלט, ניט רויט
געווען ווי אַ צעפּאַטשטער צוויק.
דער ערשטער חלום, ווי ער קאָן
געדענקען איז געווען אין פּערזן,
אַ טרייסט צו באַדסאַנען, צו פרוגן,
ניקיטינען, נעקראַסאָוון.
דערזשאַווינס זשע „איך בין אַ צאַר,
אַ שקלאַף, אַ ווערימל, אַ גאָט״
האָט דערנאָך זיין פּילבאַרקייט, לאַנג
מיט וואַנזין, פאַנטאָמען געדראָט.

געראַטעוועט האָט אים וואָס ער
ז׳באַלד, ווי־אַרום, פאַרפירט געוואָרן
פון וועגדן זיינע אינערבליקן
(פאַרשטייט זיך גאַנץ אומדייטלעך)
ניט מער אויף אינהאַלט נאָר געשטאַלט.
ער ווערט־זיך איצט אַלץ מער און מער.
צי נעקראַמאַנס צי מעסמעריזם

האָט װערטער אײַנגעהילט אין פּלערן
פון װאָרהאַפט־אומבאַגרײַפלעכע
און מיסטיש פלאַגנדע אוזאָרן
פון מאָדנע קינדערשע געשיקן —
זײ האָבן אים דאָס האַרץ פאַרקלעמט.
זײַן זעלנטיר בלײַבט צוגעשפּאַרט
אין אַנשוי פון דעם קאַטאַקליזם
פאַר קײן דערפאַרונג ניט צעפּראַלט;
אַ נײַער שטרויכל פלאַץ פאַרנעמט —
ניט װעלנדיק געשטרויכלט װערן.
ער דאַרט פון טאָג צו טאָג און קװאַרט.

און װעמען זאָל זיך דאַכטן אויב
דעם לעבנס גרוילנדיקער אומגנאָד
איוף יעדן לויערט װאָס פון שטויב
און פּליסיקייט ז׳צונויפגעשטעלט?
רעפּלעקסן רײַסן זיך געזעגנט,
װי צאַרטער פלאַקסװעב אויפן שפּינראָד,
פון יאַנטלס יעדן זיסן סוד
און פאַלן אין דעם אומגנאָדס שנוק
װי ס׳װאָלט זײַן די באַשערטע נעסט.
און ליכטיקער יסוד פאַרשװענקט
דעם זין פון יעדן מאַרכדרוק
און ס׳פלאַכט זיך ס׳רוב דער אַלטיטוד
פון פריידיק ייִנגלשן פאַרמעסט:
נאָר ס׳איז דאָך פאָרט ערשט קיי־און־שפּיי.
אך! נאָך ניט אויסגעפּרוװט די קראַפט,
דער אימפּעט האָניק זיסער! א
געדאַנקענװאָגלער זוכט אַ נוסח,
אַ שפּאָגל נײַעם. פּלוצים שרעקט
אים דער דערנען־געפּיל „אָט הוסט איך!”
פּיטשנאַס פון שװייס, אַ פּענכער ביי

די פיס: די קרענק האָט אים פאַרהאפּט,
די זנאַכארקע האָט אים פאַרלעקט.

דעם צווייטן טאָג זיך טויטשען שוין
אויף האַרטע רודעס דראָבינקעס
און ברענגען פון פאַר ווערסטן ווייט
צו יאָנטלען טראָפּן פון דעם דאָקטער
. . . . .

ל. ל., נאָר חכמות אין אַ זייט:
כ׳מיין ניט אָנדרייען די ספּרוזשינקעס,
די צאַרטע, פון דיין מיטלייד אין
באַצוג צו אונדזער העלד. דער פאַקטאָר
פון הוסט ז׳געווען אַ ברודנער רעגן
(און ניט דער שרעקיקער טי. בי.)
וואָס נאָך פון פאַראַכטאָגן גיסן
האָט אָנגעהויבן. דער „קאַרשוין״
האָט אויף אים רעאַגירט מיט ניסן.
איצט מוז ער ליגן גלייך און טאָר זיך
אַ ריר ניט טאָן. זיך אויסצוהיטן
איז ניט גאָר גרינג. ער איז ניט בראָוו.
קאַנאַלן ווייסן אַז זיי מעגן:
מיט פליסיקייט פאַרפולט, אויספליסן
זיי פריי פון אומעטום. דאַרויף —
אַ האַלדזשלונג און אַ נאָז.
אַבי
מע ווייסט די קאָנסעקווענטע אורזאַך
פון אַ ווי וויכטיקער דערשיינונג,
דערהויפּט ווען ס׳פירן לעווקאָציטן
און פאַגאָציטן אַ געפעכט
פון לעבנהונגער, טויטנהונגער;
און דאָ בשכנות שלאָפט אַ לאו —
געשטאַלט פון טאַטן, טאַטנס פרוי,

אַ לאַו פון אַ מיליאָן רעגיסטער,
דערצו בשכנות כראָפּעט־אויף
אין ריטם אַקצענטירט, אַנטבלויזט.
די דינסטמויד — וואָסער ליים־און־שטרוי
קאָן ביישטיין דעם נסיון פון
דערהיצטן אָנגריף אויף אַן איינונג
מיט שטרוי־און־ליים, מיט שלאַבער זיסן
צורוף־גוף פון אַ צווייט געשלעכט
וואָס זאָל פאַרמיידן אין דער גרעסטער,
געהיטסטער פאָרזיכט בעטס אַ קריץ
ביי דעם אַראָפּגיין, און די פינגער
אָנגיטעוועט אן אויפגעברויזט
צעפלאַם, אן אָנגעדראָלטע ציץ?

דער ווייזער אויפן ציפערבלאַט
פון ייִנגלדיך זיך רונדלט ניט
איצט מער. ער איז אָנשטרענגט געצויגט
אין יונגער מענערשאַפט באַשטימטקייט
אין שאָטן פון עראָס־נאַש,־זשליאָק
פון פרוכטן, וויינען אַלערליי — — —
אַ מאָכיק פיליגראַן געוועלדל — — —
פון אַ זון־זייגער דער שטאָלצאָק.
דאָס אומבאַיאָרטע רוי געמיט
פון קינד איז איצטער פאַניבראַט,
פון קינד איז מענערש וואַכיק ביי
דעם איבער־בגרת תהום. דאָס העלדל
קומט — דעקט אויף — און בויגט —
זינקט זינקט פאַרזינקט אין חשק פון
אַ טוליענד לאַשטשענדיקער רונדקייט
אַ זינדיק זידיק זיסער רונדקייט
אַ וואַיניק פייניק תענוג רונדקייט
אַ אויבערשט זויבערשט פיבערשט רונדקייט
אַ הינטן היפטן גרונטן רונדקייט

אַ גלאַטער פלאַטער קראַטער רונדקייט
אַ האַרטער צאַרטער מאַרטער רונדקייט
אַ קאַליברי־פלי קני־ברי רונדקייט
אַ בריסטן יוסטע פריסטער רונדקייט
אַ לאַנגען גראַנען שוואַנען רונדקייט
הייסשווייסיק מהיכאָ תיתיק רונדקייט
...די רונדקייטן צעשמעלצן אין
דעם טשאַדנעם גופים־זשאַר קרומליניק,
פאַרלירן זיך אויפסניי אין וואָרטעקס,
אין נייער פאָרם, ווידער רונדיק,
העט ביז דער אויסגעלאָדטער לאָגל
אַריבער גיט די פירערשאַפט
אין דעם פראַגמענט פון מיטאָסן
צו דעם קאָנטראָל פון שטאָלצן קאָרטעקס
וואָס איז דער וואַכמייסטער פון רעג,
און דער פונקציאָנער וואַכט־אויף
אין די צעוואָרפענע מקומות
מיט ליאַרמיק צענזאָרן־רעפלעקסן
פון דעקאַלאָגן, עטאָסן,
פון ווימלענדע הן־לאו קאָדעקסן
וואָס מאַכן אַלע אינסטינקטיווע
געטעמפטע זיסקייטן אָפטריניק
און טאַפנדיק צוריק אין הולד
קלויבט ער זיין ווען שטיל צונויף — —
אין דעם פאַריאָצטן מיטנאַכט־וואָגל
טראַכט יאָנטל מיט געמישט געניוס פון
זיין קילן קישן קאָלדרע ליילעך
אַביסל מיט מאַרטירערשאַפט
און חלומט שפּעטער אָפּט חלומות
פון אַ בוד־ראזשא מיט נאוטש־שיקסלעך
און פילט אין אַלגעמיין פאַרשיווע.

ביינאַכט־פּאַסיר האָט גרינג פֿאַרשטערט
דעם ניכטערפֿרידן פֿון זיין טאָג.
(די עלטער פּרוווט דעם דראַנג פֿאַרליישן,
אַ קינד קומט שווער אָן זיין סקאַרבאָווע.)
סיי פֿון דער נאָענט סיי פֿון ווייטן,
פֿון הינטער יעדן פּרויענהעמד,
וואָס פּאַראַ לייבל אַ וואַטאָוון
און וואָסער קליידל, סיץ צי טערנע,
פֿון אַלטער, יוגנטלעכער פֿלאָג,
אים ציִען קאָנוס־בולטקייטן
צו זיך אַזוי שאַרף קורווען־דראַנגיק
און ברענען ווי צעגליטע פֿרענט.
ער זוכט מיט גאַרן זשעדנעם בליק
די קליבע־ליניעס פֿון אַ מיידל
מיט וועם ער שפּילט אין פּישעפּיישע,
אַ זעקסנזעכציק צי אין דריידל.
ער ווייסט עס איז די שפּיל מיזערנע
און ווערט פֿון איר דאָך פֿאָרט פֿאַרצערט.
ניט אָפּגעשאַצט נאָך איר געשטאַלט,
איר בעטלערן־, פּרינצעסן־מראה,
ווי פּלוצים אים באַהערשט דער גוואַלד
וואָס מאַכט אַ פֿלינקן טאַפּ אַוודאַי
טאָן אירע ליטקעס דורכן קליידל
ווען ער קריגט, „שמאָנדרעק! אין דרערד אַריין!
עס זאָל פֿון דיר אַרויס די פּאַרע!"
דאַרין ליגט מער פֿאַרוויר ווי כעס.
כאָטש זי פֿאַרענדיקט די טיראַדע
מיט שטאָלץ, „איך בין אַן ערלעך מיידל,
דו חמור־אייזל, גרוביאַן",
דערשנאַפּט ער טעלעפּאַטיש אַז
אין איר ווערט קיין מניעה ניט זיין.
און די מאַנקאָליע ווערט פֿאַרפּיעשטשעט

פון אַ באַדאַכט איראָניזירן,
ער פּרוּווט זי אין געדאַנק פאַרניכטן
אַלס שמאַראָוואַזנע פּיערעט;
און פון קליינשטעטלדיקן, פריִען,
צו־פריִען דאַנזשואַניזירן
באַלד רעזולטירט אַ צעקאַליעטשעט
אַ פּרעך סאַרקאַסטישער סאָנעט
ווו ער באַהאַנדלט מיט אַ פּירוואָרף
מ׳לאַקאַלן אָרימלעבן עיפּוש
קלישירט מיט עסיק־אויל געאיכטן
און פּושקינישן ווינאגרעט:
„ביינאַכט בין איך דער גרעסטער אויסוואָרף,
בייטאָג בין איך דער מיאוסער טיפּש!"

שוין טויזנט און איינמאָל געווען
אויף דער באָלאָניע, דער ציגעלניע;
אין פּאָטשט דריימאָל אַ טאָג (אָ זיסער
גאָט); אומבאַדינגט פאַרנאַכט שפּאַצירן;
שוין נמאס הערן בלאָטע מעשהס
פון שעלמע פורמאַן אויף דער קעלניע;
פון כוואַטסקייט אומגעשטויגענער
רעקאָרדן נייע עטאַבלירן.
ווייל מער ווי וואָס (און דאָס איז אמת)
איז אַפּולעיוס׳ „גאָלדן אייזל",
באַלזאַק און אַרציבאַשעוו און
דער „רוס" אַש האָן דאַרין אַ חלק;
גארגאנטוא, דער פלאַקנשיסער;
דער סמאַטשנע וויץ פון „פּורים־קעזל",
און אַ גלייכווערטל פון אַ פעטער
„די בחורטע איז גאָלעביילעק".
צעטראָגט זיך פּלוצים איבערן שטעטל

אַ קלאַנג אַז אַן אינטעליגענט
לויפט שוין אַביסל צו צו אָפּט
אין אַפּטעקאַרניע נאָך . . . יאָדינע.
פּאַרעל, קראַפּט עבינג, וויינינגער
און ביכלעך סתּם פון היגיענע
שקראַב־שקראַבען אונטערן קאַשקעטל
אַז עס איז פּע! ניט שיין! מגונה!
און וועלוול זאָגט „אַ רעוואַר!"
מיט אַ באַנייטער קראַפּט און האַפּט
מיט איינמאָל צו אַ צענדליק טבעס,
פּאַרפּלאָגטע און פּאַרניערעטע

. . . . .

— געפּונען פּלאַטאָ זיין סאָקראַט —

. . . . .

ער'ט אָפּגעשידן שפּעט אין טבת
פון אַלע ביזאַהעריקע
די יונגלייב כוואַשטשנדיקע מעוועס
און אין זיין נייעם מדריכס אָרט
ערשט אַנגעצויגן מולד שבט.

4

דער ווייסער ווינטער האָט געשפּילט
מיט מרה־שחורהדיקע בערעס,
צעהוליעט, אָפּן און געהיים.
די פּוישן, בורקע און באַשליק
פּאַרווייעט זענען, טיף פּאַרשנייט.
די לעצטע שעה פּאַרציט זיך מילד,
נו זיי געזונט מיין ליבע היים!
כ'וועל ניט פּאַרגעסן דיינע לערעס.

פאַר יאָנטל פאַר געזונטערהייט!

דעם שאַליק אַרום האַלדז פאַרבינד
געהאָרכזאַם, פלייסיק זיי און לערן
דו ביסט שוין ניט קיין פיצל קינד
די אויגן איבערפולט מיט טרערן.

מע לאַכט אין פאַר־אָפפאָר צעשטריי
ביי יעדן קלאַפּט דאָס האַרץ אומרו:ק
נו יעדער אָפפאָר איז אַזוי
אַמווינציק ווינציקסטן אַזויאיק.

אומלויף ניט. קוק ניט אויפן הימל
אין הימל ז׳גאָרניטאָ צו זען
און ווינטערהימל יאָגט אָן דרימל
גיי פרעג פאַרוואָס! גיי פרעג פאַרווען!

מיט ליבשאַפט יעדנס בליק דרינגט טיף
און איילט אין זיך דיך איינצוזאַפן
אַך! ווען ס׳איז נאָר אַ בליק צו כאַפן
דורך וואָס פאַראַ מין סאָרט שפאַקטיוו

אין מזל־קינפטיקייט, אין „ווערן"
וואָס שטייט אים סומנע דאָרטן פאָר,
די מאַמע דיינע, יאָנטל... (טרערן
קויל הייסע...) דיר צו לענגערע יאָר.

און אירע ברעמען, אירע אויגן
דער ווילדער קוק אַפילו אירער
ער׳ט מיט איר מילך אַריינגעזויגן
דעם זענג און זיג פון אור־מאַרטירער.

ווי אויסגעגאָסן שטייף דער פורעם
פאַרלעצט די רעאַגירונג־גאַמע
פון ביאָלאָגישן אָפּקלויב
דער שטויב באַשאָנקען מיט נשמה
אין העלפאַנטביינערדיקן טורעם
און אויס נשמה, ווידער שטויב.

אין הויז געשאָסן נעכטן האָט מען
מיט ווערטער ווערטער ווערטער ווערטער
וואָלט ווייל אַ וואָגלער נאָר אָנקומען
בשלום אין זיין רו באַשערטער.

די שטרעקעס לויפן באַרגאַרויף
די שטרעקעס לויפן באַרגאַראָפּ
אָט לויפן זיי גאַלאָפּ, גאַלאָפּ
און ערשט פאַרמינערט זיך דער לויף.

ניט טראָגן וועט דער פינאַכאָד
מיך מער ביז — ביז איבעראַיאָר
די זאַך איז מעגלעך טרוימגענאָד
די זאַך איז מעגלעך מער ווי וואָר.

אין אוממאַכט פלאַצט אַ פייניק בלעזל
ווער איז דער „מאַכער" אָנפאַרטרויטער ?
טראַכט בלינצלענדיק ס׳פאַרמילצטע נעזל
דאָס סטרעמפּלדיקע און פאַרמלויטע.

די אייגלעך שמייען אום ווי מייזלעך
מיט שרעק... גלייכגילטיק... מיט קוראַזש...
אַ שליאַכטיטש לויפט אָן מיט „קאָזאַקלעך"
אַנטקעגן זיי אין פליאצקע סטיאַזש.

דער טאַטע שרייט אין פריר, „דזשען דאָברי!"
און יענער פרעגט, „פּאַן ייִד, ווּהין?"
זיין סטאַסיעקס זאָטל און דער כליסטיק
פון ווונדערלעכן קומען ווין.

דער כליסט איז זיידן, ניט סעראַטן
דער זאָטל — לעדער־פיליגראַן
דער פליאַקע־שקאָץ פון פליאַקע־טאַטן
קריגט אין דער פליאַקע־מאַמע אַריין

אַזוי איז שוין ביי זיי, רק שעלטן
אַזאַ מין גאָט־פאַרדאַמטע אומה —
ר' יואל דעם זון באַגעגנט וואָלט מיט
„כאָליערע טציענזשקי נאַ טיעבע נימאַ?"

מיר זענען באַלד שוין דאָרט, נו זיכער —
טאַטוסיע, זענען מיר דאָרט באַלד?
געוויס, מיין קדיש, ווי מיר קריכן
אַרויס נאָר פון לאַזאָווער וואַלד.

הנאהדיק און פאַר־אינטים
ווי אַנדערש איז דעם לערערס הויז
און זי זאָגט: „יאַשאַ, לאָז־זשע אים
באַוואַסערן די ווינטער־רויז".

— אַזוי איז דאָס גאָר די מאָראַל
פון פאַבל „ראַק און שוואַן און העכט?"
ווי יונג, און רייסט זיך צום פּאַרנאַס —
גאַנץ פיין, זייער פיין. גאָר ניט שלעכט,
נו גוט, נו ווויל, אין ערגסטן פאַל
וועמיר אָנציִען צום פיפטן קלאַס.
איצט וועמיר טאָן אַ שיק אין שטאָט
נאָך צוקער משה „טאַטעס" — ס'נאָך?

דאַן וועמיר מאַכן טיי, ר׳ יואל.
נו טוט זיך אויס דאָס פוטער, אָט.
די וועטשערע איז נאָך אין קאָך.
דאָס דרויסנדל וואַרפט אָן אַ גרויל.
ביזט יאַנטעלע צופיל פאַרבלאָסט
צום לערנען דאַרף מען כוחות אויכעט
נעם טרינק נעם, מוניע זונעלע,
נעם עס, אַניט וועט דיך דער גאַסט
ניט נעמען אויף די הענט.
זע, פאַליאַ, זע נאָר ווי דער וויכעט
פון הרובע פאַלט אַרויס און ברענט.
טאָ וואָס זשע הערט זיך עפּעס נייס?
ווי גייט עס מיט דעם נייעם פּריסטאַוו?
ער שרייבט אַ פּראָטאָקאָל, און מעקט.
איך גלויב מ׳עט דורכקומען מיט אים.
עס האַנדלט זיך נאָר אום דעם פּרייז.
ער בייסט ניט, כאָטש ער האַוקעט האַוו —
אַ דאַנק, אַ דאַנק איך רויכער ניט,
אַך ווי דאָס ציגאַרעטל שמעקט
נאָר כ׳האַלט ניט פון קיין ניקאָטין.
ווי גייט ביי אייך אין די מסחרים?
דו שקאָץ, לייג ניט דעם לעפל אָפּ.
צו וואָס זאָל איך דיך היטן, זון?
אַ קינד דאַרף עסן וואָס מען גיט.
(דאָס מילדע מויל איז אָנגעשטאָפּט
מיט און, און אך, און נו, און און.)

ווען־ניט געזען נאָך אַזאַ טיש
אַזאַ מין עטאַזשערקע, שאַפע.
דאָרט ווו מען קומט אַריין — די פּיאַנע.
דאָ, אַ געשניצטער טאַבורעט.
אַנטקעגן זיי, אין בלומענבלעטער,
די לאַשטשענדיקע אָטאָמאַנע.

אין מח ביי אים אַ ווילד געמיש,
די באַקן ביי דער דינסט, מיט שקראַפּל.
איר פלאַטשיקייט דערמאָנט אַ ברעט.
דערלאַנגט די טיי, אַביסל שפּעטער
געבראַכט די ערשטע פּאָר געריכטן.
— ניט זאָרגט זיך, גאַספּאָדאַרזשע, אָט —
מירן אים נישקשהדיק אויפריכטן.
אויף דער קושעטקע וועט ער שלאָפן
מיט אונדז ביי דעם טיש וועט ער עסן
זיין אָפּגעהיט ווי ס'אויג אין קאָפּ,
דער טאַטע זאָגט: נו לאָמיר האָפן...

. . . . . .

געשווינט אַרויף, אַראָפּ געפּעסן

. . . . . .

און ס'עפנט זיך אַ ריגעלע
אין איטלעך קינדערש ביינדלס אינער
און ניט קיין גאָלדן ציגעלע
פאַרווישט אויף ווייטער דעם דערינער
ווי אונטער יאָנטלס וויגעלע
פּיק־פּיקן (הערט אַ מעשה!) הינער

די הינער לייגן גרינע אייער
צו צוויי — אַ דרייער, דריי — אַ צווייער

די קליינע פרישע הענדעלעך
צעשקראַבן מיט די ציינדעלעך

ווי שדימלעך אויף טויג דאָס מיסט
דאָס מיסט אויף טויג ווו לער און פוסט

און יאָנטל ט'ווערן גרויס און גרעסער
און בויען מויערן און שלעסער

און זיין אַ מאַן אי פרום אי גוט
מיט ליב געמיט און מילדן מוט

אין שול ט׳ער שטענדיק לערנען תורה
אין גרויסן נאָמען פון זיין בורא

און גאָט וועט יאַנטלען באַגליקן
אַ שיינע כלה אים צושיקן

עס וועט אים וועלט מקנא זיין
קוש יאַנטל קוש אין טאָכעס אַריין

ק אָ ד ע

פאַרליולע קינד אין צויבערשלאָף
פון איינגעגעסטיקט יונגן עוף

זאָפּ איין די לופט, לופט ריין און בלאַנק
פאַר דיינע לונגען היילגעטראַנק

פאַרשטיל דעם אימפּעט אין אָנריר
פון גאָטזעל מוטער לעבן דיר

דיין הענטל לייג אויף איר בלאַסברוסט
פאַרשטילנדיק אין איר זונלוסט —

5

און אַז דער פיפּערנאָטער האָט אויסגעצויגן זיין לאַנגן מאָגערן האַלדז און זיך אָפּגעזאָגט פון ווייטער שפּאַנען, איז דעם לעמזיק, זיין אָנטרייבער, גייענדיק ביי דער זייט און פעסט האַלטנדיק דאָס צעמל, איינגעפאַלן צו דערלאַנגען אים מיטן לאַנגן דראָט ווי מיט אַ בייטש

אַ מעשה אַ ביסל, זיי זענען שוין געווען ווייט אַרויס פון וואַלד, העשעלע מיט נאָטקען, אַנטאָן דעם פורמאַנס שייגעצל, אויפן פּיפּערנאָטערס רוקן, און דער לעמזיק מיט זיי

לעמזיק לעמזיק

מדבריות פאַר זייערע אויגן

דאָס גרינצייג שפּרייט זיך פאַר זיי

דער אומגנאָד פון אַלמעכטיקן אויף אַלע פעלקער, אויף פאָלק ישראל

אומעטום איז איצט פריילעך צום ערשטן חנוכה־לעכטל

ער העלפט דער מומע צביהן אויפסיליען די צעשאָטענע פערל צו יויזיפלס בן־זכר

דער טאַטע האָט זיך אויסגעוויכנעט דעם אָרעם אַרויפקריכנ־דיק אויף דעם הסב־בעט

דער פעטער איכל אַזאַ הייסגעבאָדענער, נאָר ער שרייט און רוגזהט

די אַלטע ריסיע אַבישס לויפט נאָכן פרייטיקדיקן איוּוניק צו פאַרקלעפן טשאָלנט

צו אַכפערן אַן אַלטן ייִדנס זקנה

די אַקערמעזשעס ווייסגעקאַרבט

בעריש שוסטער שפּריצט מיט אויל אויף יעדן קינד וואָס קומט צו אים אָפּנעמען די פאַרלאַטעטע שטיוולעטן אויף יום טוב

די יתומים אין הקדש האָט ניט ווער צו געפּאַטערן

צוועלף אַזייגער קלאַפּט דער סטאַראָזש אין די גראַטעס

דער דאָזש מיט דער דאַגאַרעסע האָבן זייער יונגן זון אָפּגע־פונען און שוין אויסגעלעבט גליקלעך זייער גאַנץ לעבן

דער וויינריב פּלעכט זיך אַרום מגידס טירן

די טולבע קוקעלע שרייט שוין ווידעראַמאָל אויף די ציין „אוי מאַמע פּאַרוואָס האָסטו מיך געלאָזט אַליין מיטן סאָלדאַט ?"

יעדערמען פּעלט אויס אַ פּינפּערל אַ צענערל אַ פּופּציקער צום יאַריד, קומט מען דולן דעם טאַטן

אָקסטאָג דרעשט מען שוין אויף דער פּיציניע

האַי־יאַר ניט געראָטן, נאָסע פּאָגאָדע

דער שפּאַק רייסט זיך פון דער טשאַרטעפּכאַיקע און זעצט אַנטאָנען אויס אַ צאָן

דער זשאַנדאַר גיט אָפּ סאַלוט דעם סמאָטריטל

ליטמאַן פּעטער צאַליעס פּיעשטשעט זיך און כאַפּט פּעטש ווי האָלץ

די זאַסיקעס פּאַרפּולן זיך מיט פויערשער תבואה און די סטאָדאָלעס מיט פּילוואַריטשנער

אין שולפּאָליש גייט אום קיווע דער משוגענער און שרייט „יִדן, משיח קומט אין דר'ערד אַריין זאָלט איר מיר ניט גיין אויף קאַטאָוועסן !"

ביינוש צעלניקער וועגט און מעסט מיט פֿאַרגלייזטע אויגן און רוקט די גראָשנס אין די כּאָליעוועס און קראַצט מיטן זעקסטן פֿינגער די גוליע אויפֿן האַלדז

ס׳זאָל יענעם צופֿן ביים האַרצן גאָטעניו, שרייט סאָסל שייקעס צו שייקע ברכהס

דעם באָגדיכאַנס קיביטקע קאָטשעט זיך אַוועק איבערן ברייטן שליאַך פֿון מאַטושקע ראַסייע

ווי וועט זיין די פֿעלקער אין טאָג פֿון רעכנשאַפֿט פֿאַר זייער טון טאָן שלעכטס צום פֿאָלק ישראל

טופּ מיטן פֿוס

קריץ מיט די ציין

דער קורטעזאַנט קוקט אויף איר, אין אירע קאַרע אויגן

דעם טייערן גאַניידעם האָט דער עלטערפֿעטער יאָשע אַרויס־געוואָרפֿן, און יענער גוואַלדעוועט: אָט גייט ער נעמט ער לויפֿט ער צום „סוד״ מאָנען צוויי יאָר קעסט וואָס אים קומט אַ רוחן ווייבס משפּחה אַריין

די ערשטע אָניקס פֿיגורן וואָס ער׳ט ווען געזען ביים פּאָטשט־מייסטער אין הויז צו ליובאָטשקעס אימענינעס זענען די שענסטע אין דער גאָרער וועלט

מע ראַמט מע וואַשט מע שייערט אין הויז אויף פּסח, און מיכאַלקע גיסט אַריין אין גאָרגל פֿאַר אָפּקויפֿן חמץ

טאָמער ט׳עמיצער אַ פּיפּס טאָן אַז ער וויל אַן אַנדער בעל־טאַקסע ווי דעם בלויען לייבוש ט׳זיך טאָן מעשים

אין קלוניע האָט זיך פאַרגנבעט די שיקסע און וואַרט אין דער צוגעפאַלענער נאַכט אויפן סעמינאַריסט

די ייִדענע ביים רב אין קיך זאָגט מען פאַרמאָגט קלעפּיקע הענט, און ס׳וועט נאָך סטייען קליעפּקע ביים טאַטן אין וואַלד אויף גאַנץ אָסיען

דער שלאַמבאַן איז יענע נאַכט געווען פאַרשטעלט און מען האָט געכאַפּט איוואַשקע גנב

די וויטע קרובה בראַנציע האָט פופיק גרימעניש טאָמער קריגט איר דן קיין לגאָטע ניט

די שפּאַלן צו דער באַן זענען אַלע פאַרבראַקירט געוואָרן, און ס׳גייט דער טאַטע אום מיט גריזאָטע

די קנעכל בריִען ווי פון הייסן פּריסיק

ער האָט געוויינט ווען טעמע קאָוקעס האָט אים געקושט צו איר קנס־מאָל

די חתונה וועט ניט שטאַטזיין ווייל דער סטודענט איז אַ הולטאַי און אַ פוסטער פּיליסטראַנט

אויף סמאַטר שטייען די סאָלדאַטן אין אַ שערענגע און מאַכן אַ וואַרע און שרייען אויס „זדראַוויאַ זשעלאַיעם"

דער סמבטיון איז אַנטרונען מיט די צען שבטים

דער געצווייג פון די סאָדביימער איז קאַרשנדיק און ווינשל־דיק און מאַרעלנדיק אָנהייב זומער

דער קאַפּעשאַן איז דעם קסיאָנדז קאָמיש פאַרפאָרן אויפן אויער ביים שווענצלען

זואָס קען שוין זיין שענערס ווי דעם איספּראַווניקס פּאָזו־מענט, דעם קיסרס קען שוין שענער ניט זיין

דער הימל איז בליי און צין און די סלאָטע אין־לשער

די דראָבינעס קרעכצן ווי דער אַלטער ציגיינער אין דער בודע ווען ער אַנטשולדיקט זיך און ברייעט אַז ניט ער האָט צוגעגנבעט מוני קאַצאַביילעס קו

די סנאָפּעס אין פעלד שטייען שיין און שטאַלטנע ווי סאָל־דאַטן אויסגעדריגעטע

ביים טייך וואַשן ווייבער וועש און פּראַטשן אויס שטאָטישע פליאָטקעס

אַ כאָפּטע קינדער שטייט אַרום קיווען און ווילדעוועט „צאן קדשים — מע!"

אין פירהויז גיט אַנטאָן אַ כאַפּ די ראַבע ביי די ליטקעס

וועווע בלעכער, ווען מען פרעגט אים וואָס ער מאַכט, „געלויבט זיי גאָט עך רייב נאָך אויף די זשאָרנעס" גיט ער אַזוי אַ זאָג אָפּ

פּאַלאַשקע די קורווע טאַנצט אויס אַ קאַמאַרינסקע אין מיטן מאַרק ווען זי איז אָנגעשנאָשקעט

איצי בענדעטס גיט תקיעת־כף ביים רב אין הויז, ער'ט שוין מער זיין ווייב מיט די קינדער ניט מביישזיין מיט דער גויה ביי זיך אין שטוב, נו פּטור! אָפּגעקומען מיט אַ כאָפּהייער

אין די קלייטן זענען די ייִדעלעך צעשראָקן ווען פון יאַריד־מאַרק קומט דער שכורער געברום פון די נאָוואָסראַנצעס

פישעלע דעם רימערס דראַפּעט זיך אין סטאַנדל אויף דער גאַסנוואַנט און פאַרהילכט גאַנץ בראַד מיט „כ׳וויל קלוצקעס מיט מילללללדדדדד״

דער שוחט האַלט יאַנטלס כפּרה, אַ פּרישצאַפּלדיק האַנדל, און פאַרדרייסט אים ס׳קעפּל

דער באַטשאַן אויפן דאַך פּירט קריג מיט זוגתו היקרה

דער צאַפּ האָט אָפּגעגריזשעט ווי אַ סנאָפּ פון סטריכע און אויסגעלעקט אַ האַלבע וואַנט ביי ירוחם מלמד

פייביש חזן פּרוווט און פּרוווט די קעל און יעדער פאַרביי־גייער וואַרפט צום הויז מיטן קאָפּ און לאָזט אַרויס מיט געלעכטער „אַ קאַטשען בלייבט אַ קאַטשען״

יאָסי מילקעס מאַרדעוועט מיט דער מוטער פּופּצן מאָל אַ וואָך און האָוקעט „אַז י׳ינגערע פון דיר ליגן שוין ניין איילן אין דער אדמה און דו — גאַרניט! אַן אייזן אַ י׳דענע!״ און זי פּאַנפּעט צוריק מיט אַ כריפּ „נ—איך נ—וועל נ—דיך נ—פּרי׳ער נ—באַגראָבן, נ—קדיש נ—מיינער, נ—וואַרט — נ—וואַרט —״ און דליבעט ווייטער מיטן מעסערשאַרף אין ווערמיקן עפּל

עס קלויצעט זיך אַביסל פאַרן סטאַראָסטעס וויבאַר

די שולשניידערלעך שלאָגן זיך פאַראַ נאַווינע אויסנעמענס־צייט און קוקן אויס צו מוסף ווי אַ געממיתטע אַרמיי

שניידער יונגוואַרג בוצקעט זיך מינאַרנע און וואַרפּט־צו איינער דעם צווייטן „פּאַלגוטש״

די קראָקוועס אויפן הקדש־דאַך טאַרטשען אַרויס ווי די ריפּן ביים שמאַטעלייניקס פּגירה און דער נגיד עליע עפּשטיין פּאַרט קיין קראָקע אויף אַ רעפּעראַציע און פרעגט שוין גלייכער ניט צי ער קערט זיך אום קריק

עוזרקע באַהעלפער וואַקסט־אויס אומעטום, ווו מען זייט אים ניט, מיט פּעקלעך עסן און קלומיקלעך פאַר די קינדער, מיט צעטרענטע נאָטן הינטן אויפן לייביק, פון טראָגן קינדער אין חדר אין די גרויסע סלאָטעס

אַ וואַרשטאַט־געזעל זינגט פון אַרום דאַמסקע קליידער אַרויס „אוי, טייכן טרערן רינען פון אירע אויגן” און עס ווערט אי לעכערלעך אי נודנע אי קאַלאַמוטנע אי באַנג אויפן האַרצן

אייזעלע טעסלער גייט פאַרביי און שטעלט זיך אָפּ ווו אַ פידאַשעק „האָט איר ניט אַמאָל אַ ציגאַר טיטון עפּעס, צי אַ שמעק טאַבעק, האַ?”

שמעלקע פּאַהאָניטש שמירט דעם וואָגן און ניסט מיט טרערן אין די פּאַרפּאַפּטע באָרד־קאַלטענעס און וואָנצעס, און זאָגט נאָך יעדן ניס „אַז צעזעצט זאָל איך ווערן מיינע שונאים ניט אויף צעפּוקעניש”

פאַר צאַליע הענדלערס טויערן שטייען גוייִשע פורן מיט מאָן ליאָן גערשטן פּראָסע רעטשקע סימניע האָבער קאָנע־שינע ווייץ

ביינאַכט האָט מען ביי לייזל ליפּעראַנט שטיל אַרויסגעדור־מאַשקעט אַ פּאָר לאָשאַקעס און סע ניט קיין סוד אַז דאָס איז יאַנקוליע מסורס שטיקל אַרבעט און ווי וואָס ס'טוט זיך ווען מען געפינט די גנבה אויף דער באָלאָניע

דער ערל וואָס שוואַרצט אַריבער דער גרענעץ דרייט זיך שוין ווידער אַרום אין שטעטל און „פּאַמאָהאַיביט“ ביי מערע קאַנאַפּליע דעם שינקאַר און יעדער וויטעט זיך מיט אים „יאַק סיע מאַיעש“ און נעמט אָפּ אַ גרוס פון וועזשע אין דער אויעזדנער שטאָט

סטיסיע דער בעדערנס טראָגט פאַכירן אונטער די אויגן און ס'טוט זיך אַ געלאַדעניש ביים רב מיטן מאַן אירן „אַז זען זאָל איך אים שוין מיט די פיס צו דער טיר“

דער נייער לערער מיט דער קודלע, זאָגט מען, פירט זיך אום מיט ליאַליע וועפּריקס מוידורע, אָט די וואָס צוליב איר איז דער פּאָטשטאַליאָן לעצטן פּעטרע אַנטרונען, נאָכדעם ווי ליאַליעס שוואָגעריק, איצל ציניעס, האָט אים אונטערגע־שלאָגן די אויגן

דעם פּערטן שידוך שוין אויך אָפּגעלאָזט מירעלע זאַזוליע — ס'גייט נעבעך ר' זאַוולען פון נומער אַרגער צו נומער אַרגער, קיין מזל ניט צו אַ שידוך מיט זיין געבולבעטער בתולה

די ראַבע זיצט אין אָוונט מיט פּעקלעך פלאַקס ביים שפּינ־ראָד און זינגט זיך צו „כל מקדש שביעי“ נאָר ווי אַ יידישע טאָכטער

דער מאַזור דער ראַנטשאַר פאַלט־צו צו געליע אַברהמלס פיס און שווערט זיך מיט טויטע קללות ביי ווייב און קינד און דער גניאַדער קאָבילע אַז מער לקחנט ער ניט קיין ליולקעס פון איר קאַסטן אין מאַרק

ראַנטשע בוהאַי שפּאַנט אום ווי אַ פּאַליהאָן, אין איין האַנט אַ פּיזשעלע, און מיט דער צווייטער טאַפּט ער ווו אַ קו, אַ

טעלעטשקעלע אַ פּערוויסקעביים אייטער, און אַמאָל טאַקע די גויה אויך

בונם שמש לויפט פאַרסאָפּעט מיט די קרומע צוויי פיס און רוימט דעם און יענעם איין „האָט ניט קיין פאַריבל, משה פון דער באָינע בעט איך צו זיך אויפן ברית"

ראַצל גלאָמפּ שפּאַנט מיט דריבנע טריטלעך צו דער אַפּטייק, און זעט נאָר אַ גאַנג — זי שווימט, ניט זי גייט, יעדער שפּאַן קלאַפּט אויס אין טאַקט „איך בין ראַצל ראַפּשיץ!" ווער איז איר גלייכן? דרעק איז איר פעטער

אין וויינשענק צאַקט זיך שוין אורי שרייבער ס'זיבנצנטע מאָל מיטן אוראַדניק און דערטראַגט קוים דעם קעלישאָק מיט „פּערציקער" צום מויל מיט פוילע פּעניעס

דער נייניעריקער עילוי, זוני־לייב שמואל־גיסקעס, פאַרלייגט אַ פינגער פון איין האַנט אויף אַ פינגער פון דער צווייטער און שיסט אייך גלייך אַרויס באַסלינעט דעם סך־הכל פון 365, 582 געכפּלט אויף 916,427

אַ שייגעצל זיצט אויף אַ פור מיט צעשויבערט שטרוי און ליפּעט מאַקעך און קאַנדלצוקער, אַ וויסטער הוסט און אַ פינצטער בייז באַדאָסעניש אויף אים

אַ פּויערטע פּאַטשט איר קליין שיקסל — זי האָט שוין פּיטשנאָס געמאַכט די נייע סוויטקע און הערט ניט אויף צו קייען אַ זיסלעך ניטדערבאַקן בולקעלע פון סלאָווע סעדע־בעס מולטער

אַ פרעמדער היטלמאַכער גולגעט אַ טראָפּן פון אַ גרינבלעך פלעשעלע, רופט קונים פאַר זיינע צאַצקעדיקע היטלעך, אי וואַרים אי שיק, און נעמט ווייטער אַ טראָפּן

מענדל שפּאַלירניק קריגט אַ וויסטן פּעטשאַטעק פון אַ שטעטלשער באַלאַבאַסטע פאַר זיין אויסשפּאַלירן ביי איר דעם אַלקיר, „און אַ ייד האָט נאָך עזות זיך צו באַרימען אַז ער האָט שפּאַלירט ביים גובערנאַטער״ (ווען ער איז אָפּגע־ווען אין גובערנסקע טורמע פאַר אַריבערשטעלן קיין קיר״ה) „ביי מיינע שונאים זאָלן זיך מאַן און ווייב אַזוי קלעפּן ווי אייער שפּאַליר קלעפּט זיך צו מיינע ווענט״

געציע שעפּסלס קריגט אָנצוהערעניש פון אַ בינטל לצים אין קלויז אַז זיין ווייב וויל ניט וווינען מיט אים ווייל ער איז שוין מסתם אויסגעוועפּט

דער דורכפאָרנדיקער איינבינדער וויזט דעם בית מדרש גבאי זיין קאַלענקאַר וואָס קומט אַזש העט פון אויסנלאַנד און די קליי וואָס בלויז ער ווייסט ווי צו מישן און דערפאַר טאַקע זעט ער ניט איין פאַרוואָס זאָל מען אים ניט געבן איבערבינדן די ספרים וואָס צעפאַלן זיך שוין שיר ניט אין שמות

אין סאָד וואַקסן מירטן, אָבער ווי קומען זיי צו די פּאַלעס־טינער! טענהט אַ פאַרברענטער ציוניסט, שייקע שיקעס, וואָס האָט געפלאַנצט ביימער אין יער הרצליה און פאַרקויפט שקלים אויף באָרג. „ווען איר׳ט קענען ט׳איר באַצאָלן״, און שעמט זיך שפּעטער מאָנען, אַזוי אַז מען רופט אים דער עלטסטער קרעדיטניק אין שטעטל כאָטש ער איז נאָר וואָס פּטור געוואָרן מיטן פּריזיוו

מען פּירט שוין פאַרשינעס אין באָד אַריין בייצייטנס ווייל ס׳הערט זיך זאָגן אַז ס׳עט זיין אַ כליאַפּאָוויצע אָסיענצייט

פון בתיה דער גבירנטעס סאַלפּעטקעס גייט די שטאָט כאַדאַ־רעם, זאָלן זיי טאַקע זיין זאַגראַניטשנע?

דאָס וואָס מען האָט ביים איידעם אירן אין קיום אויסגע־נאַרט דאָס בייטעלע מיטן גאַנצן ת״קער איז אַן אמת געלעכ־טער! אַ פלאַטשיקער — און ריפּעט זיך צו די קאַר־מאַנשטשיקעס

וואָס זאַפּרען, ווער זאַפּרען?! ס'איז געפעקלטער טיטין וואָס פּייסי זאַדיק לייגט אָפּ ביים פּאָליאַק אויף דער ציגעלניע

ביים סלופּ פּאַרעט זיך שטומפּיקלעך דער נייער גאַראָדאָוואָי מיט אַ שפּאָן איינגעטונקען אין סמאָלע: „511 איינוווינער, 319 ווייבערשע, 192 מאַנסבילשע נשמות״

די אַלטע זנאַכערקע מיט די אויסגעקרישלטע ציין כראָמ־טשקעט פאַרלעגערטע סעכערעס און שילט די ייִדן יעזוס־פאַרעטער

זאָגט עמיצער אַז דער ערוב איז פּסול און מען טאָר ניט טראָגן אום שבת, אָבער דער בייגלמאַכערנס זון וואָס אַרבעט אין דער גראַבאַרניע און לייענט צאָצעליסטישע ביכלעך, טענהט אַז מע איז דאָ ווילדער ווי אין אַפריקע

נעכע גאָלדבערג זענען ניט געראָטן די עקזאַמענעס

טאָליען, זלמן ברוך דעם טאַנדעטניקס, האָט ניט אָפּגעגליקט מיט איר חתן

ביי די גבירים אַדירים ראַפּשיץ האָבן די קינדער זיך ניט איינגעגעבן

שימעלע טראַסציען איז שבת דער קוגל ניט איינגעגאַנגען

הלואי זאָל עמיצן דאָס יאָר מיט פּאָניען אָפּגילטן

דעם זריב צעוואַרפּט מען ווייל דער פּאַרדאַרטער טשוכאָן, דער גרוגרת דרב דאַציק, דער קרעציקער פּרוש, האָט זיך געפּעלט

פּרייטיק שפּילן זיך אָרימע נאַקעטע פּופּקעס מיט ציפּלעך טייג

ביי יענער מיידל וואָס לויפט אין פּאַטשט אַריין איז דער פישביין אין גאָרסעט אויף דער פּלייצע געפּלאַצט

אויפן גאַניק ביים פּראָוויזאָר קנאַקט מען רוסיש, טרינקט מען טיי מיט קאָניאַק, איז מען לויז פון זאָרג

ביים טויער גראָבט מען, לאָזן דורכרינען דעם זאַטאָפּ

פון יענער זייט גרעבליע הודעט עס מיט האָפּ האָפּ, עטלעכע גוים מאָלויצען אויף אַ דידעטשס אָביסציאַ

דער קאַשטאַן צעשלאָגט זיך מיטן דעריש און דאָס הער־זשעריי פון סטאַניע לעכערט די אויערן

אָט לויפט ער, אָט לויפט ער, אָט לויפט

אָט פאַלט ער, אָט פאַלט

כ׳האָ׳ ניט מורא

סי גאָרניט
לאָז אָפּ
נאַכט
ניט אין דער היים
שלאָף
ווו

אָט־דאָ
אַהאַ
מוני
לערער
אַהיימפּאָרן
לאָז אָפּ
סי גאַרניט
כ׳האָ׳ מורא, טאַטע

טאָג העלט זיך קעגן טונקלען פענצטער
און בלאַנדיק פּאַלט אויף דעם צוקאָפּנס;
פּאַרטויבט אַן אויסגעמוטשעטער
פּאַרכלינען יאָנטלען דרעמל־האָפן

6

די אויגן זיינע קאָנספּירירן
אין משך פון אַוואָרע פּלירט
מיט דעם ניט־שאַרף באַטאָנטן העל
אַ נעפּלדיקע איצט רעאַלקייט,
צעעפּנט האַלב די דינע לעדלעך,
פּאַרקלעפּטע לעדלעך איבער זיי.
אַרויס פון אונטער יעדן ווינקל
ווינקט, לאָקערט, שמייכלט לויטער נייקייט
זומזומיק, פּעכלענדיק מיט בליאַסק
פון גאָלד און שווערקייט פון בליי.
קאָפּבלענדעניש פון שלאָפגאַנג פּעקלט
זיך אין אַטיטודיניזירן
אינערט אַריבער אין אויפשטיי
מיט פרישקייט וואָס לעבט אויס באַנאַלקייט.
דאָס לעצטע ווערט טראַנסמאָגריפירט —
אי דאָס, טראַנסמאָגריפירט מיט טראַסק! —
אין וואַכיק טויש־אַקטיוו געשטאַלטקייט

גלייך ווי חרטות וואָלטן זעל
אין דעם אַרטיקולירטן טונקל
באַגינען שטיקערווייז געברעקלט,
צעביסן, און דאָס נפש — פליי.

דער אַלטער היים האָט ניט געפעלט
אַ מאַרק מיט אייטערזון פאַרגאָסן
און ביידע, מאַרק סיי און סיי זון,
אינאיינעם סיי און סיי באַזונדער,
ווי אומבאַמערקט פאַרבייגעגאַן
אין כראָמטשען ס׳קיכל מיטן צימרינג.
דאָ ברענגען שטראַלן ווייסע טרייסט
ווי אויף אַן אינדזל אַלבאַטראָסן
(איך מיין פיל מער ווי ס׳זאָגן מיינט)
ווען מאַרקגאַס קאָלאָסאַל צעשאָטנט
באַהאַלט אין זיך צייטס צויבערפלאַן.
פון נעכטן כאָטש ניט מער ביז היינט
ווי איין מעת־לעת אין צייטמעסט שפּאַן,
האָט פון אַ צויבערפלאַש אַ וווּנדער —
ערשט שעמעוודיק און באַלד גאַנץ דרייסט —
ווי דורך אַ לייקע צוגעגאָסן,
צום וואַסער אין אים, ליטערס ווין.
זיין חבר און מיטשילער נתן
איז ניט ווי ער אַ ליאַדע יינגלינג
אין קוניע גיך אַוועקגעשטעלט
אין הוילן כ׳בעט־אייך איבער סטאַן,
פאַרסטרעמפּלט און, ווי ס׳פּאַסט, פאַרקטנט — —
קאַפּויר, ער איז אַ יונגערמאַן.

אַזוי־אָ, באַלד, שוין פון דער ערשטער
באַגעגעניש אַרויסוואַקסט צישן
די צוויי וואָס זענען „יושבי אוהל״
אַ פריינטשאַפט פון באַשטימטן ווערט.

דעם יינגלינגס אומבאַהאָוונטקייטן
אין גרויזאַמלעבן זיך פאַרמישן
מיט די געניויאיקייטן וואָס זענען
אין חבר עלטערן פאַרערט.
ער זוכט און נישטערט; גראָבט און פאָרשט ער.
אַ פייער ט׳ווערן פון דעם טלי.
אין קלאָרן שיין פון טאָג — מיט מויל,
ביינאַכט — מיטן געדאַנק באַשווערט
דער יונגער יאָנטל נתנען
מיט אלער׳ קשיות. קאָפּ אין קישן
(מיט ניט צוויזייטיקע באַדייטן)
איז יאָנטל היפּשלעך דרייסטער ווי
ווען ס׳ליגן פאַר זיי אויף די טישן
טעקסטביכער: בלאָס, פאָרמאַל, אינערט.

דער נעכטן ווּעמעס אויב ניט זיינער?
דער היינט צעברעקלט איידער ער
פאַרענטפערט נאָך וואָס פאַרא פרעג —
די שאלות־תשובות: איינס מיט נולן.
אַ צוואַנג דער נעכטן; היינט, אַ קלעם —
דאָ זוכט ער (זייענדיק אַ לייענער)
און דאָרט. דערווייל איז נאָך גאַנץ לער
דאָס פּלאַץ וואָס ענטפער דאַרף פאַרפולן.
ניין, ניט דאָס בלויז; פיל מער און מער
ווי דאָס; ניט ענטפער בלויז, נאָר ריינער
קנאַיק זויבערער באַנעם
פון דעם וואָס ליגט אין וועג ווי שטיינער
(ווי? — ממש שטיינער אויפן וועג!)
צום ענדציל אָביעקטיוויזירט
ער אין דעם יינגלשן באַגער.

אַזוי איז ער דאָס רויק צוויגל
אויף שטילער ווערבע, ס׳אומבאַטראָטן

קיל גראָז אין ווינט. די יוגנט בעט זיך
אויסלעבן כוואַליק דורך די יאָרן.
מיט שטאַלטנע טריט זיך גנבענען
פאַרביי די ערשטע לערנטעג
אין ווינטערדיקע פרירשניי קיטלען,
די קורצע אָוונטן פון שיין
אין ליבער וואַרים ביי דער הרובע.
ניט לאַנג פאַרשטייט זיך ט׳זי געוואָרט
דאָס מיפיש סודותדיק געשטאַלט
וואָס האָט געזעטיקט אין דעם קינד
אַ מאַן אין לעבלעך הינערפּלעט
מיט אומרו פון אַ טעמפּן הונגער.
זי׳ט סינאָנימיש אָנגענומען
אַן אַלערוועגדיק בלאַסע מראה
פון דינע ריטלעך, שלאַנקע שפּראָצן,
אַ פלינקן אויסריר, ספּריטנעם גאַנג.
איז ווען דעם טאָג נאָר אָפּגעלונגען
סטאַטעטשנער וועטערלעכער אויפפיר
האָט ער זי דורכשוועבן געזען
אין פרעכטיק דורכזיכטיקן אַויר.
האָ׳ן הימלען אָנגעזאָלעט זיך,
געפּיעשטשעט מיט גאָטס ריינע טרערן,
האָט אויך אין אים אַ קוואַל צעעפנט
דאַן ימים לינדערנדיקע טרערן
און ער איז ווי אַ קליינע חיה
אין שטייג פאַרהאַפּט אַרומגעגאַן.

אַך דער וווּנדערבאַרער שטויב
דאַרינטער זיינע מידע פיסלעך!
די פעלדער טאַנצן ווי באַזעסן
ווען ער לויפט דורך זיי אויפן רייטפערד.
דער בליק וואָס וועט היינט אויף איר פאַלן

זאָל אים נאָר שטאַרקן,ביידע מיטלען
ביז סוף פון לעבנס, סוף פון וועלטן!

געשיכטע, מאַטעמאַטיק, שפּראַך,
פראַנצויז, לאַטיין און אַנדערע זאַכן
אַזויפיל דעקן וואָס מע דאַרף
צו קריגן דעם באַגליקטן איינטריט
אין וויפלטן גימנאַזיע קלאַס,
באין־אופן זענען ניט קיין הינט —
— און גלייך פון דעם געדאַנק אַוועק —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
דאָס איז געווען דער צייטס מאַניר:
„איך שווער אויף אייביק ליב צו האָבן
(דאָך ניט צו זיין איר אונטערטעניק)
דאָס שענסטע וועזן וואָס איך קען".
אויף אויסצונעמען, בלויז ביי איר
דאַן חזרט ער אויף אויסנווייניק
אין לידערבוך פון לעקיש־סנאָבן
אַ דעקלאַמאַציע פון רישפּען.

די וויפלטע דאָרט טעאָרעמע,
וואָס־וואָס ער זאָל ביי זיך ניט מיינען,
איז קוים מיט צרות צו פאַרנעמען.
אָט שמייכלט ער און טוט אַ קריץ:
„צו וואָסערע טייוואָלים נוצט
דער רוסיש קירכלעכער 'ראַסקאָל'?"
און וויפל לעזערש גאַפן, היץ
אין יאָנטלען רופט אַרויס דאָס לייענען —
געמיטלעך, זעליק און געפּוצט —
מיט איר פון היינעס „אַטטא טראָלל."

זיי פאָרן אין איר פאַטערס וואַלד,
די צוציקעס: באַדאַכט, פראַגיל —

אַן אויסרייד: אַזשענעס צו קלייבן.
עס טעיעט אַן זיין האַרץ אין אים
מיט ניט קיין אַנקוועל פון אַ קינד
פון איר שטאָלץ רייטן אויפן פערד.
אַ פויגל האָט דערביי געשאַלט.
זיי ריידן ניט. זיי וואַרקען שטיל
ווי אויפן טויג אַ פּאָרל טויבן
מיט בלויזן אָנהויך פון אַ שטים,
און ס'מומלט זיי אין מילדן ווינט
נאָך מומלענדיק זייד־גראָז אויף דרערד.

פון פיצלעך קינדער ווערן מענטשן,
פון מענטשן ווערן יונגעלייט.
און יונגע קינדער, נאָר צום בענטשן,
אין פּאָר דאָ רייטן זייט ביי זייט.
אין קוים נאָר קומט זיי אויס צו ריידן
איז וויל זי וויסן וואָס איז גאָט,
אויך וואָס איז הימל, וואָס איז גליק;
ער ווייסט בלויז איינס, אַז־אַז זיי ביידע
ביינאַנד דאָ רייטנדיק אין טראָט
זיך זענען זייער אַ גרויס געשיק.
און באַלד צעלאַכט ער זיך (נערוועז)
אַזוי אַז זי מיינט אַז ער וויינט;
פאַרטראַכטן ביידע סקאַנדאַליעז
אַז זיין זאָל, אייביק אייביק, היינט.

אין אָוונט, נאָכן מאָלצייט באַלד,
ווען ס'גייט אַ זיסקייט דורך די ביינער,
פּרוווט ער דורך שטאַמל־סקאָסנע ווענן,
באַדאַכט און פרעמד, ווייך און אינטים,
פון נתנען באַשייד צו קריגן
בעת ער פראַלט אום אין גרויס פאַרלעגן —
אַט איז אים הייס, אַט איז אים קאַלט;

דאָס קול איז רייך, און טוט דאָך קלאָגן;
ער צופּט די פראַנזשען פונעם קאַטעס:
„יאָ, וואָס איז ליבע, חכם מיינער?"
און יענער, קורץ און שאַרף, גיט אים —
אַהער אַ ווענד, אַהין אַ קער —
צוריק אַ שמיר: „וואָס, דו־אויך־ברוטוס
האָסט שוין די שווינדלטרעפּ באַשטיגן?"
— און יאָנטל ווייסט ניט וואָס צו זאָגן
און זאָגט „סלאָוועסנאָסט" איז גאַנץ שווער...

אַך וואַסערן וואָס שווענקען אָפּ
אָדלע און טע פון דער נשמה,
אַך רעגנס וואָס פאַרוואַשן קלאָר
אומזויבער זאַמל אינעם הימל,
אַך שטראָמען וואָס אויסשייערן
געפּעסנפּלוס פון ימים אומצוכט,
צעשמעלצטע פּערל וואָס פאַרווייכן,
פאַרצערטלען בלייערנע געמיטער.
אין ד'רהיים קען איך אַ ווינקל ווו
די דריבנע זשוקלעך ווידמענען זיך,
אַ שפּאַרונע אין פּאָדערצימער
ווו פליגן פאַלן רק קרבנות
צו שפּינען לויערנדיקע,
און דאָך: און אָבער; ביז וואָס וועט —
זיי פליִען זיך דערווייל אַרום
אין דער מוזיק פון זאַרגלאָז פליִען;
די קאַץ וואָס וואַרימט זיך באַשטענדיק
די רעדער־ביי פון שאַראַבאַן;
אין מיטן הויף אַ הונט וואָס האַלט
אין איין אומטרייסטנדיק קאַוועטשען
כאָטש ס'בייסט אים ניט קיין פליגעלע:
מאַניפעסטאַציע פון זיין
צופרידנקייט, פון הינטיש גליק;

אַ סטריכע ווו גאַנץ איינפּאַכע
די אַרבעטספּייגל האָרעווען,
קאַלופּען, זוכן, שמאַיען, דליבען
און נישטערן: זאָל זיין אַ וואָרעם,
אַ שטרוי, אַ שטענגל גראָז, אַ קניפּל
פון מינדסטן מין געלענק צו דזיאָבען,
אַ נעסט פאַר זיך, פאַר ווייב און קינד.

די היים. דער מאַרק. די זון. די היים.

די ווינטערוועלט ליגט איינגעפּאַנצערט.
צעוואָרפן ליגן קוואַרע בלעטער.
דאָס נאָך ניט אָפּגעוועלקטע גראָז
אין סאַמע עכטן ברען פון וויאַנען.
דער גרויסער סוד וואַרט אויף זיין רעטער.
אים האָבן ניט געבראָכן באַנען.
אים האָבן שיפן ניט געאַנקערט.
אַנטוישט פאַרבלייבן עראָפּלאַנען.

דער רעטער טאָר ניט זיין קיין האָז.

פון וועלוול גאָטהס „מאַנוסקריפּט״

א.

„וועלוול גאָטה ז׳ אַ בלאַסער שטערן
פון דעם בלויען הימלהויב;
די מזלות פון די ספערן
אין די הייכן הימנען, ערן
אין דעם נאָמען פון זיין לויב
ליכטיק־טונקעלע באַגערן.
פון דעם בלויען הימלהויב
ז׳ וועלוול גאָטה אַ בלאַסער שטערן״.

**
*

„וועלוול גאָטה איז די לבנה
אין אַ בלאַסן שטערנקרייז;
ליכטיקע מזלות אָנען
ס׳גליק פון צו זיין אַ מתנה,
שמעלצן פריי ס׳לבנה־אייז
אין זיין האַרצן, אין זיין גומען.
אין אַ בלאַסן שטערנקרייז
איז וועלוול גאָטה די לבנה״.

**
*

„וועלוול גאָטה איז אויך געגליכן
צו דער פייערדיקער זון:
די מזלות זעלטן פלוכן

עמעצן מיט מערער איכן
ווי דער שווימיקן באַלון
אין זיין טונקל־ליכטיק זוכן.
צו דער פייערדיקער זון
איז אויך וועלוול גאָטה געגליכן".

**
*

„אָפט דערהייבט זיך וועלוול העט אַריבער
די געלענדערן פון מעטאַפיזיק
בלויז ביים ענדציל צו געפינען מ׳ריזיק
גרויסן גאָרנישט פלאַכן אין די גריבער
פון אַבסטראַקטקייט אויסגעבעט מיט איבער־
קווינקלעניש פון קאָמפּמענטש (ווי אוממעסיק
זיינע פּרוּוון אויסגעפּוצט אין עסיק
און אין האָניק זענען, גאָט דו ליבער!

ר׳קערט זיך אום צומאָל מיט פולע זשמעניעס
פליטערגאָלד, געליישטע חסד־רענדלעך
לויטער האַרץ) — דער תכלית: צו וואָס טויגן
די פּראָדוקטן? ווי פּאַר וועמען: פּעניעס
רופט אַ חסיד זיינער אָן וואָס שפּענדלעך,
נישטיק דרויב איז אין אַ קעגנערס אויגן".

**
*

„שוין וויפל מאָל (דאָס מיינט צו זאָגן
די צאָל פון קאָנדיצירטער מאַטעמאַטיק)
איז וועלוולען אויסגעקומען פעלשן

מיט פייערווערק דעם וואָרן העלשיין,
מיט פייערווערק וואָס איז געווען אַקוואַטיק
און האָט ניט אויפגעלויכט דאָס מזמור־זאָגן.

„מזמור שיר.‟ מזמור. זאָלן מיינע פעלדער אויפגיין
מיט פילפאַכער זשויב־זריעה,
מיין טייג אין ראָשטשינע זאָל יערן,

ס׳שלעכטס פון מיר און מייניקע אָפּקערן,
ניט האָבן זאָל מיין קינד קיין מיאוסע תנועה,
זאָל איבער הונדערט יאָר אַלגוטס מיר ביישטיין,

מזמור שיר.׳ — וואָס איז דאָס, בלויז באָמבאַסטיק
פון אַ דעכעווישנעם קורצזיכטיקן דיכטער?
חלשט ניט אַמאָל פּאָעזיע אויסערהאַלב די שוועלן

פון לידערדיקן טראָף? אָ, וואָרער שיין פון העלן
מזמור־רייך, מיר זאָלן זיין באַהיט — באַהיטער
פון פּראָזע אין פּאָעזיע ווי פון פיינטס סאַרקאַסטיק!

געמיין דער טראָט וואָס ווערט פון אונדז געפּוסט,
אונדז שלעפּט זיך שטענדיק נאָך אַ ניטבאַזינטער שפּאָט:
די קעל איז דורכגעלופטערט, דער לייכעץ אויסגעהוסט,
דאָך שטייגט די פליאַגמע אין דער ברוסט פון וועלוול גאָטה״.

ב.

׳וועלוול גאָטה ז׳ אַ בלאַסער שטערן
(ווי געזאָגט שוין — ער איז דאָס;
עפּעס האָט געמוזט פּאַסירן:
ער גייט אַראָפּגעלאָזט די נאָז).

וועלוול גאָטה איז די לבנה
צו דערזעלבער גלייכער צייט:
אין זיין ווייטער נאָענט אָנען
מיר ווי נאָענט ער איז ווייט.

צו דער זון איז אויך געגליכן
וועלוול גאָטה אין די מאַנירן:
קאָפּ פאַרהויבן, שטראַליק מוכן
איז ער וואַרימען, קורירן.

מיט דעם צויבערוואָרט אומוואַנדל
איז קאַליאָסטראָ וועלוול גאָטה:
ס׳גאָלד זיינס וועט זיך ניט פאַרוואַנדלען
אין אַ ליישוואַרג פון קיין שפּאָט׳.

„העראָישע קופּלעטן

פון שאַץ צו שאַץ הינקט וועלוול אום זעענדיק, הערנדיק —
אַ שטומער.
מענדעלי, איך שענק דיר אים אומשייכותדיק אַלס צייטיקן
פּישקע דער קרומער.

ער וועבט זיך אויס אַ גאָלדענעם שנור פון אַ טאַשמע אין
גאַס, אַ רינשטאָק־בענדל.
האָב מיר ניט פאַריבל, שלום עליכם, פאַר מיין ווערסיע
מנחם מענדל.

אָפּט, קאַפּויר, ניט זעענדיק, ניט הערנדיק, צערעדט ער זיך
פונקט ווי אַ מאַגניט
וואָלט אים פאַר דער צונג געצויגן: פריער — באַנציע שוויג,
איצט — וועלוול שוויגניט.״

„אינדערפרעמד

אַך, וועלוול האָט צעדיכטעט ניט איין לידערבוך.
ניט ראַטעווען ז׳ געווען די וועלט פון אונטערגאַנג

זיין ציל: געלאָקט האָט אים דער שיינקייטס פּלאַטערטוך,
געמאָנט ביי אים זיין גונסט. און אפשר מער דער דראַנג
צו מעצענאַטעווען אַ יידיש דרוקעריי
ווו זעצער טון טאָן יידישן טעאַטערשפּראַך
אין סעקאָנד־עווענוּ פּראָגראַמעס. — נו, אויפסניי
זיך פורמען געליעס פון אַ פרישער פערזנזאַך.

שוין פּאַרטיק ס׳בוך, מיט פּאַשקאָס, אַראַנסאַנס, צו מאַודס
אַ צייכנונג. ריווקין, ניגער, אָלגין ווייזן אַ קונץ
צו ברעכן אויפן גאָטהשליאַך קריטיש רוק־און־לענד.
קאַפּע „ראַיאַל״, „אייראָפּאַ״ טומלען. וועלוול גאָטה
קריגט פה־אל־פה די מיינונג פון אַ יידן מינץ
און ער ווערט ראַפּטאַם אויסגעמינצט אין צייטונגסהענט.״

„אינדערהיים

ווען הימלהויב צעקרישלט איז אין דעמערפּליאַמעס
(געזאָגט מיפּאָפּאָעטיש ווי ווער האָט ווו וועגן
אומשולדיקן פאַרנאַכט) קומט אין די ד׳ אמות
פון זיינע לידער וועלוול. נעמען זיך אים פלעגן,
באַוויינען לבנות האַלבעהערנער, לעצטע זונען,
פאַרערטע און פאַרגאַפטע מידלשע לייבטיילן
און וואַלדיק וווּנדערלעכע הייכן ווו ס׳געפונען
זיך פרושים (מענטש און חיה) אין געבערגטע היילן.
און ס׳לאָזט זיך הענדום־פענדום דין־וחשבון מאָנען
אַן אויסגעצערטע זעל געקרייצט מיט ווייטיק־גוף
וואָס כאַפּט בליצאַרטיק אויף — פון לידערוועלט
פאַרמאַטערט —
אַ חומר־וועלט העל ליכט געקווערט מיט שאָטנאָנען
וואָס אין דעם קרייצן לייטערט זיך אויס אַ באַרוף,
און טיף אין אים אַ שפּאָגל ניי פּראָטעסטליד יאַטערט.״

„באַנעם

האַלט
צו האָבן לעבנסשוים, קאַטאָוועס
צוליב גייסטאָפּשווים, מאַטיווירט דעם ליבהאָבער פון גאָלד
ווי אויך די אַנימאַלקולן אין זייער אַקטיוון ווידערשטאַנד דעם מלאך־המות.

פעלזנבערג זענען נאָך ניט פאַרטיק אין דעם וווּקס ווען ס׳פּעלט אַ שטויבל
בלויז אין דעם מיזאַמען גענענען צו סטראַשידלע־הויך
פון אוממעסטבאַרן שליג־שלאַנג דרויבל
בויך.

„פלי
פון מיטלגרייכנדיקע זאַכן,
צעלנמעסיק קלאַמער זיך צווישן ברען און טלי —
זאָל גאָט געפינען אין דעם צושטאַנד אורזאַך פאַר פּאַטעטישן צעקראַכן״.

הוק
און טראָלד — ווי צוגעפּאַסט דער פלאַנטער
אים וואָס זוכט האַרמאָניע, ניט האָבנדיק קיין ציין, „פּאַרצוק״,
אַ זאָג טוט צו זיין מיטזאַך, ציינלאָזער, די זאַך אַפּריער דערמאַנטע.

„ניט זוך מיך אין מיין האַנטס טאַט אומפּולקאָמער, פּוסטראָט שטרויכל,
מיין מעטעאָרישן געדאַנקפּלי. ס׳איז מיין קוניע ריין
פון גאָלד, מיסט. כ׳בין אַ טשוואַנקע. איכל
זיין״.

„צאָרן און שיינקייט

אַז עס האָבן זיך צונויפבאַמבורעט היידאַמאַקעס
איבער ייִדן חוכאַ־וטלולאָ פּראַווען
איז אין ראַטונעק ווער אַנטלאָפן קיין אַמערינקע
און ווער מיט ושט־נאָכשלעפּ אין אַ שטינק־קאַנאַווע.

ווי עס האָבן וואָיען דאָן גענומען צויגן
און חזירים מרוטשען ווי אין ערב רעגן
איז אַ העלפט קרבנות שוין געווען געשחטן
און אַ העלפט זאַסטראַנעט אויף די וועגן.

קוים נאָר האָבן בלודנע פּעמפּיק־קוילער
פאַרמאָסטן קלינגלעך אויף דעם עלנטס גוידער
האָט אין אוקראַינעס פעלד־ און דאָרף־געזאַנגען
זיך צעבליט אַ וויסטיק פורפורדיקער שוידער.

פאַרשעמט געלעגן זענען די אַפּרילן אין די סעדער,
מיט אַ טויטראָסט זיך אַריינגעביסן אין די יונים;
האָר־צעפּאַטלט — טעכטער אין דער מיטשטוב,
כאָרכלענדיק אין גסיסה — יונגען אין די קוניעס.

ניט פאַרלאָרן בלויז דער זיידע גלויבן
האָט אין סאַמע ברען פון רעכטן חשכות
און ביים אָרון־קודש האָט דער רב האָלוביעט
שכינה־בריסט מיט סומאַטאָכעס פון אַ מנין אשריס.

אַז עס האָבן ווייגשלצווייגן זיך צעבליטע
גענומען הוידען אין דעם ווינט פון אומלאַסקאַוון זשעברען
האָבן מיידלווייגשל זיך אויף גרונט געוואַלגערט
צווישן אויסגעגאָסענע פּאָמאָיעס פון די צעברען.

און מרוטש, געוואָי און ריטשע
איבערפאַלבט זיך מיט די גרוילן־לידער אוקראַינעס;
און ערגעץ אויף דער וועלט אין וואַטע, פליוש געלעגערס
פעכלען צירונג־שטיינדלעך אין וויטרינעס.״

**
*

„און מאָל נאָך מאָל אַן אַנדערער מיראַזש־קדושה
האָמיר געבראַכט קרבנות אויף אונדזער וואַנדערוועג;
די זעגללאָזע שיף איז אַלץ נאָך, אַלץ ווייט פון יבשה
און נאָך דערבליקט ניט אונדזער אויג דעם הייסגעווונטשטן ברעג".

**
*

קינדער לערנען. קינדער שפּילן.
קינדער האָבן פאַרגעניגן.
לערנט קינדער ווייל דורך לערנען
וועט איר ווען די וועלט באַזיגן.

אפשר קומען אויס צו שווער אייך
אייערע ערשטע טריט אין לערנען —
זייט זשע פלייסיק ווייל מיט פוילקייט
וועט איר עלטערן דערצערנען.

אַרן זאָל אייך ניט וואָס ס'קומט אייך
ניט זייער לייכט אָן אַלץ אַצינד:
יעדער גרויסער וואָס ווייסט עפּעס
האָט געלערנט זיך אַלס קינד.

קינדער לערנען. קינדער שפּילן.
האָבן פון דעם אַלץ הנאה,
זיי געדענקען אַז דאָס לערנען
מאַכט זיי רייפער, מאַכט זיי ראוי

„וואַריאַציעס אויף אַ טעמע

פאַרנעם מיט דיין האַנט דעם שווערן גאַרדין
וואָס הענגט איבער דער קוים־צעפּראַלטער טיר
זאָל דיך ניט אָפּשרעקן די געמישטע גרויקייט פון מיטיק
אין מיין לעבן פול מיט אומפאַרענדיקטע קאָלירן

דאָס שטייגל פון פויגל איז פאַרומרייניקט
דאָך האַלט איך עס ביי מיר אין הויז
גיב אַכטונג יעדע וויל ס׳זאָל אַ פּאַסיקע היים פאַרן פויגל זיין
די פינגער וואָס רירן אָן בלומען
רירן אָן דעם אָפּפאַל פון פויגל אין שטייגל
דער זשעסט פון האַנט וואָס גיט אַ בילדלעכן בליץ פון אַ ווונק
אויף גריכישן טערפּסיכאָר
באַגלייט דעם אָפּפאַל צום מיסטקאַסטן
זאָל אין דעם אויך פאַרייביקט ווערן אַ באַוועג פון אומשטערבלעכער שיינקייט
דער פויגל איז געניגט צו עסן
זיינע קערנער פאַר אים צוגעגרייט
גאַנץ פּעריאָדיש באַפאַלט אים אַ דורשט
בין איך דער טרעגער פון קוואַלוואַסער פאַר אים
אַמאָל
ווען ר׳איז באַהערשט פון אַן עקסטרעמער עמאָציע
פון גליק
פון פּיין
דערשנאַפּנדיק אַ פליג
די קאַץ

עפנט זיך פאַר מיר דאָס שטייגלטירל
און כ׳דערזע דעם פויגל מיט זיינע פעדערן
קאָלירט אין שאַטירונגען פון רעגנבויגנפאַרבן
עפנט זיך פאַר מיר די טיר פון זיין האַרץ
איך שפּאַציר הנאהדיק אום אין די חדרים פון זיינע געפילן
פּאַדקע אַרום דער שוועל פון זיין שפּילפויגלדיקן האַלדז

פאַרנעם די גערוישיקע שטילקייט פון זיין פרימיטיווער מוזיק
די קאָמפּאָזיציע פאַלט מיר איין איז ניט שלעכט פאַרפאַסט
מיין אויג איז בלויז באַגרענעצט צו זען די נאָטן
אויפן פּיופּיטר
אין דער לופט
אין אומזעבאַרער טינט
אויף די בלעטלעך
פון דער פּאַרטיטור־מיסטעריע
איך הער אַפּרי:ער טרעלן פון נאַמעטענער
צעברעקלטע
וואן
אומקאָאָרדינירטע
די איינפאַכקייט ווערט וואָס אַמאָל אַלץ קאָמפּליצירטער
פּיל פּלוצים ווי ס׳אַנדעקט זיך פאַר מיר דער איראַנפּלאַטאָ
כ׳שטיי ביים וויגל פון דער מענטשלעכער וועלט
גוט... בליק אַריין
ווּעסט מיך ניט זען בלויז
און בלויז זען מיט די אויגן
כ׳ווער פאַר דיר פאַרוואַנדלט
אין עלעמענטאַרע כעמישע לופטוואַסערלעך
דו קאָנסט מיטן אויער
גאָר ניט אָנגעשטרענגט אין דיין ווירפלשפּיל
פאַרנעמען די אורוואַלד סודות
מיך טראַנסקריבירטע
דו פרעגסט פאַרוווּנדערט:
,איז   עס   ער?

ווּ איז דער גוף וואָס פלעגט מיך באַשטרעבן   די נאָז
אָפּגעווענדט פון מיר מיך דאָך דערשפּירן   די הענט
וואָס פלעגן מיינע הענט אומבאַוועגלעך אָנרירן   דאָס האַרץ
וואָס האָט געחלשט פון אָבצעסיעס   דער מוח
באַזעסן פון אַ אין־צירקל־קרייזנדיק געפיל   דאָס גאַנצע וועזן
זיינס וואָס פלעגט אָנדייטן: ס׳האָט   אַ גאָט

מיך פֿאַרוואַנדלט אין אַן אייביק בענקעניש   אַ טייוול
מיך אָנגעשטעקט מיט אומבאַפֿרידיקטע רוינען   אין כעאָפּס
דעם מאַיעסטעטישן געמאַכט מיך דערשמעקן   מיין ברודער ?'
יאָ :
און מיר, ווי אין דער מאַמאָנט ווילדערניש
פֿון אַנטיקוואַרן פּיראַמיד
רייסן זיך מיראַזשן צו דערלייז
איך זוך אויך און שריי צייגעשטשעמט אַרויס
די שאָטנס   פֿון מיינע טויטע קיניגינס   איין קיניגין
דעם טראָן   פֿון מיינע רעגירער   איין רעגירער
די קרוין   וואָס וואַלגערט זיך אויפֿן שטילבאַרג פֿון אַ וואולקאַן
ווו טויטע האַרצלאַווע האָט דאָ ניט לאַנג פֿאַרזאָטן

דערשרעקסט זיך פֿאַר דעם אָנבליק ? האָסט דאָך איינגעווילט צו וואַנדערן
באַקענען זיך מיט די אַנטיקן פֿון מיין האַרץ
זאָל עס דיר זיין ניט מער ווי טשיקאַוו ; גראָד
ווי אַלטערטימער וואָס גייען ניט אָן דיינע געפֿילן
נאָר מאַכן דיך מישן די בלעטער אין אַ געשיכטע האַלב פֿאַרגעסן
זאָל אימפּולס דיר ניט אייגן זיין ווי נאָענט און הייליק געווען
איז אַמנונען זיין פֿאַרצערלעך שטרעבן נאָך תמרן
ווי העלאָאיז וואָלט גערן פֿאַרברעכנס באַגאַנגען און בלוט פֿאַרגאָסן
כדי צו האָדעווען דעם אינסטינקט־אומצוכטיקן אבעלאר
ווי ס'האָט דער געניגעזאַלבטער ווילאָן
דער דיכטער פֿון היידנטום געדינט דעם מאָנאָטעאיזם
ווי נעענטער צו אונדזערע טעג דער ניטווייטער טאָלסטאָי האָט גערדראָט
מיט זעלבסטמאָרד אין פֿאַל סאָפֿיע בערס וואָלט זיין אַנבאָט אַנטזאָגן

כ'דערבליק ווי דיינע טירן צעפּראַלן זיך
און דו דערזעסט מיך מער און מער אין אמתן שיין
איך האָב אויס צייטפֿאַרטרייב צעעפֿנט די טיר אַזוי ברייט
ווי זאָלסט דערבליקן אַן אָפּשיין פֿון מיסטאַט און מיסלינג אין מיין הויז
כ'האָב פֿאַרטראַכט דיך צו פֿירן דורכן טונקעלן פּאָליש
אין אַ היכל ווו כ'האַלט פֿון פרעמדע אויגן אַ רואָפּגאָט

אַ באַגדיכאַנדל
ניט געזוכט צו דערשרעקן דיך מיט דער דזשעקילהייד קאָמבינאַציע
וואָס הויזט זייט־ביי־זייט אין מיר
די צווייאיקייט איז לאַנג שוין פאַרטאָפּיעט און געמאַכט אַן איינקייט פון מיר
די צווייאיקייט וואָלט דיך אויפגעטרייסלט
וואָס געפינסט ביי מיר אין הויז
איז ווי איינער שטעלט זיך אַוועק פאַר אַ צווייטן
הוט אין האַנט
און זיין שטים ציטערט: ׳זיי געבענטשט!׳
ווי איינער לויפט אַן אויף אַ צווייטן אין רעש
און פלעט אים צו מיט אַ דרענגל: ׳גאַ דיר דיין לוין!׳

איך לייג אַרויס פאַר דיר אַלץ וואָס כ׳פאַרמאָג
אויסגעטאָן פון קאָנווענצן
מאַך דיך גאַפן מיט די אַנטפּלעקונגען און שטאַמפּ מיין חותם
אויף דיין באַאיינפלוסטער פּסיכע
דו וועסט דערפון זיך שוין ניט באַפרייען,
וועסט איצט ווי אַ פאַראָרעמטע פּרינצעסין זיך שלייכן צו מיר יעדע רגע
אַ קלאַפּ טאָן אין טיר
סיגנאַליזירן מיין אויפמערק
און פרעגן:

׳מעג איך אַריינקומען? כ׳האָב זיך פאַרבענקט נאָך אַ שטילקייט
מיין האַרץ פרעסט די וואָכיקייט פון הויז ווו איך געפין זיך
ווו איינקס מעג מען
איינקס איז פאַרבאָטן
דער קורס פון מיינע געפילן איז איינגעאָרדנט
אין אַ פאַרדאַמטער ענגער ראַם
דערלויבט איז מיר די הייל פון 4 אויף 4
אין וועלכער כ׳דאַרף זיך באַפרידיקן אַרומשפּאַנען שטענדיק
ווי די 4 אויף 4 ווו כ׳וועל אַמאָל זיך באַפרידיקן צו ליגן שטענדיק
מיין אָטעם שטיקט אין לופט פון צימערן מיט פאַרהאַקטע טירן
נאָר צאַם פאַר ליכט

ווּ פענצטער זענען ניט פאַר ליכט דער וועג
ווּ סטעליעס זענען טעמפּ אומגעשאַליעוועט געהילץ
ווּ דילן זענען מיט אומעטטעפּיכער באַדעקט
ווּ ווענט זענען טויטהויל
אין אַ הויז ווּ ס׳טונקט זיך זאַטע עכאָלאָזע רו
אַ הויז
אַ שטייג
פאַר פייגל
וועמעס פליגל
זענען אָפּגעוווינט פון פליִען — — — — — —

ביסט — ס׳באַגרענעצטע אין מיר (און רגעס פון אַגאָנישן קלערן
האָבן מיך דערקונדיקט) וואָס איז פאַרוואַנדט
מיט דעם גערוך פון בלומען ביימער ערד און הימל

ס׳אייביקע אין מיר (דאָס דיקטירט מיר מיין ניטשטאַמלענדער
אינסטינקט — וואָס זוכט זיך איינצוראַמען אין דעם פויגלשטייגל
אין אַלטעגלעכער הצטרכות) אין גייסט וואָס קלעטערט
צום הייב און זוכט אים דורכצוברעכן

און לייד און בענקעניש פון געפּאָטערטן נידערן און שטייגן
(דאָס חלומט זיך מיר יעדע נאַכט) וואָס קלעמט מיך אין דער
צוואַנג — פון פּאַסיוון גיין־און־קומען

מיין פרייד מיין רוישיק גליק
וואָס דערנערט מיין גייסט אַנטפּלעקט פאַר מיר
נייע האָריזאָנטן (דערמיט זאָג איך
אַלץ — וועגן זיך) און שייערט פון גלוט אָפּ מיינע מוח־געזאַנגען״.

לעצטע לידער

„זיידע נח״

אַן אַפּאָסטראָף צו די פאַרגעלטע בלעטער.
אַ דרויבל צו בלשאצרס סעודה.
מיט טערפקן, האַרבן, פריקרען וואָרט פון מיין וועזנטלעכקייט
צעהוילן ווינקלדיק און צייטוויייליק רעמאָנטירן
דעם צעפאַלנדיקן בנין.
פלוצים, שניי־קאַלט אָדער בליי־הייס,
טוט ער זיך אַ יאָווע אַרויס אין זיין נאָמענטלעכער פרשה
און שוין זשליאָקעט איר, פאַרכליניעט פון די
ביז־אימהדיק געפרעסטע טרויבן
אין גאָטס אייגענע ווערטער —
זיי וועלן אייך מיט גאַרניט מאַנקירן.
די הימלען אָנגעגאָסן מיט סינקע־בלאָ, מיט פעטן טיפן
שוידערלעך שאַטירטן בלאָען טורקוז.
די פּימסנהאָלץ תיבה
האָט ניט געליטן פון טאַנאַלער פאָביע: אַ שרעק וויפל געענדז,
קאַטשקעס, וועווריקעס, מענטשן, חיות און פלאַנצן — אַלערלייאיק:
טויב און לעמפּערט, שלאַנג און פיש און אָדלער,
„בושלען פון די מושלען״, טיגער און פאַווע, פאַזאַן.
נח טרעט אַריין אין זיין קינסטלערשער אַרביטע.
אָט איז ער רעוואָלוציאָנער, ווידערשפעניקער, לייקענער, ניטשווינער
און אָט לעגיטימיסט. ער האָט נאָך פאַר די אום־צי־גראָדיקע גריכן געוווסט
אַז ניט אין שכל, ניט אין האַרצן פויקט די זעלטענע יפיפיה, דיכטונג,

באַייערט אין דער בלוטיקער קאַכיקער לעבער.
וווילגערוכיק דאָרט

מיט זאַפרען, אניז, טימיען, טערפענטין און טשאַדנעם לאָטוס-נאָכשפּיר:
מיט געל און גרין גאָלד, סאַרדאָניקס און קאַרנעל קאַרשנבוים,
מיט כאַלצעדאָן און פאַרשידנקאָלירקע שיכטן. ניט נאָר האָבן דאָרט
געהויזט

די דואַליזמען, צווילינגס, טאָפּלען און פּאָרלעך
געפּיטערטע לאַמען, טעקאַטע, געפלעקטע,
און פייגל טשאַטעסוויז, נאָר אויך די פּאָרלויפער פון
דאַמאָן און פּיפּיאַס
דוד און יונתן
קאַסטאָר און פּאָלוקס

און די הערט-באַוואַרטע שאָף מיט געטראַסקעטע און גאַנצע פעל,
מיט זייער וויאַלן גאַנג, פאַרניערטע באַזיעס,
ריזן, קאַרליקלעך, גוג ומגוגס, ווי אַ הואיהנהנהם, אַ זשוזשנדיקע פליג,
אַ מוילוואָרף.

...און „היט זיך פאַר אַ ביס, אַ ריס!" רעוועט ס'ווילדע דרויב.
אין אַן אָנפּאַסקודעט ווינקל, אַ מאַמע נעבעך,
אין פריצייטיקע ווייען, האָט־אָפּ אַ קינד.
פון אַלע ווילדע צענישטשעניש און אויגנשטעכערישע ריזן
אין מילבן (און איינער דעם צווייטן פאַרפאָרט אין פּיסק,
אין די ,בני־מים׳) איז דער זיבנגרייזיקער זיידע־קיניג, לאָצמאַן, הויפּט —
ער אַליין די פאָרנעמסטע דערשיינונג, דער חידושלעכסטער עקזעמפּלאַר.
(וואָס־וואָס האָט זיין מוטער צערעברירט, שמירנדיק זיינעטוועגן
אַזישע האַלבגעבאַקענע פּידפּאַלקעס מיט סאַטע־האָניק?)
און אַרומגיין האָט ער געמוזט — רעטער, דערלייזער
פון די אַלע אויף אים אָנגעוויזענע —
מיט נאָזלעכער פאַרשטאָפּטע, אויערן דיטאָ; מחמת:
עיפּוש, ווי צייט אַליין, איז פאַרצייטיק, אַלצייטיק, אומפאַרענדערלעך,
פּאָסט־איינשטייניש. „בלויז איגנאָראַנץ און טיפשות ענדערן זיך.
„מעכטיקייט פאַראורזאַכט אָנדערונג אַרום זיך —
„איבערזיפּנדיק די וועלט אין טאָט לעולם־ועד, אין גוס,

טויש־כוואַליעלעך פון נישטיקייט״.

און אַלץ: ברואים
אויף דער טאַליקע פון מענטש און חיה און ווידמעניש:
הילך און סווישטש, וואַי, גרילץ, ברום און רעווע,
שמוצער, קוואַקע, קראַקע —
ווידערהאַלט זיך אין נאַטור און איז ווידער ניי,
אַפירמירט דעם אומפאַרענדערלעכן געהער פון וועלט,
באַלייט פון ליד און פזמון, וויץ און שפּרעכוואָרט,
סגולה, זאַבובאַנע, ביזקל לעצטן אַהיימגאַנג.
„און מיר אויך
„וועלן אַהיימגיין, פאַרגיין אין מערב
„ווען דער יאמא־צווילינג וועט אונדז אויסגעפינען״.

דער באַשעפער האָט מאַגנאַטעוועט אַרום נחן, דורך אים געזוכט
צו ווענטילירן טעאָגעניש דער וועלטס דושנע אַרימקייטן.
די תיבה האָט באַפרידיקט זיין טאַט־דורשטיקייט, זיין
צודרענגלעכע פּראגמאַטישקייט, חומר׳ס אומפאַרנישטבאַרקייט.

און ער, אַ הויכער טענענבוים אויף אַ באַוועגלעכן געהיגל,
אַ גאָט־באַווירקטער מאַסט אויף אַ פּימסן־שווימגעפעס
האָט אויפגעהויבן זיין קול און אַזוי געזאָגט
צו זיין באַוועגער: „איך געפין דיין פינגער אויף מיר
„און געפין דיך פאַר פולקאָם״. און אַ זיפץ
באַגלייט האָט דעם פרומען קאָמענטאַר,
ווייל חם... חם... „ווי קען איך דיר דאָס מוחל זיין, מיין האַר?״

אָן קאַליזיעס

שוין ביים שוועל, פון יענזייט טיר,
שפּאַנט־מיט, אַריינוועגס, דער קאַלער דרויסן
(אַנומלטיקער בוהאַי, אומדערבאַרימלעך אַ שטיר,
פון פערוויסקעס אַנטמאַנט, פאַרניינט, צעשטויסן).

גרינגער ווערט איצט יעדער שאַר און ריר.
מ׳איז קיין שום זאַך, סיידן אַלקער, אויסן.

נון, צעפּראַלט אַריינגאַנג מיט אַ סקריפּ,
אַ גרילץ: אָפּהילכנדיקער ברוך־הבאָ
(דער שטיר פּאַרקעט מיט פּאַרדריפּטע טלאָ
אין טראַקטאַוון קרעמען, שאַרפּט זיי פּאַר אַ ריפּ).
פּאַרסאָפּעט מיט אָנאָטעמדיקן זשיפּ
אָנט מען אונטערטעניק אינעווייניק דאָ:

דער שאָטן. — ער נאָכגענגלט איינמאָסיק, אָן הוך,
לינקס אַ טראַנץ, רעכט־צו אַ באַוועג
(יופּיטער טאָר ניט, אַ שטיר מעג —
בפרט ווען ס׳פלאָטערט רויטער טוך);
באַגלייט פּאַלצעטאָ יעדן שאָרך און סקרוך
פון אַוועקשמייענדיקע מייזלעך: טעג.

אויסטועגדיק דעם ראָק, טוט זיך דאָס ניט אָפּ
אַז האָפּט פון טעאָריע באַזיגט אָפּט מאַטעריע.
(ווהין ז׳דער שטיר פּאַרקראָכן?)
פּאַרזיכטיקער נאָכקלער שטעלט אַזוי דעם טראָפּ:
קעגן אינערלעכע פליכטן, דרויסנדיקע יאָכן,
שירמט נ י ט שטויביקע היסטאָריע, נאָר שטוביקע היסטעריע.

אין אַלקער, גוט־געמיטיק, פּאַרגעסט־זיך שוין
(פון שטירס אָנמאַכטיקייט דער תוכן)
אין יוגנטס העל־בלאָנד, אין עלטערס שטאָר־גראָ —
דאָך ווי ליב דער אומאָפּוועגדבאַרער לוין!
מחמת קעגן פּאַרפּוטשעוועטע טעג־נ־וואָכן
באַשטייט, ווי אַ גדולה, די ראַיעלע שעה.

היים. היים. — און דו, ברודיקער באַשיידער,
שררה אין פיר איילן גרענעצדיקן דאַזיין

(דער שטיר איז אויס־זיך: אים גענזלט
לאָנקע, פאַשע, טעלעצעס, מאַליאַס כסדר)
ווו, ניט „אינפראַ דיג.", וועבט זיך דין און פיין
פריוואט אַ פיצל וועלט, אומזיכער, בלאַס געפענזלט.

ווינקל אויסגעריטמט צום האַרצקלאַפּ פון פאָ טשו
אין לאַנד ווו פראָקלאַמאַציעס ווערן גראַווירט
אין אידעאָגראַפישן געציקל (פאַרטאָן אין פלירט
דער שטיר מיט אַן אויסמאַרודעוועטער קו),
לויב איך, יואַן טשען, לי פאָ, או־יאַנג סיו
פאַר מוסטערן דערפאַרונג דורך זיטלעכקייט פילטרירט.

וועגט, די טאָהילען צווישנוו ליד הוילט אין בוך,
די שורה ווי אַ פייל איז בויגן פונם ליד
(צומאָל געלונגט דער דאַנקלאָזער פאַרזוך
דעם שטיר צו ברענגען אויף יאַריד);
פון דעליקאַטסטן צונג־געלענק אַן איבערברוך
היילט פרימע וואָרט אין געדאַנקס סובטילסטן גליד.

אַזאַ האַרבעריק הילט יערונג, רייפט חושים
פאַר דרויסן פון שוין גאָר אַן אַנדער מין
ווען אויסגעפוצט — אַז גאָט טוט אים אַ בענטש! —
(דער שטיר צעפּאָכט די נאָזדרעס אויפן עזרת־נשים)
אין בוים, בלום, קלעטערפלאַנץ, אַרום פאָרענטש:
קאָמילפאָ פון „זיין" איז שעטנז'דיק געזין.

און תכלית טוט אַ ברעך דעם צוואַן,
און טערפקייט לינדערט האַרבן פיין,
און אַ פרשה חומש, צי אַ סורא אין קאָראַן,
ניכטערט, רייניקט ווי אַ שוימיק אַלטער וויין,
און מתיקות, חדוה, חסד פלייצן דורך די שפונטן
וואָס צאַמען געוועקסטע פעסער אין קעלטער גרונטן —

איצט ערשט רייסט דער שטיר, געטלעכער פּראָפּאַן,
זיך צו זיין שאַטינער אין שטאַלכל אַריין!
פאַרגאַנגען די מינוט פון אונטערשיידן אין געווימל
צווישן איינזאַמקייט אין שאַטנדיקן הויז
און מערזאַמקייט אונטערן הימל
און לעבן בליט, וועלקט, ווי אַ ווערמדיקע רויז.

פון פאַליאַטיוון

מין מענטש איז דער מענטש אינדערהויפּט
דאָס איבעריקע גלאַט אַ טפל
וואָס יערט נערט און צערט אַרום פלויט
דעם צווייפל אין תהום פון פאַרצווייפל

ווי ציטעריק פלאַטערט זיין קעל
צעהעשעט ביים סאַמע באַגינען
בעת ער באַטרעט אויף באַפעל
די אייביקע כמאַריקע בינע

אין שפיל־שפיגל טענצלט דער מענטש
אין מאַסקע און גרים: פריידנליידן
לייגט שטיל זיך אַוועק ביים פאָרענטש
אַ גיהנום־געקנויל פון גן עדן.

דערהויפּט איז אוי! מענטש גאָר אויסמענטש
ביים פלאָדיען פון שימל און שקראפּל
וואָס קלעפּט זיך רוטין ביים פּאָרענטש
ווו ס׳ריטשעט די מוטער פון מפּיל

זי יאָמערט און אָכצט אין פאַרביי
באַגערנדיק ווענען צו זויגן

איין ברוסט אַשיק פאַרבט אַ לישאַי
אַ צווייטע פאַרדארבן גוטאויגן

דער צווייפל פון יענערזייט פלויט
שטרעקט אויס דענערווירוקע בליקן
זיין איינהיל — די תהום׳יקע צויט —
באַצירן פאַרשליימיקט אַנטיקן

דערעיקרשט איז פאָרט דאָך דער מענטש
שוואַכקעפּיק האַרצשלאַבריק קאַליעאויגיק
באַוונדערט פאַרשאָלטן געבענטשט
דער האַסטיקער ראַסטיקער שמויגער

ער שושקעט פאַרטייעטע רייד
און חלומט חלומות טשיקאַווע
אים הונגער צעגאָגט ס׳איינגעווייד
איינגלידיק באַזיצט אים די תאווה

הויזט אום אין פאַרפליעסנעטן קרייז
פון זשאַווער־ספּרוזשיניקע בורא׳ס
זיין סוף איז קלימאַקסישן אייז
שוואַרץ־טינטיק אויף וואַסערדיק ווייס
גלימאגעט ער אָן לדור־דורות

מין מענטש ביים פאַרענטש אַנגסטיק ליגט
אין צאַפּל ביים מפּיל די מוטער
אין קראָטקע־וויג אַלע פאַרוויגט
אין יאטער פון טריפיקן בלאָטער
די ליריקע פון פּיפערנאָטער.

פּאַסטאָראַל פאַר אַטאָמישן דור

איבער אונדז, אין אויר, זשומען מוקן, בינען:
עמאַנאַציעס פון קאָסמישן האַרמידער.
פערלמוטערדיק אין דאַכטעניש צערינען
טויב אין בלאָנדן וואָרקען, קראָ אין שוואַרץ געפּלידער.

ביים פאַרגרויזטן פּאַשע־ווערלדל גלאָצן לעמער,
פערד און רינדער; צופּן ריטמיש ס׳גרינע פיטער.
אויפן האָריזאָנט טויכט־אויף אַ מאַן־מיט־עמער
פליכיק אין דער זון, אַ מיטנטאָג־צעגליטער.

לאָנקע לאָקט אויג, אויער, כוואַליעדיק צעצונטערט,
ק׳ראַנט ווי האָפנונג וואָס ווערט קיינמאָל נישט מקוים.
פּלוצים זינקט דער עמער־מאַן געשווינט אַרונטער
פון געהיגל — בלויז אַ גלימצער און, ניטאָ אים!

מיט זיינס־זיכיקן ווהין ער איז אַנטרונען
אין נאַטור־געוואַקל, דרויבלדיק צעשטויסן,
קרישלען זיך לבנות פון פאַרקוילטע זונען. —

נידעריק דער פּולס קלאַפּט אין אַנטמענטשטן דרויסן.

אַ בלעטל פון אַ פּנקס

נאָכאַמאָל: כדי ניט צו פאַרגעסן
די פאַרשווענדישקייט פון מעת־לעתן —
זיי וועלן אייך ווי בוציע־בערן סוף־כל־סוף אויפעסן.

אַנקעגן: משה וואַנערס שטוב.
הינטערן שפּייכלער, אַ גרוב —
רויער זרוב

אויף צו באַהאַלטן מיסט, צואה.
אַ חנעוודיקע שכנה, די ספּריטנע לאה

סודעט זיך זייטיק מיט דער מומען. — דער פעטער
(אייגנהענטיק פאַרפאַרעט טיי־סענץ)
נעמט־אויף אונדזער שכן ר׳ נחמן שניידער מיט טיי און איינגעמאַכץ.
מ׳רעדט פון וועטער, היתר. — בלעטער

„דער פריינד״, „מאָמענט״, „בירזשאָווקע״ הויפן־אָן דעם טיש.
אַ זאָג אַ וואָרט און מיטן לעפעלע די טיי אַ מיש.

ביי יעדן שטיקל צוקער־אַפּבייס גיבן ר׳ נחמנס דזיאָבעס צוויי —
אַ קריץ.

דרויסן ליאפּעט. דונער און בליץ
צעווערטלען זיך צום זען און הערן.
אַ צוציק. זיץ איך אין פאַרמאַכטן גאַניק, לערן
פאַרטאָן אין הלכות הימל, זון, שטערן;

גאָט און זיינע וועגן;
אונדזער ערד ווו טייבל סענדערס פרישט ווי שפריי פון רעגן.

אָט דעראָן איך דורכן קנוילנדיקן נעפּל
איר אַכטיעריק פלאַקסן־צעפּל
איר סאַפראַנעלעס געפרעפּל
אין אַ באַרעזשענער בעבעזשקע
קעציש טריטלענדיק אויף אַ צוגענעצטער סטעזשקע

ס׳לויכט איר פּנימל (מיר שיינט)
עלעהיי די זון נעכטן צי די בליצן היינט.

און רעפלעקטירנדיק מיט פאַראומערטן געמיט
נישטער איך און זוך די פאַרווייטע טריט.

איצט — נאָך אַ יאושדיקער מענגע אָפּגעפּלייצטע יאָר
ווערט ווי די נאָז־אינמיטן־פּנים קלאָר
דער פּאַרוויש פון לעצטן שפּאַר.
דאָס אַלץ. אפשר נישט טשיקאַווע
נייערט: כך הוה.

גליווערשיין

ציקאַדעס גרילן פון יענזייט פענצטער, אין סאָד.
העסעס שלומערן אויף די ווענט.
לייכטער אויפן טיש בלינצלען מיט לעכט האַלב־דערברענט.
די שטוב־ניטגוטע טאַנצן אין אַ ראָד.
איך און דו, מיר טאַנצן ווי באַזעסן.
איך דיך געדענק. דו מיך — פאַרגעסן.

איצט וויינט כביכול און וואָלט פאַרפולט דעם בעכן
נאָר דער ניט־גוטער טריקנט די טרערן מיט זיין פערנטוך.
„די וועלט איז פול מיט ווידערשפּרוך,
ווי זאָל זי זיך ניט ווידערשפּרעכן?"
אונדזער געשפּרעך ווי אונדזער לעבן.
ווער פון אונדז וויל אַלץ נעמען? ווער — אַלץ געבן?

גרויסע קונסט
אמתע טראַגעדיע
צישעט צישן מאַרך און האַרץ
און זוכט ביי קיינעם קיינע לגאַטעס
און ביליקע שלאָגט אונטערן גאַרטל
און קינסטלער בלייבט קינסטלער

אַ נאָז אַ באָדניע
אַ נאָז אַ פּאַצידראָליע

אַלע זינגען אין אוניסאָן מיטן וועלט־אַל
איך בין דרויב, דו — אוניוועסאַל.

לאָמיר איינשטיין אין די פיינסטע אכסניות.
צווינגען יעדן אונדז מאַכן אַ וואָרע.
לאָמיר זיך ווינטשעווען די פריינטלעכסטע ווינטשעוואַניעס:
מונטיפיורי׳ס יאָרע און ראָטשילדס בארע

נאָר ווען עס האַלט ביים געבן
גיט ניט אַוועק קנין־מיט־מנין
סיידן אַ פּאָטאָ־אַפּאַראַט רעפּאָרטער געפינט זיך דאָ דערנעבן.

אָבער נישט דאָס צו געווינען פּאַרוועט
איך זיך; ניט דאָס טו איך באַשטרעבן:
אַ געליבטע געפינט מען אין ווו נאָר אַ בעט —
דיך זוך איך אויף אַלע שליאַכן פון לעבן.

נאָך מאַרינא צוועטאיעוואַס אַ מאָטיוו

בוידעמשטיבל, מיין פּאַלאַץ, מיין אָרעם געצעלט
מיט זיין גאַנצן פּאַרמעג: מאַנוסקריפּטן אַ הויפן
פון וואָס מעגלעך פאַרלויפן זיך קען אין דער וועלט
און פון וואָס נאָר אַ מעגלעכער וועלט קען אַנטלויפן

זע, שמאַראַגדן פון שימל אויף ווענטלעך פּיטשנאַס.
ווינקלען, באַלקנס מיט שפּינוועבס־אוזאָרן באהאנגען.
איך הער ברייען: ס׳איז ליכטיקע שיין אויף דער גאַס
נאָר דאָס מוזן זיין שאַרף איבערגעטריבענע קלאַנגען.

ווי מע לעבט? אָפט אין פריידן, גאָר אָפטער אין ליידן.
צו אונדז קומען צופליען אין שלאָף, אויפדערוואַך,

צוגאַסט מלאך און שד און דער הערשער פוןביידן,
מחמת: ו י ווייט א י ז גאָר פונעם הימל צום דאַך?

הכלל, קינדער, אַ בוידעמדיק כנופיהלע לצים
מיט מיין מוזע גאָר פיינטשיק איך וועלן פאַרווײלן
בשעת איכ׳ל דעם אויוון געהעריק איינהייצן,
לכבוד איך, ליבע געסט, מיין מאַלצייט צוזיילן.

„וואָס־זשעט זיין ווען ס׳עט אויסגיין באַהייצונג, פּראָוויאַנטז״
דעמלט בלייבט נאָך דעם דיכטער די ווערטער־מתנה,
דאָס גליקזעליק געווערק פון גאָטס גליאיקער האַנט.
הייסט, לעת־עתה באַדראָט בלויז אַ האַלבע סכנה.

שוין לאַנגאַניק מוז פלוני־אלמוני — פאַרפאַלן! —
ווי אויך זיינע קינדער אומגיין בעטלען ברויט.
און פאַרוועדט מען אונדז, דיכטער, געוויסע קוואַרטאַלן
צירט געשימל דעם צער פאַרשפּינוועבט די נויט.

טאָמער ווערט־זשע דער דיכטער פאַרליט און פאַרבאָרגט
ביזן לעצטן קונסט־קנעפל אין ווילדן געווימל
און מוז איינעמען שטומעניש — ז׳אַלץ ניט געזאָרגט:
סע דאַך א יי ן שפּאַן אַ ג אָ ר פונעם דאַך ביזן הימל.

ו ע ר ס י ע: קומט פאַר דער לעצטער סטראָפע

זאָל פאַסירן דעם דיכטער דערגייט גוט צום האַרץ
אַזאַ סדר־העולם, און ווילדער געטומל
איבערמאַסיק אים פייניקט — ז׳נאָך אַלץ ניט קויל־שוואַרץ.
צי געשעט סע באַשלאָגט אים צומאָל אַ חלשות
פון דעם וויסטן וועלט־פּירעכץ און אין דער מהומה
מוז ער הונגערן נאָך — ז׳ניט סכנות־נפשות.

ארצינו - האַרצעניר

אונדזער לאַנד — דער וויפלסטער חידוש
אונדזער לאַנד — ערשטער און לעצטער חידוש
אונדזער לאַנד — זיסטער האַרצקלאַפּ פאַר יום־טובדיקן קידוש

מיר אָנען אין הימל זיין הייליק געזין
פילפאַך זיין מיין, איינציק זיין מין
ס׳פולסירט אין אונדזערע טעכטער און זין

קעגן אונדזער אומקום — וואָרער קיום־טאָניק
ס׳רינט אייביק פאַר אונדז מיט מילך און האָניק

ווער זאָגט אַז מיר שטעקן ביים אונטערגאַנג־ראַנד
ווער זאָגט ס׳שטייען שונאים צווישן און דעם לאַנד
ווער זאָגט אַז אָן אויסזיכט איז אונדזער שטאַנד

און אויב ווי משה מוזן מיר בלייבן אויסן
און אויף גלותדיק דרויב ווערן צעשטויסן

אַפילו מיר רופן פאַרן לאַנד מיטן לאַנד אינעם לאַנד
מיר וואָס האיען מחוץ להארץ
און קושן די רוט פאַרן גאָלד פון פּריץ

מיר שטאַרן אַריבער די צאַמיקע פלויטן
באַפּאַרבט מיט אַדערדיק־קוועליקן רויטן
צו כאַפּן אַ בליק פון אונדזער לאַנדס צויטן

אַפילו ביי יענע וואָס פאַלן פון גלות־שווערד
צאַנקט זייער לעצטער ווונטש
קלאַפּט זייער לעצטער אָטעם
אויף אונדזער
פאַר אונדזער
מיט אונדזער
אין אונדזער הייליקער ערד.

ביצה שנולדה ביום טוב

יום־טוב: פעריאָד פון אויפלעב, סימבאָל פון בלי — נאָר
לאו דוקא
גרינג ס׳געמיט. ווי בלוי דער עפיר, ווי בעז־צוויט אויפן האַרצן העל
און מאָגן־זעט, זעליק ווי סאָק פון אַ זיסער טרוסקאַווקע,
געבורט אַנטלייזט פּיינלעך דעם אויפפּלאַץ דערגרייכטן צופּליס
פון צווייאיק לייבנזעל
פאַרריגלט געאַנקערט צעקייטלט.
ניט ווייסל באַזונדער, ניט געלכל באַזונדער,
נאָר רייף פאַררונדלט שאָלעכץ, שאַטירט ברוין, ווייס;
קיילעך אין שיכט קיילעך, אין איינציק־אַרטיק הייטל:
איי — ניט מינדער פון פּאַזימקע, בעז, געבורט — אַ וווּנדער.

מ׳ווּעט שטענדיק טראַקטירן אין פּאַליאַנטיקע ביכער
פאַר זעלבסטפאַרטיפונג און פאַר איבעררייד ביי אַ גלעזל טיי
בעת אין סעדער און גערטנער בליט אויפסניי בעער און בעז
אַז ווי שטירן ווערן אויפגעדראַלט פון רויטע פּלאַטערטיכער
אַזוי פאַרשאַרפט זיך אונדזער אַמפּער־לוסט ביים סינטעז
פון י ו ם ־ ט ו ב ג ע ב ו ר ט א ו ן א י י.

ביצה שנולדה ביום טוב

(2טע ווערסיע)

מ׳ווּעט שטענדיק טראַקטירן אין גראַבבייכיקע ביכער
פאַר זעלבסטפאַרטיפונג און פאַר איבעררייד ביי אַ גלעזל טיי
בעת אין סעדער און גערטנער בליט אויפסניי דער בעז.
אַז: ווי שטירן ווערן אַנגעדראַלט פון רויטע פּלאַטערטיכער,
אַזוי: שאַרפט זיך אונדזער אַמפּערלוסט ביים סינטעז
פון: יום־טוב געבורט איי.

יום־טוב. — פעריאַד און סימבאָל, נאָר לאו דוקא
איז דאָס געמיט גרינג ווי בלויער עפיר; ווי בעזצוויט אויפן
האַרצן העל;
און מאַגנזעט, מחיה׳דיק ווי סאָק פון אַ זיסער טרוסקאַווקע.

געבורט — אַנטליזט פייגלעך דעם פלאַצפונקט דערגרייכטן צופּליס
פון צווייענדיק לייב און זעל
פאַרריגלט פאַראַנקערט פאַרקייטלט.

איי, ניט ווייסל באַזונדער, ניט געלכל באַזונדער,
נאָר רייף פאַררונדלט שאָלעכץ, שאַטירט ברוין, ווייס;
שיכטקיילעך אין שיכטקיילעך, אין אַן איינציק־אַרטיק שאָל.
ניט מינדער פון טרוסקאַווקע, בעז, געבורט — איז איי אַ וווּנדער.

און מיט שפּינוועב־סאָפּיסטן, האַרשפּאַלטער שטודירער
מאַנגלט ניט ביי ייִדן
אויך אין די לייבגרווילנדיקע צייטן.
זיי, די פריִערדיקע ראָמאַנסירער,
עטיק אויסגלעטער, גערעכטיקייט רעמאָנטירער,
האָט זעלטענער אימפּאָנירט דאָס זשאַווערן אין פּלעבעאישן פרידן
איידער אַ מינדסטן אינטעלעקטועלן שוואַכפּונקט צו באַשטרייטן.

אויך איצט פליעסקעט זיך ווו אַ דאָגמאַטישער טאַנדעטניק
אין די ווייספּעס פון פּאָליטיש ברודנעם אַמפּער
בעת אויפן עקאָנאָמישן סמעטניק
ווערט געבורט יעדן פעסטטאָג ווי אייערשאָלעכץ צעטראָמפּלט.

דער בעז וועט ווייטער בליִען,
מיט סאָק זיך אָנפילן די טרוסקאַווקע,
און מיר זיך ווייטער מיִען.

שאַדנווינקלדיק

„מיט באַזינגנדיקע ווערטער איינצונעמען ווילדע הערצער"
(מילטאָן)

איך מיכל שאַיע־אידלס פון ביליזערקע
אַ העלד אַ שטרויענער
פאַבריציר דאָס אַזאַ־ני־אַזאַ סאָרט טרוים־צוקערקעס

אדרבא, נעמט, טוט אַ קוק און זעיט
מיט וואָס פאַראַ גענגעלעך אונדזער קונסט געיט;

יעדער קינסטלער אַ שטערן
(דעם אַ סטיסאַק, יענעם אַ פליק)
שיסט מיט מעטעאָרן
(און „לעאָנידן" שיסן אויף קריק)

אונדזערע ליטעראַרישע נאָטאַבעלן
ווער אין גאַטיעס און ווער אין קאַלסאָנען
יעדער מיט זיינע פּאַטשערקעס און קרעלן
אויפן פּאַראַזאַנג
און שלאַבעריקן שאַבלאָנעם
אָנגעפּרינדלטן געקלאַנג

אַמאָל מיט אַ זיפץ און צומאָל מיט אַ גענעץ
ס'האָט ניט קיין סוף ווייל אָן אַ גרענעץ

שטומפּיק דער פּראָדוקט, 'קיטש'־מעסיק אַמוזאַנט
ווי אַן אָרעם־מיידלס בריוו צו איר „טייערן קורטעזאַנט"

מאַכט זיך אַ פּריץ דעראָביעט זיך צו עוולאָגיע
פאַרזוכט אויסצודריקן פילוסופיה, וכו', אין פּאָעטישער טערמינאָלאָגיע

אַן אַנדערער — מגולגל אין „קאָסמאָפּאָליטיקער" און אויס קאָסמאָפּאָליט
(פון אַזאַ מיחוש באַוואָר, גאָט, און באַהיט)

ווער עס טוט זיך גאָר אַ שליידער (ניט בוכשטעבלעך עקזאָטעריש)
פון אהרן הכהן (לויב, שטאָלץ, תמימות, אייפער)
צו לוי (דעם פאַרפייניקטן לערמאס לערער)
ביז ישראל סבא, אייביקן אַסקעט, אומפאַרענדערלעכן העדאָניסט
וואָס העשעט, ליאַרעמט, הרודעוועט: „וואָס זשע־ט זיין
„אַז משיח וועט קומען?" — „פון אַלעמגוטן: פלייש און וויין!"
כל ישראל חברים! — אַלע זיינען פריי און גלייך!
(דערוויילע־זש „דאָרט ווו די צעדער"
דרייט מען אויף פאָרויס די רעדער
דרייט מען אויף צוריק די רעדער
דרייט מען אויף פאָרויס די רעדער)
און אָרעמער ווערט אָרעם, און רייכער ווערט רייך
און איך מיכל פּעסיע־חנהס פלימעניק
אַזאַ־נ־אַזויענער
קיט, בוצים, טייג פאַר נעוראַסטענישע צאינה־וואַרעניקעס

(היינט האָט נאָך, סטאַטניע, דער הימל די שטערן פאַרזיגלט
פון לעכטיקן ליילעך ווערט אַ בלינדינקע טאָרבע)

רק בטחון! כאָטש פאַרהאַקט די טיר,
פאַרהאַקט און פאַרריגלט,
דער עמער פאַרזשאַווערט, און קאַליע די קאָרבע!

— מילא: ע ר וואָס פיטערט שפּאַרבער און שפּערל
וועט מיך מיט טראָפּייען פון מיין שלאַכט דערנערן

בוקעטל מיט סטענגעלעך מילד מעלאַנכאָלישע

4 צווייגלעך, 4 בלימלעך, 4 זינלעכע ציר
אין פאָרם אין אינהאַלט, גאַלאַנץ ווי מאַניר,
דעם דרויסנס מתנה צום שטוביקן מיר,
צייט־שיבער, רוים־דריידלער.

דאָס גלאָז קווענלט מיט וואַסער. פון דאָרטן דער צוויט
צעשמייכלטער בלינצלט מיט צנועהדיקער זיט,
פעטאַלן ־ גן־עדן אוזאָריק אין שניט
וואָס שטרענגער, אַלץ איידלער.

געוועסט איך ווי זיי מיר געטאָן אַ צעבלי
מיט פולקאָמען גרינגעלן שימער און גלי
וואָלט איך דען געמאַכט שבמינדסטע באַמי
צו קוואַסיען וואָס לענגער?

ווער טוגנט פאַרמאָגט
מעת־לעת אים גענוגט:
פערפעקטקייט פאַרצוקט.

נאָר איך, גליוורשייניק, צערין און צעפליס,
פון פוסטן אין ליידיקן רק איבערגיס,
מערעזשע מיר אָן באַראָט קאָנטיקסטן ריס
פון קויטיקן שטייגער —

ווען מיר קאָנפינירט ניט, ניט עמיצער דאַרף
ביים אינטואיטירן חלפישן שאַרף
דאָס צימבלען און רימפּלען אויף ציטרע און האַרף
ביז „דרייצן אַ זייגער".

אויפגעריסענער זיגל

מכתב לידידי המפורסם מר׳ שמואל יונתן
סעם: דזשאנסאָן בלע״ז

אין אָט די פּירקאַנטיקע אותיות שיקט דיר אַ גרוס אַ וועלק שפּראַצן ביי אַ צעבראָכענעם פּאַרקאַן אין אַ גראָ ווינקל
גערירט האָט מיך (דו מענטש, דו ציטעריקער נערוו, דו אויסגעשטרעקטע דלאָניע; טשערעפּ גע׳ניזוק׳טער, מַמשות׳דיק פון היינט אַ דאַנק דעם גוטנבערגער יאָהאַן גענדזנפליישס מאַכינאַציע־מח) דיין קוויטל, ׳פון דיין שפּראַך דער אומענדלעכער חן׳, צו דיין אשת־חיל׳דיקער מאַמען:

„טייערע געאַכפּערטע מוטער,
דיין שלאָפזיין קרענקט מיך איבערמאָסיק, מער ווי כ׳האָב חשק דיר מיטצוטיילן. איך האַלט ניט אַז ביסט ניט ראוי אָנצוזעגענען דעם טויט. איך ווייס פאָרט ניט ווי טראָגט מען איבער דעם געדאַנק פון צו פאַרלירן דיך. זע, טו אַלץ פאַר זיך וואָס ביסט אימשטאַנד. עס וויפל קענסט נאָר פאַרדייען. איך בין אָפּט מתפלל פאַר דיר, טאָ טו דו תפילה פאַר מיר. כ׳האָב גאָרניט צוצוגעבן צום לעצטן בריוו.
איך פאַרבלייב, טייערע טייערע מוטער
דיין געהאָרכזאַמער זון״

(ווען איך בין קראַנק געווען, ניט איצט גערדאַכט, האָב איך מיינע ליידן נאָך ווי ס׳איז געקאָנט איבערטראָגן. נאָר אירע יסורים זיינען פאַר מיר געווען אומבאַגרייפבאַר שווער. דערהויפּט צוזעענדיק ווי זי שטרענגט זיך אָן מיט אַלע כוחות צו באַהאַלטן איר צער.
דו, הויכגעשעצטער סעם: דזשאָנסאָן, ווייסט, גאַנץ פריקרע קומט אויס פירצוברענגען ס׳היימישע בינטל צרות. מען ווייסט אָבער פאָרט בלויז וואָס די אייגענע הינטישע הויט האַלט איינגעליאַמעוועט — ביז מען דערדענקט זיך:
כ׳האָב אַמאָל ליב געהאַט אַ מיידל. זי מיך — ניט.
אַזויפיל טרערן האָב איך צעגאָסן (יוגנט!) געטראָפּן פון אומגליק.

אַ צייט גענומען אויסצוגעפינען אַז:
„נ י ט ל י ב ע — נ יי ע ר ט ל י ר ע !"
און שפעטערבאַלד, אין אייביקן אַנגעדענק, פאַרגעסן אין שאַדנווינקל.
דערפון איז אַפּצולערנען אַז די מבול'ס טרערן זענען בלויז געווען
רעפלעקסן,
ווערטלאַז ווי אַ מאַניפעסטאַציע פון אמת'ן קלאַג, טרויער און
האַרצווייטיק.

אָבער ד אָ ס וו אָ ר ט, ד ע ר ג ע ד אַ נ ק — דיין געשייט וואָרט
צו דיין מוטער; מיין דערצאָרנטער
געדאַנק וועגן אירע יסורים: זיי בלייבן אומפאַרגענגלעך)
ס'דערמאָנט מיר לייענענדיק דיין האַרציטער „פאַר ווערמען, פאַר
קיינעם"
אַז „שאַץ און שאַצבאַרע ווערטער דאַרפן גיין אינאיינעם".

„צו ריידן מיט די קלוגע און עסן מיט די רייכע"
גילט אויף העלפט איצט ווען מוחות צאָלן צינז צו בייכער

סאַראַ כאַפּ פון דיין צייט צו מיינער
ווען האַפט פון וואָרט האָט ווערט אַ שבועה ביי ציגיינער

אַ פאַרברעך איצט סיסטעמאַטיש „פאַר זיך פילאָזאָפירן"
וואָדען? צווישן מענגעס פיצינקע מוז אַ גרויסע זיך פאַרלירן

איצט ריטשעט איטלעך ביסל געדעכטיק בלוט
נאָך טאַט און אומטאַט פון אַלץ וואָס טויג און טוט

און איך האָב אַזאַ מיאוס'ע טבע
קוים ווערט מיר ענגלעך אין היסטעריש היסטאָרישן היינט
פאַרשליאָנדרע'ך גיכגעשווינט אין די פאַרפוטשעוועטע רייכן פון מיין
זיידן
און מחמת ער האָט שטאַרק געשווינט גאָטס וואָרט און ניט געשווינט
גאָטס פיינט

ריכט איך זיך אים אָנצוטרעפן (ווי קום א י ך אַהין!?) אין ליכטיקן
גן - עדן
טרעפן זיך מיט דיר אין אַ קינסטלער־שאַצערישער פּערספּעקטיוו
האַרציקט מיך דיר וואַגן ראַפּסאָדירן אָט־דעם לויז־ריטמדיקן בריוו
כ'האַלט ניט אַן עולם ומלואו — פּאַרוואָר, בין צו ווייט
פון דיין „הבל הבלים פון מענטשלעכע באַגערן" ווי פון יעדער
אַנדער דיין אָפּ־געהאַטער איילבירטיקייט

פול מיט עמאָציע, ביסט דאָך ניט געווען אָן האַרץ
בריליאַנט, און פאָרט מיט אינטעלעקט
און כאָטש פּאָליטיש שווארץ
האָסטו (אַ סוד זאָל עס בלייבן!) מיין גרויס רעשפּעקט

דיין דור האָסטו היפּש און לייטיש געלעסטערט
נאָר וואָס באַשטייט „האַק" ווערסוס „שליף און פליר"?
„די איצטיקע צייט איז אַ שאַרף פון אַ מעסער
פאַר דעם וואָס קעמפט קעגן איר"

דיך פרייט שוין מער ניט באָסוועלס אַ פּאַרצייל
פאַרהילט פון דיר דער סדר פון יאָר־פאַרגאַנג נאָך יאָר
האָסט, פּראַוועדיק וואַזשנע שטיק, אָנגעווירן די מרת טרייל
און זי — איר לויתן און שור־הבור

כ'מיין ניט „מאַן, ווייב" ווי כ'מיין — אַטמאָספער
געוואָקסן אַ בלום און געהויכט אַראָמאַט
אַ וועלט אַ פאַנטאַזם אַ טאַט אַ כימער
געדייט נאָך די וועלט? ווירקט אַלץ נאָך די טאַט?

אַ ברכה צעטרענצלט אויף דיכטערש געוועב
זעטיק ס'געמיט ווי דעם הונגער דאָס ברויט
— — — — צוריק צו דער נאָרם פון לויב ליב לעב
ווו זיס איז אָנען אַז ווו גרוילט דער טויט

פאַר יעדן בלימל אַ פייגלס זינגעוודיקער האַלדז
פאַר יעדן כזית אַ שטשעפּקעלע זאַלץ

נאָר: אָסור צי ס׳לוינט זיך טרייבן קאַטאָוועס
מיט גרילץ און גרעפּץ און צעיושעטע ווארגעס
ווי מיר זוכן צואיילן ביאת מלאך המות
מיט געמעל שניצעריי מאָנפּלעזיר מאַניפּאָרגעס

וויפל פלויטן און ראָגאַטקעס גנבנדיקער טראָט פאַרצערט
ביז אַ לעבן־רעקאָרד ווערט ווי ג׳וואַנט־באיקע אויסגעריבן
ערשט — האָט אַ בלינדינקער געזען, אין געאייל
אַ טויבער נאָכדעם פון עדות פאַלשינקע גיך־גיך געהערט
און לסוף ווייסט קינד־און־קייט פונדעם — ווייל:
אין ספרים איז עס קלאָר ווי רעטעך־לעמעשקע פאַרשריבן

דער אָבעליסק

If the red slayer thinks he slays
Or if the slain thinks he's slain
They know not well the subtle ways
I keep and pass and turn again
"Brahma", Emerson

1

ווען אַלץ אַרום הענגט אויף אַ ציטער
געשאָטנט אין אַ שארלעך אַטמאָספער
ווי אַ נפש צימבלט אַ זומזענדיקע זיטער
אַ נפש באָמבלט זיך מיט טעכניק געניטער
פלאַטערט וועלק אָן פוכיק געפליטער
די אויגן שפיגלען אָפּ שפּיצאַסט און עפעמער
דער קויט־האר, ברויט־געביטער

2

(צומאָל זיין שעפעריש, אָפּנייגט מען זיך פון געדאַנק צו שאַפן)
Pour arriver à Dieû, il faut detourner de Dieû

אויבערהאַרן, שקלאַפן גאַפן
ציען העלדזער גלייך זשיראַפן
און ווערטלדיק פּיפּפּאַפן
חכמים אויף צו זאָגן: נאַראָנים שאַ־געשוויגן
אין צווישטרייט אַנטצוויט זיך ניט דער ליגן
(איז כאָטש דאָ אַ באַרג ווו זיך אָנצושלאָגן אין אמת?
אויף די אַלע פּריידן באַהילפיק אונדז אין רעסטאַווירן
באַהילפיק אונדז צו פאַרלירן?
טרינקען בראַנטוויין און זיך אָנקוקן אין בראַנשפּיגל?
ליטעראַטור איז אָפּט נישט פאַרשפּיגל נאָר אָפּשפּיגל).

3

אַן אָפּקומעניש:
פאַרשווינדן ז׳אויך קיין עסק נישט
אוודאי וויל אונדזער מין נישט איינגעמען פּען־קריץ שטומעניש
דער שטויב פון אונדזער וואָרט פאַרוויט די נויט־צויט טריט.

4

שיפלעך ספּראַוואַדיען באַרזשעס געלאָדן מיט פּידל־ב־סמיק,
שושען ס׳קלאַנגיק האבנגוטס האַריזאָנטאַל אַוועק
פון ברעג פאַרבלאַסערט אין וואַסער. אין נאַסער שטוין־מוזיק
שוימט מיט שימער, פּרינדלט פּראַכט. כ׳שפּיי מיט בלוט, שפּיי קלעק.

5

אני הגבר מי דערמיט זיך טיילוויז טישען —
אַז וויל און ווי מיר, פּיל־גאַרנישטיקן אַנאָנים! —
וואָס רויט־טויט מיך טוט ווולגאַר פּרילישען
בעת איך, „סוב ראָזאָ״, פליאַסקע אים.

סאָנעט

(לויט רוסישן אָריגינאַל. אַוטאָרס נאָמען, לײדער, פֿאַרלוירן)

װי װאָלט איך זיך דעם װינטערטאָג געבאָדן
אין ים פֿון שטראַלן ס'אָנבליק איר צעשטראַלט;
די זױבערקראַפֿט, װאָס פֿון איר װעזן קװאַלט,
געשלונגען, און אַזױ מײַן האַפּט אָנלאָדן.

כ'װאָלט שפּילן זיך אין צאָם פֿון צױבערצײַן
צװײרײען ־ װאַכיק הינטער ליפּנטאָלן;
מיט מײַנע פֿינגער װאָלט איך קריפּטיש מאָלן
אין איר געמיט געמעלן פֿון אױפֿגײן.

ערשט דעמלט, קריק זיך טובלען אין שװאַרצאַפּלען
באַזױמט פֿון װיע־מאָך; פֿאַרשײטערהײט
אין ליבן װעזן; אירס — אַ רױזנבײט —
אומשמײען; רעכט געניסן; זיך צעדראַפּלען.

דערנאָך, אין באָדטוך פֿון איר האָרצעפּלעכט,
זיך הילן און אױסלאָדן דאָרט די נעכט.

דער דעמער

א

דער דעמער, אומטוגנטהאַפּט, אומעטיק געװעב, באַזױמט מיט קודלעװאַטע פֿערנז פֿון שלײַם און שימל,
איז קאַפּאַבל אָנצױאָגן אַרץ־און־בלײַ צעשמעלצטן שװערמוט אױף דער אײַנסטער פּסיכיק;
דאָך בלױז אַן אױפֿגעטױכט צעפֿינקלט מונטער שטערנדל אין אַלע געטאָ־מענטשנס, אַלע לײַטנס געטערס הימל
רעסטאַװרירט איך ציטעריק, צוטרױאיק, אַן אַדעקװאַט געפֿיל פֿון דער אָפּגעלעבטסטער פֿרישסטער באָבע־מעשה: גליק.

מיין דעמער, זונדערלינג, מעת־לעת געמעסיקטער און פיינלעכער
פאַרפּירער, אַהיים־אַפּפירער, מלאָי און אויסגעשפּיגן.
שוואַרצט זיך דרויסנאַרויס האָרביק ווי אַ גרענעץ־גנבֿ׳ער; און לויכט
— אַ פּעטע מומע, נחת׳דיק געפּרעגלט, פּערלשייניק — צוריק
צו מיר אַריין;
דער דרויסן, יעדע שוואַרצקייט נאַכטיק אויפבאַוואַרט, שיקט מיר זיין
גרויס געהיימנישדיק אומהיימלעך פאַרגעניגן,
און איך אים — אומגערן דיסקאָנטירנדיק זיין וואָר־פאַרשפּראָכן,
שטערן־היעראָגליפירטן וועקסל — מיין יאָמערלעכן פּיין.

און ביידע: ער און איך (און שוואַרץ און ווייס, און רויט און טויט)
גלגולים פון אַנטאַגאָניסטישע סטאַטיסטן, יאָגן
ווי אויסמושטירטע האַלב־פאַריאָצטע פונקציאָנערן, אין אונדזער טואונג,
נישט פאַרשטייענדיק
הלמאי אָטדער, קיינמאָל נישט צוריק צו כאַפּן אויף קיין כישוף־ווענטקע,
איצט באַשערט אַנגסטן, גורמ׳ט פּלאָגן
און אַ רגע שפּעטער: אַלדאָסגוטס וואָס וויגקינדער (קאָן זיין),
פאַרסיוואַלן־נאָך־דער־פּרווו (מסתם) און טיף־באַזעלטע (זעלטנ־
ווייז) דערשיטערט: גליק.

ב

כ׳וועל מיט גאָטס צודרינגלעך אַל־סופּרעמער הילף אויפהויפּן אַלע
מדבר־צערנדיקע זאַמדן און טאַבון־דערצערנדיקע זאַמען
און אין זייער קרישליקער צעברעקלטקייט, אַ פּרא־אָדם, אַ רייטער פון
מיין פערד פאַרראַטענער, זיך טיף באַזעצן.
ביז דער העכסטער שטופּע פון דינאַמיש פּראָגרעסיווער שליוזן־
בויערשער טעכניק וועל איך פאַרהאַלמעווען די זיבן סוווערענע,
געאָגראַפיש־אַפּישירטע ימים
און אויף זיי, געצאַמטע, מיין מעסמעריזם אונטערוואָרפענע, פאַרוואַרפן
די געדיכטסטע, אין מיין וואַרשטאַט באַדאַכט, באַזאַכט געשפּינטע,
נעצן.

די פּוסטע, בעל־דברס קרוינאַרט, באַלדורס קרוינלאַנד, וועט זיך קרויזן
אַרום מיר מיט איר אומפּרוכטבאַרקייט, און בלאַסערן
און בליאַקעוועז, מיט זון צוהילף און מדבר־אייגנשאַפטלעך, די טהאומאַ־
טורגיש העליקסטע קאַלירן.
און מיט די שוים־געוועלן (וואָס וועלן עס ניט וועלן) פון אַלע זינדיקע,
מיך צו יעדער צייט פאַרשרייענדיקע, וואַסערן
וועל איך מיט גאַטס־נאַר־הילף, להכעיס בעל־זבובעס שטער, געמיטלעך
אַ געשפּרעך (איך: סאָלאָ — אָבליגאַטאָ: זיי) פאַרפירן.

קיינער פון די אַפּטריניקע, אָנוועזנד וועז ניט נויטיק, ט׳ניט אָנעז אַז אָט
און פּונקט און דאָ צעפלאַטערט און צערוישט
האָט זיך געהעשעט אין לעקישעוואַטער מי אַ הארץ, אַ זידנדיקער מאָטאָר
פון אַ פאַרזאָטענער מאַשין, מיט זעלטענע פאַרלאַנגען,
לסוף צו לאָזן ווי מען לאָזט אויף קיין באַראָט, אומאָפּפרעגעריש,
ענדגילטיק, שטאַרק אַנטוישט
זיך ליידיקן באַהיטלאָז אויסגעשאָטענע, נאַכלעסיק צעטראָטענע, כאָטש
ווונדערלעך גערויטענע, געריפטע זאַנגען.

לייגט נישט צו, (ווייל ס׳עט ניט העלפן) קיין מאָגער הינדלס פעדערל צו
מיין פרעג־צייכן־סטאַרטשנדיקער נאָז!
ס׳נאַרט אייך ניט, ווי ס׳נערט מיין גוף ניט מער. מיין פּלוצים באַנקראָ־
טירטער אָטעם:
פאַרזאַמלט צו מיינע אורעלטערן, בין איך אָוועק פון דאַנען ווי אַ האָז
וואָס ווי ער שאַלט און וואַלט און ׳שרעקט די געגנדז׳, שרעקט ער זיך
סך־הכל פאַרא מינדסטן שאָטן.

סאָנעט

די פרייד קער אונדזער דור אָן אַ שטיפקינד.
דער דור ראַצט מיט אַ קאַנטשיק פון בעטאָן,
יאָגט פרידלעכקייט דורך קרעציקן סקאַדראָן
אין שיין פון העלערליכטער — מידט זיך בלינד

פאַר יעדער בלודנער שאָף, געמיטלעך רינד;
וועבט גורל־אומגליק גלייך פון אָנהייב־אָן
און מ׳דאַרף גאָר גאָרניט וויסן וואָס צו טאָן
אַבי צו דאַרבן אַלץ מיט דאַרבערס זינד.

דער תכלית באָמבאַרדירט אין אומגליק־שטייג
זיך גופא, ערשטנס; צווייטנס, אַלץ וואָס לעבט.
דער מלאך־המות, אומוועדדס טשיטשיסבעי,
בשפע מאַכט חיונה — און אַ שווייג.
דער יאָמער וואַקסט מיט יעדן קלאַנג פאַרוועבט.
דער עלנט שטייגט מיט יעדן האָנס געקריי.

דער טויט איז אַן אויסוועג

„דער טויט איז אַן אויסוועג פון וואָס־סאַרא צושטאַנד
„נאָר צושטאַנד פון וואַנען קיין אויסוועג ז׳ניטאָ*)
איצט, בקיאים, חריפים, זעמיר בלויז אימשטאַנד
זיך לויזן אין פינצטער מערכהקער שעה.

לאָמיר פאַרקריצן די ציין און ניט מרעיש
עולם זיין מיט אונדזער קלעמיקן וויי
אַלץ איז פוסט פריוואָל און נאַריש
און האָט ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי.

אַ באַק געפייניקט פון אַ טשעריק
דער יאַכנפלאַסטער — קיין פעולה
אַ פאַלק געבייטשט פון אומגליק
פאַרמיטן קומען די גאולה!

---

*) "Смерть — выход в любом положеньи, но положенье, где выхода нет".

Илья Сельвинский "Уляляевщина".

פֿאַרכט ניט מער די היץ פֿון זומער
ניט ווינטערס שטורמיקן ווירוואַר
האָסט דורכגעשטופּט ס׳באַשערטע קומער
איצט טראָג זיך אָפּ און קריג דיין שכר

פֿאַרן רייכנס צאָרן ביסט אומדערשראָקן
דאַרפֿסט קיין צודעק מער, קיין זופּ, קיין בראָקן.

אויף שטענדיק אַנשלאָפֿן

צווישן שפּרינגענדיקע ראַצן
און אומשמייענדיקע מייז
שפּילט אין חרובע פּאַלאַצן
די קאַץ אויף פיר טייז

(האָב דערבליקט אַמאָל אַ מויז
גריזשען אותיות אין אַ סידור
אין בילזערקער טריסקער קלויז
וווהין איך קער און ווענד זיך ווידער)

זינגט, אימפּולסן איינגעטוליעט,
זינגט פֿון אייביקן געגעזן
און צעהוילט זיך, ווילד צעהוליעט
אין דער טבעס וועזן

אַ 1/3 דריבן, אַ 1/3 נערוון, אַ 1/3 בלוטדרוק
נערט דעם האַס אין דאַרבערס פֿאַנטאַזיע.
איצט רייפֿט אויף דער ליבשאַפֿטס באַשטאַנדטיילן אַ קוק:
אַ 1/3 מיאָפּיע, אַ 1/3 האַלוצינאַציע, אַ 1/3 אפּאזיע

פֿאַרשטעלונגס־קראַפֿט פֿאַראיידלט די חושים
די חושים צעפּלאַמען דעם מוח

איי־איי, פּאַסטום! די יאָרן פליִען
אוי־ווי, פּעסטון! די יאָרן שווינדן
וויפל מיר זאָלן זיך נישט מיִען
וועט ס׳פייער מער זיך ניט אָנצינדן

איך, ווען מיין קריזש איז פון טונגסטן שטאָל
כ׳האָ׳ניט קיין רינדער, ניט קיין שעפּסן
קרעדאָ: אין דעם מיף ישראל
דוביטאָ: אין ניט־ייִדישע עפּעסן

טאָ גייט אייך, הימלען, אייער ענדלאָזן דרך
איך וועל זיך טאָפּטשען אין מיינע כזיתלעך וועגן
ביז מיין לעבן וועט נידערזינקען ווי קורח
און מיין זעל זיך צוריקקלאַמערן אין אייערע ברעגן

לאַנג־לאַנג באַוואַכט, אַרומגעפּאַדיעט
געגנוג געווען ס׳געהיטס, אי היטער
ביז צום רייכן גערעטעניש זאנאדיעט
זיך דער וויסטער שניטער

אַזוי לאַנג היט מען פלייש און ביין
ביז ס׳באַוואַכטע ווערט ס׳געגאַרטע אַליין

נון, ער אָבער וואַרט נישט אויף קיינע אָוואַציעס
און קומט ניט „אין מופטי״ און ניט אין דער אָפּן
און אָן שום איבערגעשפּיצטע אַסאָסיאַציעס
ווערט מען ביי אים שוין אויף שטענדיק אַנשלאָפּן

און קומען קומט ער שבת־ראַפּטום
מיט כריפּ און ווערג אויף זיין גליוועך־וועג באַגלייט
און אין דער רעכטער צייט — דער וואַטלמאַכער כאַפּט אים —
גלייכט ער אויס די דיכאָטאָמיע צווישן אייך און אייביקייט

„יתגדל ויתקדש האדם העברי״

(י. ח. ברנר)

באַפּאַנצערט אין פּחד, שווינלאָז פון נויט,
פאַרשפּינוועבט אין נעצן פון קלאָגיקער צויט,

דערציטערט פאַר קיום, זיין שפע און פרייד
שפּינט האָמאָ סאַפּיענס מיט מי און לייד

אָן מינדסטן מיטלייד, זיין שיקזאַליק קבורת־חמור.
זשאַווער פון שטאָל און אייזן, געשטאַנק פון טכויר,

האַפּט פון נעגאַטיוון, אומוועדט פון אומקרויט
נערט אים, צערט אים ביזן דערקייקלען צום פּלויט.

פון אַלע שקראַפּלען, מידע טעותים וואָס ער שאַפּט
מוז אַרויסטויכן אויסלייז, פּאַרטיליקונג־קראַפּט,

וואָס וועט אים פאַרדייען, בייקומען עלעהיי אַ גיפט.
ענדגילטיקער עיפּוש לויערט און הויערט צעטריפט

אויף אַלע באַראַטן וואָס העקלען זיין קלאָגיקע צויט
און צינדן און לעשן ס׳געמאַך אין גבול פון זיין הויט.

נאָר דו, געלייטערט און געזאַלבט דורך אומענדלעך פּיין,
זאָלסט, יידמענטש, לעולם, דערהויבן און געהייליקט זיין.

אשרי...

„מערקווירדיק וואָרהאַפּט איז די מאַכט פון קול״

און דער בלויער טייך רינט בלוי
נאָר דאָס רויטע בלוט רינט רויט

רינט, פליסט, רינט.
גוט ווען ס'רינטפליסט אין פאַרמאַכטע אָדערן,
אין די געדיכט־טונקעלע רערן אין לייב
אָנגעליינט אויף גרין גראָז
אין לייב אָנגעליינט אויף לייב.

צעעפנט די רויטפליסיקע שליוזן,
לאָזט זיי פריי מיט שרויט,
מיט האַמער, מיט פלומפּע שווערע זאַכן,
שפּריצן זיי ווילקירלעך און וויסטיקן דאָס לעבן
מיסטיקן שטאָט, פעלד, טאָל, פלוין,
מאַכן שווייגיקע קעלבער שטוינען
אין זייער אָנמאַכט, וויסט געפּרעפּל.

ערד זאַפּט־איין אַלט בלוט
נאָר יונג רויט בלוט
רינט רויט אויפסניי אין יונגע עלאַסטישע רערן
צעקנאָדערטע אָדערן, פאַרעלטערט בלוט
שוואַרץ לייב, טונקלער גורל

ווייס דורכזיכטיק אין יעדן טראָפּן רויט
ווי וואַסערשושק, ווי וואַסערפּליעסק
ווי פּערל געשייניקט אין דעם צעשטראַלטן נימב
פון הימלס ציטערשפּילקע —
— זון

קוניע כוואַסקל

ווען קוניע כוואסקל איז אין הימל אַרויף
איז אים מלאך מיכאל געקומען אַקעגן
אים אָפּגעשטעקט אַ ברייטן „שלום עליכם"
און אויף דער וועלט זיך גענומען נאָכפרעגן

„ס׳מאַכט אַ ייִד? ס׳הערט זיך ביי אייך?
„געבראַכט מיט זיך אַ פּעקל מצוות אויבנאָן?
„אלא ניט, קוניע, האָסטו דיך ניט פאַרנומען
„אין דער רעכטער זייט ביים אָנווייז פון שלאַמבאַן״

קוניע כוואַסקל באַקוקט זיך. פון אַלע זייטן
זעט ער ייִדן מיט בערד אין אַטלעס באַקליידט
זיי זיצן געמיטלעך און שמועסן סטאַטעטשנע
די לופט אַרום געבאָדן אין אומשטערבלעכקייט

„וועמען זעסטו, קוניע?״ פרעגט דער זקן דער מלאך,
„ווילסטו אפשר זען אָדם הראשון אָדער משה רבינו?
„ביסט מסתם טשיקאַוו אַ קוק טאָן אויף אהרן הכהן,
„מוטער שרה צי רחל אָדער אַלע אָבות און אימהות אינאיינעם?״

אָבער קוניע כוואַסקל באַאויגט אַלץ ווי אַ פּויער אין שטאָטגאַס
איבערראַשט פון אַרום, אויגאַנעס אויפגעריסן פון גרויס וווּנדער
ער זעט גאָרניט ניט און זעט דאָך אַלצדינג
זעענדיק אַלעמען און באַגערנדיק צו זען אַלץ באַזונדער

„מיין טאַטן...״ שטאַמלט קוניע מיט ישובניקס געמיט

די הענט פון זשאַן־מאַרי

רענבאַ. איבערגעזעצט ממש ווערטערלעך פון לייאָנעל
אייבעלס ענגלישער איבערזעצונג אין „פּאַרטיזאַן
ריוויו״, נומער דריי, פּרילינג, ז. 76, 1939

דאָס זענען די הענט פון זשאַן־מאַרי,
דאָס זענען די הענט פון זשאַן, ניט פון זשואַנא —
דאָס זענען טונקלע הענט, סודותפולע,
און מעכטיקע, און געלברוין ווי זומער.

ווי אַזוי זענען די הענט פון זשאַן־מאַרי
אָפּגעבערענט געוואָרן ביז צו אַ ווונדערלעך ברונעט ?
אין סאַראַ קאָסמעטישע ימים האָבן זיי געטויכט ?
פון סאַראַ טונקלע סאַזשעלקעס זענען פאַרבשטאָפן דרעגירט געוואָרן ?

זענען זיי געשווומען דורך באַרבאַרישע הימלען
מיט ווייכע רודער־שטרייך פון חנעוודיקע קני ?
האָבן זיי געקייקלט און געקייקלט ציגאַרן,
באַהאַנדלט דראַסטישע דימענטן ?

אויף די וואַרעמע בריסט פון מאַדאָנעס
האָבן זיי געבלעזלט גילדענע בלומען
דאָס בלוט פון בעלאַדאָנעס שלאָפּט זיכער
און פולסירט אין זייערע דלאָניעס.

יעגערינס פון צוויי־פליגלדיקע מינים ?
עקספּערימענטירערינס פון אַווראָרעס
פון דעם אינדיגאָ פון נעקטאַרן ?
האָבן זיי געדינט ווי פלעשעלעך פאַר גיפטן ?

אָ, סאַראַ אייביקער חלום האָט זיי פאַרכאַפּט
מיט זאָנדערבאַרע פאַנדיקולאַציעס ?
סאַראַ קיינמאָל־ניט־געפאַנגענער חלום פון אַזיעס,
פון אינוואַזיעס, כאַנען, ציונס ?

האָבן זיי אפשר געוואַשן און געפּראַטשעט
די מייטקעלעך פון זביקעס ?
ניין, די הענט האָבן ניט פאַרקויפט קיין געטשקעס,
ווילגערוך, פייגן, מאַראַנצן !

דאָס זענען נישט קיין קאָנגעניאַלע פינגער
ווי אַ מאַנכער אַרבעטאָרערינס, אָנגעדראָלן, רוי,
גוט פאַר וויטיען־זיך — ווי באַהיטזאַם
זיי זאָלן ניט זיין לאַקירט אין סמאָלע

דאָס זענען די הענט פון זשאַן־מאַרי
געמאַכט לשם ביינער־ברעכן, מאַכן סיניאַקעס,
צו שפּאַלטן רוקנביינער און שוואַרצע שאַרבנס,
ווי מאַשינעס אָט־אַזוי פּינקטלעך.

קאַרבאַנירנדיק ווי אויוונס
אַוועקרייסנדיק און שטורמענדיק שוידערונגען
זינגט זייער פלייש די סודות
ריטמירט פון דער מאַרסעליעזע!

די הענט וועלן נעמען אייערע איידעלע
ווייסע עלנבויגנס, מיינע דאַמען, אין זייערע הענט!
זיי זיינען דערשטיקערינס, זיי עקזאַלטירן
ווי אַטעלאַס ביי אייערע העלדזער!

גלימצערנדיק, הערשעריש
אין זייערע עקסקוויזיטע פינגער־געלענקן,
פלעקן זונליכט געזעצט ווי רובינען
שרעקן אָפּ משוגעים, אַנטציקן קינדער.

הענט געברוינטע, ניקאָטינטע
פון העפטיקע בריסט, רויכערנדיקע ליפּן,
פון די ליידנשאַפטלעכע, גרינגהאַרציקע
רעוואָלטירנדיקע פּאַריזשער מענער!

אַמאָל זיינען זיי געווען וואונדערלעך בלייך —
ווען די זון פון ליבע האָט אַראָפּגעקוקט
איבער די אומזיכערע באַריקאַדן
און האָט באַלויכטן דאָס בראָנז פון די קאַראַבינערן

אך, צומאָל הייליקע הענט,
ביי אייערע האַנט־געלענקן, ווו אונדזערע ליפּן

שעפטשען מיט פאַרצווייפלונג און שטאָלץ
אַ קייט פון קלאָר־געהעקלטע געשרייען

צומאָל, הייליקע הענט, חלומען מיר
אַז ניט טויט און ניט געשיכטע
קען אָוועקבלוטיקן אַן איינציק זומער־שפּרענקעלע פון
אייערע פּולקאָמע פינגער, דערשעפּט פון בלוט.

ראָבערט פראָסט: די פּאָמפּע וואָס האָט מער קיין פּיפּס ניט געטאָן

דער אויבערהויפּטמאַרשאַל איז עס געווען
וואָס האָט בכבודו ועצמו צוגעזען
ווי מען ראַמט און שייערט דעם קייסערס הויז,
ווי מען לאָזט קיין ווינקעלע ניט אויס
צום קנס־מאָל פון קייסערס טעכטערל
וואָס גייט אום אויפגעלייגט און זאָגט מיט אַ געלעכטערל:
„איבער דיל און טרעפּ, באַנק און טיש
„מיט בעזעם, לאַנטוך, פלעדערוויש —
„איר דינער און דינסטן! לעבעדיק, פריש!
„קיין שטויבל, קיין שפּינוועב זאָל ערגעץ ניט בלייבן!
„ס׳מיסט אַרויסטראָגן, די פליגן אַרויסטרייבן!
„קיין קלאַפּ ניט טאָן זאָל אַ פּאָרטקע, אַ טיר —
„אַלצדינג אויף מאַיעסטעטישן מאַניר.
„דערהויפּט פאַרלאַנג איך פון היינט אָן
„זאָל די פּאָמפּע מער קיין פּיפּס ניט טאָן —
„איר הערט? די פּאָמפּע —
„איר הערט? די פּאָמפּע —
„די פּאָמפּע — איר הערט? — זאָל קיין פּיפּס ניט טאָן״.

אָט זעט נאָר דאָ, טוט אַ קוק, אדרבא,
סע ניט געריייניקט, סע בלויז געשקראַבעט!

וואָס גרילצט אַ־דאָרט? — אָ, שאַנד און שמאַך,
און פונקט ביים קייסערס שלאָפגעמאך!
יעדן פרימאָרגן ווען דער זייגער שלאָגט פיר
פילט־אָן דער לאָקײַ דעם עמער ביים טיר
און ווי ער פּאָמפּעט וואַסער פון ברונען
הערט זיך אַ פּייפן, הערט זיך אַ זשומען,
אַ קוויטש און אַ פּישטש, נאָר אַזוי באַטריבט
ווי פון אַ קאָטער וואָס איז פאַרליבט!
אָן עניק אַ ביסל, ס׳מוז נעמען אַ סוף:
אָט אַזוי צעשטערן דעם קייסערס שלאָף?
אי דאָס דעם מאָרגנשלאָף. דו זענד־א־ווועסטע,
פון יעדן שלאָף דער סאַמע בעסטער!
גיך, באַרשט און זייף און אויל און שמירעכץ
און מאַכט אַ סוף צו אַזאַ מין פּירעכץ.
זאָמיר אַלע אַזוי לעבן אַז פון איצט אָן
וועט די פּאָמפּע מער קיין פּיפּס ניט טאָן
אַזעכער, די פּאָמפּע, —
אַזעכער, די פּאָמפּע, —
די פּאָמפּע ט׳אַזעכער אַ פּיפּס מער ניט טאָן.

איינעראַליין אין גרויסן הויף
שטייט דער קייסער צומאָרגנס אויף
און ער וואָס איז שטענדיק מילד און גוט —
אַ חיה־רעה איז איצט אין ערגסטן מוט!
אומזיסט פאַר אים געדעקט דעם טיש,
אַז ס׳שמעקט אים גאָר קיין מאכל נישט!
ער ברומט און זשיפּעט, פול מיט פאַרדראָס —
און ווייס דאָך אַליין גאָר ניט פאַרוואָס?!
און לייגט זיך קריק אין בעט און וואַכט
און בורטשעט און שילט־זיך די גאַנצע לאַנגע נאַכט.
נאָר ווען פיר פאַרטאָג שוין ענדלעך שלאָגט
און דער לאָקײַ דאָס וואַסער טראָגט
גיט דער קייסער, אין בעט, זיך אַ דריי און אַ קער

און שיסט־אויס: „די פּאָמפּע פּיפּסט שוין ניט מער!
„אוי סטייטש, די פּאָמפּע —
אַי גוואַלד, די פּאָמפּע —
„די פּאָמפּע — — אַן עוולה — — פּיפּסט שוין ניט מער״.

אַזוי גייען די טעג, זעקס, זיבן און אַכט.
דעם קייסערס פּנים — שוואַרץ ווי די נאַכט.
אָט קומט אים אַ וואָרט אויף דער צונג — און אויס:
ס׳בלייבט שטעקן אין קעל און קען ניט אַרויס.
די גאַנצע שטאַטסמאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט:
דער קייסער וויל ניט הערן פון קיין זאַך אין דער וועלט.
די פּרינצעסין, די טאָכטער, רייבט האַנט אין האַנט,
דער איידעם שטייט, בלייך ווי די וואַנט,
סע וויינט און קלאָגט דאָס גאַנצע לאַנד
ביז מיטן ניינטן טאָגס אויפשטייגן
ברעכט פּלוצים דער קייסער זיין טשיקאַוו שטילשווייגן
און מורמלט אַרויס: „מממ... ניימאָדנע זאַכן...
„יונגוואַרג... טויג אַפילו ניט עפּעס צורעכט צו מאַכן —
„ניט צום שלאָפן ביינאַכט... אַלצדינג איז קאַפּויר —
די פּאָמפּע, עהע! — זי פּיפּסט שוין ניט מער!
„די זיסינקע פּאָמפּע —
„די טייערע פּאָמפּע —
„מיין פּאָמפּע — אַן אומגליק! זי פּיפּסט גאָר ניט מער.״

און קוים נאָר דערהערט מען דעם קייסערס אַ וואָרט —
דער הויפמאַרשאַל — פּוץ! איז אויף פון אָרט,
נאָך אים די סוויטע אין מושטירטע ריי׳ן —
דער גאַנצער פּאַלאַץ פון גרויס ביז קליין,
מיט בערשטלעך, קראַצערס פון יעדן סאָרט,
דער נוצט די פינגער, און דער די באָרד,
און ווישט און קראַצט און שאַרט און נאָגט
און רייבט און צירט און דרייט און יאָגט
די צוואַנג און שטאַנג וואָס די פּאָמפּע טראָגט!

אַט־אַט און ס׳שאַלט אַרויס ס׳געזאַנג — —
אָבער נישט! קיין פּיפּס, קיין מינדסטער קלאַנג.
די פּאָמפּע פּאָמפּעט — נאָר אַזוי שטיל און זאַכט
ווי הירשנטריט אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט,
ווי לבנה־שטראַלן אויפן גלאַטן ים —
אומזיסט! — פון דער פּאָמפּע, אַ פּיפּס אַן טעם,
בליץ און דונער —
יאָמער און קלאָג —
פון דער פאַרדאַמטער פּאָמפּע — אַ פּיפּס אָן טעם.

און ווי דער קייסער ווערט — גאָט אים בענטש! —
מיט יעדן טאָג אַלץ מער אויסמענטש,
באַשליסט שוין ענדלעך אין העכסטן שמאַרץ
דאָס מיניסטעריום מיט אַ געבראָכן האַרץ
און שיקט מיט ענדגילטיקן אנטשלוס
צום אויבערהויפּטמעכאַניקוס:
„מיר ווענדן זיך צו דיר ווי צום קלייער ס׳קליין!
„זע אונדזער נויט, פאַרנעם אונדזער וויי!
„העלף דו מיט אַ כישופדיקן שמיי — דריי!
„ד׳ער הויפּמאַרשאַל האָט ווי־אַרום פאַרזען.
„דער קייסער וועלקט, ט׳פון דער וועלט נאָך גיין
„סיידן דו׳סט אונדז אין דער נויט באַשטיין.
„דיין באַלוין וועט זיין אָן אַן עק, אָן אַ צאָל
„קוים מאַכסטו די פּאָמפּע פּיפּסן נאָכאַמאָל
„די פּייניקע פּאָמפּע —
„די לייטישע פּאָמפּע —
„די ווילינקע פּאָמפּע זאָל פּיפּסן ווידעראַמאָל״.

דער אויבערהויפּטמעכאַניקער
אַ געשיקטער פּאָמפּפּאָליטיקער
האָט באַלד דערשנאַפּט ווי אַ דערפאַרענער מאַן
דעם שאָדן וואָס מ׳האָט דאָ אָפּגעטאָן,
ויאמר: „מיינע הערשאַפטן, מיט וואָרן גונסט

„איז דאָ פאַרלאָרן די גאַנצע קונסט.
„זאָל אַפילו מיין לעבן זיין איינגעשטעלט
„און איבערקערן זיך די גאַנצענע וועלט,
„שווער איך, די פּאָמפּע וועט פּיפּסן, פאַרוואר,
„ווען אויף דער דלאָניע ט׳וואַקסן האָר!
„דרום ראָט איך, צוליב דעם קייסערס לעבן,
„אַ מעכאַנישן פּיפּסער דאָ אַרויפשרויפלען אויבן,
„אַזאַ וואָס ט׳פּיפּסן און געבן אַ מרוק
„ווי נאָר מע גיט ביים צווענגל אַ דרוק,
„און כדי דעם קייסערס לעבן זאָל ניט זיין פאַרביי
„וועט די פּאָמפּע פּיפּסן אויפדאָסניי —
„די פּאָמפּע ט׳פּיפּסן —
„וואָדען, זי׳ט ניט פּיפּסן —
„די פּאָמפּע וועט טון־טאָן פּיפּסן אויפסניי״.

געזאָגט און געטאָן. מיט גרויס געצווערג
באַפּוצט דאָס אָרט איצט אַ פּיפּסגעווערק
וואָס פייפט אַזוי זאַנפט, פייפט אַזוי לינד
פאַרגייט זיך צערטלעך ווי אַ וויגנקינד,
קען סקריפּען, קוויטשען, מאַכן מהומה
ווי קיין קאָטער טוט׳ס ניט בעסער, מסתמא!
און פיר פאַרטאָג, ביים ערשטן קריי,
הערט דער קייסער אַ פּיפּס. — ער טוט זיך אַ דריי
אויף דער צווייטער זייט, שלאָפט ווידער איין,
שנאָרכעט אין ווייסן טאָג אַריין,
עסט, טרינקט, רעגירט אין גוטער רו,
באַגליקט זיין לאַנד און זיך דערצו,
איז הויכגעשעצט, זייער שטאַרק באַליבט,
גיט ביד רחבה וואָס גיבן גיבט,
באַגריסט איעדן, איז אַל־געגריסט,
פיין שיין ווויל — און אַלץ, ווי איר שליסט,
דערפאַר וואָס די פּאָמפּע — די פּאָמפּע פּיפּסט!
אונדזעריקע פּאָמפּע — —

אייעריקע פּאָמפּע — —
הידד! אונדזער אַלעמענס פּאָמפּע פּיפּסט!

מ ע ר כ ה

אין פעלדער און וועלדער פלאַמען
טשאַד פאַרמוטשעטע סעזאָנען

הלמאי זיך זאָרגן פאַר געבעטלט ברויט
לעכצן נאָך וואַסער פון געשענקטע לאָגלען
דער שונא זאָל אַהינצו ניט אַריינשמוגלען
סם, צאה — דירעקטן, אומדירעקטן טויט

איטלעכער אַ משה — פון גאָטס קוש באַגליקט
פיענטעט אין פינאַל ווי געבלעזלט ים־שוים
ליגט מען מיט די פיס צו דער טיר שוין
ווערט מען אין וואָרער שליחות געשיקט

דער שונא מיינט זיין דאַרב און מאָרד
איז פּרעכטיקדיק אַזוינס און זעלטענעס אַזעלעכס
מע נעמט אַרויס די ניס און מע לאָזט די שאָלעכץ
ווי פעדערונג צו טאַט פאַרשפּעטיקט דיך צום וואָרט

נאָר ס'טוט זיין וויטאָן ו ו י י און נ י ט
ס'עקלט אָפּ דער שוויס אין זיינע מערדער־טריט
שטעפּט נאָך ווו אַ פויגל אויס אַ זוים

מיט פאַרוואונדיקטן פלעדער אין זעלישן פּייזאַזש
מיט מינדסטן נאָגל קריצט אַ קאַמופלאַזש
מיט שנאָבל קאַרבט בלוטסטראָפּנדיק אַרום דעם רוים
קיינזאַך רירט זיך ניט אַווו
אַלצדינג גליוועט. אַלצו — רו

אויף אונדז קומט איצטער אַ מערכה
שאַנד און שפּאָט, און לעבן — אויס
קיין ווינקל אָנשפּאַר, קיין ליבעשויס
ס׳איז לעבנס לעצטער טויט־געשאַנק.

צו איר

האָסט מיר אַזוי האַפּטיק צעגרינט מיין יוגנט
אַז די עלטער האָט קיין שליטה ניט איבער איר

מעגן אַלע טירן זיין אָפן, בין איך אַ פאַרהאַפּטער
ווייל צוגעהאַקט איז דיין טיר.

אַ חלום אַ וויסטער אַז זי איז געשטאָרבן
און אין מיר טליעט־אויף דער זשאַר פון איר לעבן

דערפאַר ערשט גיי איך אַזאַ ווייטן מהלך
ווייל וואָגלענדיק קום איך צוריק צו איר

כ׳זע שוין ס׳דם ווי ס׳רינט פון מיר
און יעדער בייז צישעט פון מיר
און ס׳טאָגט דער טאָג פון רעכנשאַפט

ס׳איז אַלעמען באַשערט
ווערן נידריקער פון דר׳ערד

כ׳בין אַ טיגער און בראָדזשע אום
כ׳שפּרייז אַהין און שפּרייז צוריק
ווי אַ פּערפעקטער פּאַלינדראָם

אפשר נאַריש, מעגלעך חוצפּהדיק
נאָך איינער אַזוי־אָ יאָרן בענקען.

אפשר גלאָררייך

ווי וואָרצלט מען אויס די שפּורן פון מיין געדעכעניש
ווען איר געדעכעניש טראָגט מעגלעך קיינע שפּורן

קאַלט — און ס׳קלאַפּט דיר צאָן אין צאָן
כ׳בין פאַרצווייפלט און ווייס ניט וואָס צו טאָן
סײַדן דיר צוצושמייכלען

אַ סימן, כ׳האָב דיך אויסגעטראַכט.
אַ סימן ביסט ניטאָ.

דיין האַרץ איז אַ טאַיגע
דיין האַרץ איז אַ תענוג
סע ניט קיין רויך, סע פּערלמוטער

זי ווייס ניט אַז איך לעב גאָר אויף דער וועלט
ווייסט זי׳ס יאָ — וויל זי דערפון ניט וויסן.
(אפשר איז עס טאַקע ניט קיין גרויס פּאַסיר)
נאָר ס׳קאָכט דאָס בלוט נאָך איר געזין
אַז איך בין דאָ און אַז באַגער טרילערט

י״ז תמוז

ווען שבעה עשר בתמוז געפאַלט אום שבת
קרעכצן און אָכצן די אַלטע באַבעס

קוים פאַלט עס אָבער אויס אַ פרייטיק
זעצט מען די חלה אין אויוון פאַרצייטיק

מאַכט זיך אַ דאַנערשטיק שבעה עשר בתמוז
פאַרקאָכן מילכיקס שטעטלשע מאַמעס

קומט אין אַ מיטוואָך דער טאָג אויס צופעליק
איז אויפן האַרצן סומנע און גרעליק

שבעה עשר בתמוז געפאַלנדיק דינסטיק
איז פאַר אַ חתונה זייער ניט גינסטיק

ווען ס׳פאַלט שבעה עשר בתמוז מאָנטיק
איז, ווי נאָר ידזן, טרויעריקלעך קאָנטיק

אויף מיר וואַרפט דער טאָג אָן אַ שטיקל גרויל
ער ציט פון מיר פאַסמעס קאָלירלאָזע יאָרן
ווי אַ קונצנמאַכער סטענגעס קאָלירטע פון מויל

אַז גאָט וויל ניט...

אויך ער האָט אָנגעהויפּט זשמעניעס פול מיט ווערטער,
ווערטער: יאָדרעס צעשיילטע
צום באַ׳טועמען אונדזער לשונס לעקעך,
נאָר צו זיינע, מ׳שטיינס געזאָגט, 28־ער
צעהושען זיי זיך ווי יתומדיקע פייגל־סטאַיעס

ווער קען אים, ווער ווייס אים אין דיסטאַנצירטן אָפּשייד
— — — צייט באַשטויבט אים מיט פאַרגעסלעכקייט.
הילט אים איין אין הערמעטישער אָפּגעשלאָסנקייט,
און זיינע ווערטער, אויב אַפילו ווען־אַמאָל פליגלדיקע
פלעדערן־זיך אין צייטס צעלעכצטע אונטערדערכלעך און פאַרשאָטנטע
געמעכער.

די טינקע שיילט זיך פון די ווענט, סטעליעס;
ס׳געהילץ צעשאָטן אין פאַרפוילטן ניוועץ,
אָט דאָס איז — געביי? תכלית? יִדישלעכע פאַרזאָרג?

מיין זיידע ביים גלאָז וואַרעמס, וואָלט געשמייכלט
אין זיין בכבודיקער באָרד אַריין

און צוגעוואָרפן אַ וואָרט־צווייִ מכוח דעם
וואָס „אַז גאָט וויל ניט, הייסט ניט, באַשטימט ניט,
טאָר דער מענטש עס גאָרניט וועלן״ — — —

אויך זיינע אָנגעהויפטע ווערטער־זשמעניעס
טוליען זיך צו צעלעכצטע סטריכעס
פון געוועזענע
„סדר עולמס״.

צו חוהן

ניט גלאָריע פון 34 יאָר
צו זינגען וויל איך איצט באַווייזן
נאָר אַ לעבן וואָס האַלט זיך אויף אַ האָר
און שטאַרקער איז פון שטאָל און אייזן

דאָס שטאַרקע דאָס ביסטו מיין קרוין
וואָס גיט מיין כרופּקעקייט אַ זינען
מיין גענוספּולסטער באַלוין
ווייטער אונדזער צווייזיין שפּינען

די צייט — — — אומגליק פון ייִדן מענטשן
פאַר דערוואַקסענע און קינדער
כ׳טו זיך דאָך מיט איר גאָר בענטשן
ווייל דו ביסט אויך מיין טרייסט אַצינדער

די ליבע יובלט. דאָס ליד — — — אַ קלאָג.
ליד־ליבע־לעבן — — — איין געמיש
„רייפקייט איז אַלץ״. און שעקספּירס זאָג
איז היינט דער ווין אויף אונדזער טיש

ווי תענוגדיק צו ציילן יאָרן
און רייפן זיך אַן שום פאַרזען.

יעדער יאָר מיינט „ניי־געבאָרן״:
יוגנט ווייס אַז עלטער קען.

אין די אייגענע 4 ווענט — ווי וווּנדערלעך צו זיין...
ווי דורכן פענצטער קוקט אַריין אַ זון אַ דרויסן
אַ שטיק נאַכט אַ טייך
געגוס און פיין געמישט מיט
בעטהאָווען מאָצאַרט באַך

לעצטע רגעס...

מיט אַ געזונט האַרץ, גיט מען זיך אַן עצה:
מע זאָגט דעם, און מע הייסט דעם — — — און עס פאָלגט.
דערגייט מען אָבער ניט דערמיט קיין טאָלק — — —
דערלאַנגט מען זיך גוטברודעריש אין פּלייצע.
נאָר וואָס־זשע טוט מען מיט אַזאַ „קאָראָנע״,
וואָס גליווערט ס׳בלוט און רינצלט הויט
אויסשעפּן דעם באַצייטנס האָפּט און צויט?
דאָ העלפט דען שכל מינערן סכנה?

דו קאַליע פולס: די האַרינטע פון בלומען,
וואָס סקלעראָטירן בלוי אין יעדן אָדער,
לינדערט, יאַטערט, לינדערט ווי אין געמיט צערודערטן:
זי קומט ניט. אָט איז זי געקומען.
איר קול שפּרייט זאַלב. היילונג ברענגט איר בליק.
נאָר אויס מיט קור. זי ציט זיך באַלד צוריק.

כ׳באַגער צו לעבן...

כ׳באַגער צו לעבן. כ׳באַוויל עס אַזוי שטאַרק
ווייל צו דעם טויט ציט מיך נאָך אפשר שטאַרקער

ניט מחמת כ׳בענק נאָך פרישן שטיקל קרקע
נאָר ס׳גלוסט זיך גלאַט פאַרלאָזן דאָס געמאַרק
פון מאַטערדיקן טומל. — ס׳צוקט די וויִע
פון אָפּזאָג אירן, מאַלצייט מיט מיר טיילן;
זאָג איך זיך אָפּ פון איינלאַד פון אַ צווייטער
וואָס גאַרט מ י ך זען. נאָר מיינע אויגן — — — ד י ע.

פאַרבאָרג איך זיך אין קלעמענדיקע איילן.

דו אומזאַט האַרץ — נאָך אַלץ ניט צו דער זעט?
(גענוגנט ניט ס׳וויב, וואָס פּיעשטשעט, וועמען צערטלסט ?
די אָפּגעזאָגטע: זיסער טערטל־מערטל...)
וואָלט ס׳בלוט פאַרלאַנגט פאַרצערונג פאַרן בעט
וואָלט מיר נאָך איצט געראָטן יונגער פלירט.
נאָר גיי זאָג עדות דעם האַרץ: עס העשעט נאָך איר
ווען אירע ליפּן פרום מיין באַק באַרירט.

אַש און שטויב

פון יונג און אַלט, אָן איבערקלויב
ווי פון קוימענקערערס, ווערט אַש און שטויב

גאָלדענע יוגנט, אַלטער דרויב
פון אַלעם ווערט רק אַש און שטויב

די טיפע שרעקן, דולע באַגערן
פרעסן דעם גוף, די נשמה פאַרצערן

ס׳האַרץ צאַפּלט צו גאַרן נאָכדעם

באשר ס׳איז ביטער צו לעבן? נו, לעבט מען ניט

דערשיטער מיך, מיין האַרץ

דערשיטער מיך, מיין האַרץ,
מיטן לעצטן גרויסן שטויס,
דערצאַפּל מיך, מיין לעבן,
מיט קאָרקעס טיף פֿאַרפּראָפּט,
צעפּיר ווי וואַסער מיך, נאַטור,
אין דיין כאַאָס־שויס,
רק, טוט עס נאָר פֿאַמעלעך,
ניט געכאַפּטערהייט.

TABLE OF CONTENTS

I. EGOEMEN 15
II. A VASE OF FLOWERS 79
III. PROCESSIONS 123
IV. VELVEL GOTH 277
V. LAST POEMS 347

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 30 DE ABRIL DE 1957 EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", SAN LUIS 3149, BUENOS AIRES, REP. ARGENTINA.

MICHEL LICHT

COLLECTED POEMS

OBSEQUIO PARA USO PARTICULAR
SIN FINES COMERCIALES.

★

BUENOS AIRES

1957